STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06505

FUN VELT-KVAL

Yitshak Goldkorn

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק גאלדקארן

*

פון וועלט־קוואל

(קליינע עסייען וועגן גרויסע שרייבער)

*

[illegible]
א מתנה.
[illegible]
[illegible] 1963

מיינע ליבע פריינט אברהם און לאה פינקלער — אַ דאַנק פאַר זייער מיטהילף צום דערשיינען פון דעם בוך.

ד ע ר מ ח ב ר

יצחק גאָלדקאָרן

פון וועלט־קוואַל

(קליינע עסייען וועגן גרויסע שרייבער)

אַרויסגעגעבן ביי דער מיטהילף
פון קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס

פאַרלאַג „המנורה" תל־אביב
תשכ"ג - 1963

I. GOLDKORN

FUN WELT-KWAL

SHORT ESSAYS ON GREAT WRITERS

י. גאָלדקאָרן / פון וועלט־קוואַל

©

Copyright by I. Goldkorn

P. O. Box 1213, Winnipeg, Canada

פאַרלאַג „המנורה"
תל אביב, רח' זנגביל 24

„Hamenora" Publishing House
24, Zangwill str. Tel-Aviv, Israel

נדפס בישראל, תשכ"ג
Printed in Israel, 1963

דפוס „אורלי", ת"א, טל. 32062

אינהאַלט

ליטעראַטור פון אַלטערטום

	זייט
קאָנפוציוס	11
לאַאָ־צע	17
עפיקור	24
פלאַטאָ	30
עפיקטעט	36
סענעקאַ	41
מאַרקוס אוירעליוס	46

ענגלישע און אַמעריקאַנער ליטעראַטור

וויליאַם שעקספיר	55
פוירסי ביש שעלי	59
לאָרד בייראָן	62
דזשאָן קיטס	66
אָסקאַר ווײַלד	69
דזשאָרדזש בערנאַרד שאָ	74
וואָלט וויטמאַן	81
עדגאַר עלען פאָ	88
הענרי דייוויד טאָראָ	93

פראַנצויזישע ליטעראַטור

מישעל עוקאָן מאָנטען	111
פראַנסואַ לאַראָשפוקאָ	114
בלעז פאַסקאַל	116
זשאַן לאַפאָנטען	124
וואָלטער	125
זשאַן זשאַק רוסאָ	130
ניקאָלאַס לאַראָן זשילבער	143
אָנאָרע באַלזאַק	148
שאַרל באָדלער	152
פאָל ווערלען	158
אַנאַטאָל פראַנס	164

רוסישע ליטעראַטור

	זייט
פיאָדאָר דאָסטאָיעווסקי	169
לעוו טאָלסטאָי	170
אַנטאָן טשעכאָוו	185
סערגעי יעסענין	193

דײַטשע ליטעראַטור

היינריך היינע	199
פרידריך ניטשע	207
סטעפאַן צווייג	219
פראַנץ קאַפקאַ	224

פון פאַרשידענע ליטעראַטורן

אָמאַר כאַיאַם	235
דאַנטע אַליגיערי	239
עראַזמוס פון ראָטערדאַם	247
מיגועל סערוואַנטעס	250
דזשאַקאָמאָ לעאָפּאַרדי	253
שאַרל קאָסטער	258
אויגוסט סטרינדבערג	263
קנוט האַמסון	268
ווינסענט וואַן גאָג	272
פאַנאַיט איסטראַטי	277

הקדמה

די אַרטיקלען, וואָס קומען אַריין אין דעם בוך, זענען געשריבן אין פאַרשידענע צייטן, ביי פאַרשידענע פאַרהעלטנישן און געמיט־צושטאַנדן. דערפון נעמט זיך די דיספּראָפּאָרץ אין זייער פאַרנעם — אָפט פאַר־קערט־פּראָפּאָרציאָנעל צו דער גרויסקייט פון באַהאַנדלטן שרייבער. טייל מאָל האָבן מיר פּשוט געפעלט די נויטיקע באַדינגונגען, כדי צו קאָנען געבן אַן אויספירלעכע אָפּהאַנדלונג וועגן דעם געגעבענעם שרייבער און זיין ווערק.

אָבער אַפילו די מער־אויספירלעכע אַרטיקלען זענען אויך קאָנדענסירט. איך זוך באַוווסטזיניק און אינסטינקטיוו דעם קינסטלערישן „קפיצת הדרך". איך „דעזערטיר" פון די ברייטע שרייבערישע טראַקטן און טראַקטאַטן, פון דעם באַרעדעוודיק־אַרגומענטירנדיקן דרך המלך — צו דער יחידישער אַלעע, אין אַן איינזאַמער פאַרש־עקספּעדיציע צו די קוואַלן פון שיינקייט; און דער דיגרעסיווער אויסרוף: „מה נאה אילן זה" — איז מיין „לערנען".

איך האָב זיך באַמיט צו פאַרשן, קאָנפראָנטירן דעם שרייבער מיט זיין ווערק, און פאַרקערט. אַ סך מאָל האָט מיך מער אינטערעסירט דאָס וואָס דער מחבר האָט געוואָלט זאָגן, ווי דאָס וואָס ער האָט געזאָגט: די נשמהדיקע און כאַראַקטער־אַטמאָספער — מער ווי דאָס אויסגעדריקטע. מיין צוגאַנג צו די גרויסע שרייבערישע פערזענלעכקייטן איז געווען אַ טאָפּלטע לויב־אָפּשאַצונג: רעפּראָדוצירן די שיינקייט, טיפקייט און דער־הויבנקייט פון קינסטלערישע וויזיעס און אינטעלעקטועל־עטישן שווונג, פון דער צווייטער זייט איז דאָ מיין נטיה צו אַנאַליזירן, אָפּוועגן אויף דער

קריטישער וואָג. איך בין איבערצייגט, אַז דיביידע באַשטאַנד־טיילן זענען נויטווענדיק פאַר יעדער ערנסטער ליטעראַטור־און קונסט־קריטיק.

די אַרטיקלען זענען סוביעקטיוו; זיי פרעטענדירן נישט צו פּסקענען קיין ליטעראַרישע שאלות. זיי גיבן איבער די בילדער און געשטאַלטן פון די שעפערס און זייערע ווערק — געזען דורך דער פּריזמע פון מיין געמיט. אויב זיי האָבן אַ געוויסן אָביעקטיוון ווערט, איז דאָס בלויז אין זין פון קירקעגאַרדס מאַקסימע: „אמת איז סוביעקטיווקייט".

י. ג.

ליטעראַטור פון
אלטערטום

קאָנפוציוס

(551 — 478)

קאָנפוציוס (כינעזיש: „קאָנגצע״: מייסטער קאָנג) איז געווען אַ וואַנדערנדיקער פילאָזאָף, מיניסטער און דיפּלאָמאַט אין דינסט פון פאַר־שידענע פירשטן. ער האָט אָפט געטוישט זיינע שטעלעס אין די פירשט־לעכע הויפן, הגם, ווי ס׳איז צו זען פון זיינע תלמידימס גבית עדות און פון זיינע אייגענע אויסדרוקן, איז ער געווען אַ מענטש פון „געזעצטע״, באַלאַנ־סירטע געדאַנקען און האַנדלונג.

פילאָזאָפיע מיט פּאָליטיק, מאָראַל־לערע מיט דיפּלאָמאַטיע זענען, ווייזט אויס, נישט קיין נאָענטע קרובים. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס קאָנפוציוס איז געווען אַ געשיקטער הויף־מענטש און בקי אין חכמת ה׳עטיקעט. ווייל דער וואָס דינט צום פּרינציפּ, קאָן נישט שטענדיק דינען דעם פּרינץ. און דיפּלאָמאַטיע איז, אין תוך, דובלאָמאַטיע, צוויי־פּנימדיקייט.

צווישן זיינע פיל דעפיניציעס פון חכם, גיט קאָנפוציוס אויך פאָלגנ־דיקע:

„דער חכם פאַרשטייט זיין אויפגאַבע; דער מיטלמעסיקער מענטש — זיין אינטערעס״.

אָבער די אויפגאַבע פון שטאַט איז דער אינטערעס...

ער האָט נישט געהאַט קיין סך דערפאָלג ביי די הערשערס פון די כינעזישע פּראָווינצן, אָבער דערפאַר איז ער געבליבן אין משך פון צוויי און אַ האַלבן יאָרטויזנט דער גייסטיקער פּרינץ פון כינעזישן פאָלק.

דער נביא פון אַ גאָטלאָזער רעליגיע און פון אַ רעליגיעלאָזן גאָט — דעם כינעזישן „טיען״ („הימל״).

קאָנפוציוס פאַרמאָגט נישט די מעטאַפיזישע הייך און נישט די אָפּגרינטיקע טיף פון אַ לאַאָ-צע. דערפאַר פאַרמאָגט ער אויך נישט זיין פילאָזאָפיע פון „באַשעפטיקן זיך מיט נישט-טוען“, דעם פאַטאַליסטישן לאָזן די זאַכן צו זייער באַשטימטן לויף. זיין פילאָזאָפישע שיטה איז מער פּראַקטיש ווי ספעקולאַטיוו, און דערפאַר מער געאייגנט ווי אַ פּראַקטישער וועג-ווייזער פאַר אַ פאָלק.

דער גאַנצער רעליגיעזער אַספּעקט פון קאָנפוציאַניזם רעדוצירט זיך צו אַ באַגרענעצטער צאָל ריטואַלן פון עלטערן-קולט, וועלכע ער האָט נישט פאַרגעשריבן אין נאָמען פון דער גאָטהייט, נאָר וועלכע האָבן עקזיסטירט ביים כינעזישן פאָלק פון אומגעדענקלעכע צייטן, און וועלכע ער האָט טאָלערירט.

רעדוצירט צו אַ האַלב-אַגנאָסטישער, אומבאַשטימטער לערע פון „הימל“.

ער האָט אויך, וואָס אַן אמת, אָנערקענט, זיין הסכם מיטן פאָלקס-גלויבן אין „גייסטער“, אָבער ער האָט האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף „זיין דערווייטערט פון זיי“.

כאַראַקטעריסטיש פאַר קאָנפוציוס׳ אַגנאָסטיציזם איז דער עפּיזאָד, וואָס ווערט איבערגעגעבן פון זיינע תלמידים. איינער פון זיי האָט אים געבעטן זאָגן עפּעס וועגן „לעבן נאָכן טויט“. דער מייסטער האָט געענטפערט: „מיר ווייסן נישט וואָס דאָס לעבן איז — ווי קאָנען מיר וויסן וועגן טויט?“...

און אַזוי זאָגן אַלע וואָס ווייסן, אַז זיי ווייסן נישט...

פון דעם וואָס זיינע תלמידים שרייבן אים-צו, איז אַפילו יאָ צו זען, אַז ער האָט געהאַלטן פון שכר ועונש — אָבער אויף דער וועלט.

אָבער דאָס האָט, וואַרשיינלעך, געהערט צו קאָנפוציוס׳ מאָראַל-פילאָזאָפישן קאָנפאָרמיזם — צופּאַסן זיך אַביסל צו דער פאָלקס מענטאַליטעט, כדי עס נישט צו פאַרלירן, און אויך צוליב זיין וועג פון „גאָלדענעם מיטן“, דעם „עמוד התוך“ פון זיין אידעישן בנין. דאָס איז אויך געווען אַ מין וואָלטערישער: „אויב ס׳וואָלט נישט געווען קיין גאָט, וואָלט מען אים באַדאַרפט אויסטראַכטן“...

די לערע פון באַלאַנסירן צווישן די עקסטרעמען, קומט צום אויסדרוק כמעט אין אַלץ, וואָס דער גרויסער לערער האָט געפּרעדיקט און געשריבן.

„איך וויל נישט און שטויס נישט אָפּ גאָרנישט אַבסאָלוט".

„...דער וועג פון דער פאַרנונפט איז נישט קלאָר... קלוגע גייען אים פאַרביי, די זינדיקע דערגרייכן אים נישט".

„איבערמאָס איז פּונקט אַזוי טאַדלהאַפט ווי נישט גענוגנדיק".

„דער, ביי וועלכן דאָס נאַטירלעכע דאָמינירט איבער דער בילדונג, איז אַ גראָביאַן".

„דער, ביי וועלכן די בילדונג דאָמינירט איבערן נאַטירלעכן, איז אַ פּעדאַנט".

„איינער האָט אים געפרעגט: דאַרף מען אָפּגעבן גוטס פאַר שלעכטס? דער לערער האָט געענטפערט: וואָס וועסטו אָפּגעבן פאַר גוטס? גיב אָפּ גערעכטיקייט פאַר שלעכטס. גיב אָפּ גוטס פאַר גוטס".

קאָנפוציוס' לערע פון פּראַקטישער עטיק, פון מיטעלן וועג און פון מיטעלער גערעכטיקייט האָט עפּעס שייכותדיקס מיט דער יידישער תורה.

לאַאָ־צע, וואָס זאָגט אַז מיט נישט־גוטע איז ער „אויך גוט, כדי זיי צו מאַכן גוט", — איז אין דעם זין נעענטער צו דער לערע פון קריסטנטום.

יאָ, קאָנפוציאַניזם איז די תורה, די לעבנס־פילאָזאָפיע פון מיטלמע־סיקייט.

אָבער אַ מיטלמעסיקייט נישט פון שוואַונג, נאָר אַ פילאָזאָפישער קורצער גלייכער וועג. אַ גאָלדענער דראָט איבער דעם תהום פון לעבן.

און קאָנפוציוס האָט אַליין אָנערקענט, אַז ס'איז נישטאָ דער אַקראָבאַט, וואָס זאָל די ליניע דורכגיין ביזן סוף...

קאָנפוציוס, דער פילאָזאָף און עטישער לערער, איז ווי אַ סטראַטעג וואָס פאַרגרעסערט די אָנגריפס־קראַפט פון זיין אַרמיי, דורך רעדוצירן די פראָנט־ליניע מיט דער הילף פון אַ טאַקטישן מאַנעווער.

ליקווידירנדיק דעם מעטאַפיזיש־פילאָזאָפישן „פראָנט", האָט דער לערער געוועגדעט זיינע הויפּט־קרעפטן צום מענטש, צו זיין זעלבסט־דער־קענטעניש און זעלבסט־פּערפעקציע דורך קולטור און זיטלעכקייט.

אין דעם געביט פון מענטשלעכער זעלבסט־דערקענטעניש, אין באַטאָנען דעם עטישן גרונט־פּרינציפּ און אין כסדרדיקן אָנווייזן אויף דער נויטיקייט צו זיטלעכער זעלבסט־אַנטוויקלונג, זוכן דעם וועג — איז קאָנפוציוס גרויס און אייביק.

*

אויך אין זיין התנהגות איז געווען עפּעס פון אַ מיטלמעסיקער גוטס־קייט. ער האָט געכאַפּט פיש נאָר מיט געוויסע מכשירים; ער האָט נישט געשליידערט קיין פיילן אויף שלאָפנדיקע פייגל...

די אויסגעצייכנטסטע און פּאָלקאָמסטע עטישע יחידים ברענגען נישט אום קיין לעבעדיק וועזן — נישט קיין שלאָפנדיקע און נישט קיין וואַכנ־דיקע. און אַ יאַפּאַניש ווערטל זאָגט: „דעם פיש איז אַלצאיינס צי מען קאָכט אים אָדער מען פּרעגלט אים"...

אָבער די מאָס גוטסקייט, וואָס ער האָט יאָ געהאַלטן פאַר צוגעגנלעך פאַרן מענטש, האָט ער געלערנט און דורכגעפירט מיט אַן אומגעוויינט־לעכער רייכקייט פון אויסדרוק און שטאַרקייט פון כאַראַקטער.

אַ סך פון דעם מייסטערס מאַקסימעס און אַפּאָריזמען געהערן, לויט זייער גלענצנדיקער שיינקייט — אָפּגעזען פון זייער הויכן עטיש־פילאָזאָ־פישן און פּסיכאָלאָגישן ווערט — צו די פינקלענדיקסטע איידלשטיינער אין דער קרוין פון דער אוניווערסאַלער מענטשלעכער חכמה („דער חכם"):

„דער מיטלמעסיקער מענטש דערוואַרט אַלץ פון אַנדערע; דער חכם דערוואַרט אַלץ פון זיך".

„דער פיילנבויגן־שליידערער האָט אַ געוויסע ענלעכקייט מיטן חכם: ווען ער האָט נישט געטראָפן אין ציל, זוכט ער די סיבה דערפון אין זיך זעלבסט".

„דער חכם איז נישט קיין ספּעציאַליסט. ער זוכט דאָס אוניווערסאַלע און נישט דאָס איינצלנע. דער מיטלמעסיקער מענטש פאַרגלייכט, און פאַראַלגעמיינערט נישט".

פון וועלט־קוואל

„דער חכם איז זיך נישט מצער וואָס די מענטשן קענען אים נישט; ער איז זיך מצער וואָס ער קען נישט די מענטשן".

וועגן קולטור:

„דאָס וואָס מען ווייסט, וויסן אַז מען ווייסט עס; דאָס וואָס מען ווייסט נישט, וויסן אַז מען ווייסט עס נישט — אָט איז דאָס אמתדיקע וויסן".

„דער, וועמענס געדאַנק גייט נישט ווייט, וועט זען זאָרג פון דער נאָענט".

„נישט פאַרבעסערן זיך נאָך אַ פעלער — אָט איז דער פעלער".

וועגן הומאַניזם:

„איך קאָן, פונקט ווי יעדער איינער, אויסטיילן גערעכטיקייט. דאָס וויכטיקע, אָבער, איז צו מאַכן אַזוי, אַז ס'זאָל אינגאַנצן נישט זיין קיין פראָצעס".

ווי אַנדערע גרויסע מאָראַליסטן, האָט קאָנפוציוס אין געביט פון צווישן־מענטשלעכער מאָראַל אָנגענומען אַלס גרונט־באַזע דעם זאַץ: „וואָס דו ווילסט נישט מען זאָל דיר טאָן, זאָלסטו נישט טאָן צו אַנדערע".

נישט קוקנדיק אויף אַלע עוואָלוציעס און רעוואָלוציעס פון מענטשלעכן געדאַנק, איז אָט דער אַלטער גרונטזאַץ נאָך אַלץ דער סאָלידער פונדאַמענט, אויף וועלכן ס'האַלט זיך דער גאַנצער בנין פון דער מענטשלעכער עטיק, פון האַרמאָנישע באַציונגען בין אדם לחברו.

עס קאָן זיין, אַז „ליב האָבן דעם צווייטן ווי זיך גופא" איז אַ גוזמאדיקע פאָדערונג. דאָס איז אַ מאָראַלישער „וועקסל" אויף אַ פאַנטאַסטישער סומע גוטסקייט, וואָס וועט, מן הסתם, קיינמאָל נישט געצאָלט ווערן.

אָבער נישט טאָן דעם צווייטן, וואָס מען האָט אַליין נישט ליב — איז מעגלעך לויט דער מענטשלעכער טבע — אין אַן אמתדיק מאָראַליש אַנטוויקלטער געזעלשאַפט.

וואָס שייך דעם סאָציאַל־פּאָליטישן טייל פון זיין לערע, דערשיינט קאָנפוציוס ווי אַן אידעאָלאָג פון אַן אידעאַלן ליבעראַלן מאָנאַרכיזם, פון אַ מלוכה רעגירט פון אַ מין פלאַטאָנישן קעניג־פילאָזאָף.

אָבער מלכים־פילאָזאָפן זענען זעלטענע דערשיינונגען.

און סיי מאָנאַרכיסטישע, סיי דעמאָקראַטישע סיסטעמען זענען אַלט

ווי די וועלט, וועלכע קרעכצט, זיך איבערדרייענדיק פון דער רעכטער זייט צו דער לינקער — און פאַרקערט...

וואָלטער, ווערנדיק אַמאָל אָנגעפרעגט פון אַ קאָרעספּאָנדענט וועגן זיינע פּאָליטישע איבערצייגונגען, האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אַ מאָנאַרכיע; „אָבער" — האָט ער צוגעגעבן — נאָר מיטן באַדינג, אַז דער קעניג זאָל זיין אַן אוירעליוס, ווייל אויב נישט — וואָס איז מיר דער חילוק אויב איך ווער אויפגעפרעסן פון איין לייב אָדער פון הונדערט ראַטן?"...

און די „הונדערט ראַטן" האָבן אָפט פאַרצוקט מיט דער זעלבער אכזריות ווי דער איינער „לייב"...

און אין הסכם מיט זיין אַריסטאָקראַטישער איינשטעלונג האָט קאָנפוציוס געשריבן:

„די צאָלרייכע פאַרזאַמלונגען, וואָס דויערן אַ גאַנצן טאָג און בעת וועלכן ס'ווערן אַרויסגעזאָגט אומפאַרנונפטיקע סברות... פאַרענדיקן זיך מיט אַ קאַטאַסטראָפע". אַ צווייטע מאַקסימע וואָס דעוואַלוירט פּאָפּולאַריטעט:

„ווען אַ מענטש איז באַליבט פון אַלע זיינע מיטבירגער, באַווייזט דאָס גאָרנישט. ווען ער איז פאַראַכטעט פון אַלע, באַווייזט דאָס גאָרנישט. וויכטיק איז, אַז ער זאָל זיין געליבט פון די גוטע און פאַראַכטעט פון די שלעכטע".

„ווען דער המון פאַראַכטעט עמיצן: פאָרשט אים אויס. ווען דער המון האָט ליב עמיצן, פאָרשט אים אויס"...

מיט זיינע פאַרשידענע סתירות, בלייבט דאָך קאָנפוציוס צווישן די גרויסע אידעישע קאָנסטעלאַציעס אויפן הימל פון דער געשיכטע. די מענטשהייט בלאָנדזשעט זייט יאָרטויזנטער אויף אַ שטורמיש נאַכטיקן אָקעאַן. ביז איצט איז נאָך נישט דערפינדן געוואָרן דער פּרעציזער קאָמפּאַס, וואָס זאָל ווייזן דעם ריכטיקן וועג. אָבער לויטן ליכט פון דער אייביקער חכמה וואָס שטראַלט אויס פון די שטערן־גייסטער, מוזן די שטייערמענער, די פעלקער־קאַפּיטאַנען קערעווען דאָס ראָד:

„אויסצומיידן שלעכטס, ווי איינצוטונקען די האַנט אין זידנדיק וואַסער".

לאָ־צע

(געבוירן 604 פ״ק)

פון הינטער דעם געדיכטן נעפל פון יאָרטויזנטער, פון דעם ווייטן כינע, וואָס איז דורך פיל דורות געווען אָפּגעטיילט פון דער וועלט מיט אַ פיזישער און גייסטיקער מויער, שיינען צו אונדז די זוניקע רייד פון איר גרויסן נביא און חכם, לאָאָ־צע.

זינט אַ פּאָר הונדערט יאָר איז אַזיע גייסטיק אַנטדעקט געוואָרן און די ראַפינירטסטע גייסטער פון אייראָפּע און אַמעריקע זענען צוריקגעגאַנגען צום אַלטן קוואַל.

צו דער סודותפולער מוזיק פון דעם קולטור־וויגעלע, צו די ווייטע ברעגן פון גאַנגעס און יאַנג־צע; צו די שטילע טריט און זאַנפטע רייד פון די נביאים און לערערס פון אינדיע און כינע — די צוויי עלטסטע און גרעסטע ציוויליזאַציעס פון דער וועלט.

דער „טאָאָ־טע טשינג״, לאָאָ־צעס אומשטערבלעך ווערק, איז אַן אמתער מעט־הכמות ורב האיכות: אינגאַנצן עטלעכע צענדליק זייטלעך מיט קווינטעסענץ־באַטראַכטונגען, געדאַנקען און פאַרשריפטן. אָבער זייער נשמהדיקער רוים איז אומענדלעך.

און נישט וויכטיק איז די פלוגתא, צי דער „טאָאָ־טע טשינג״ איז אָריגינעל געשריבן פון לאָאָ־צע, אָדער ער באַשטייט בלויז פון אַ טייל פון זיינע געדאַנקען, צוזאַמענגעשטעלט דורך שפּעטערדיקע מחברים, אָדער אַפילו דאָס ווערק זאָל האָבן געשריבן געוואָרן דורך אַנדערע.

ווער ס׳זאָל נישט האָבן געשריבן שעקספּירס ווערק: דער „ריכטיקער״ שעקספּיר אָדער אַ פאַלשער — פאַר אונדז איז דאָס אַן אמתדיק ווערק פון אַן אמתדיקן קינסטלער.

ווער ס׳זאָל נישט געווען זיין דער מחבר פון טאָאָ־טע טשינג — דער „ריכטיקער״ לאָאָ־צע אָדער אַ „פאַלשער״ — פאַר אונדז איז דאָס סיווי

אַן אוצר פון דערהויבענער חכמה, און זיין מחבר — איינער פון דער וועלטס גרעסטע נביאים און מאָראַליסטן.

דער „טאָא־טע טשינג״ באַשטייט פון עטלעכע שנירלעך געדאַנקען און באַטראַכטונגען:

טאָא (די גאָטהייט) אין טראַנסצעדענטאַלער און פיזישער דערשיינונג;

טאָא אַלס מאָראַלישער פּרינציפּ אָדער טוגנט;

די לערע פון אומטעטיקייט; שפלדיקייט און הכנעה;

און זאָגן און פאָרשריפטן פון פאַרשידענעם כאַראַקטער.

אָט זענען עטלעכע אויסצוגן:

„דער טאָא וואָס ווערט אויסגעדריקט מיט ווערטער איז נישט דער אמתדיקער, אייביקער טאָא... נאָר איינער וואָס איז פריי פון ערדישע ליידנשאַפטן, קאָן באַנעמען זיין גייסטיקע עסענץ.

„...מיר קאָנען דאָס רופן: פאָרם פון פאָרמלאָזן, בילד פון בילדלאָזן, דאָס ריינע... אומדעפינירבאַרע.

„...ווי אַזוי ווייס איך דאָס וועגן דעם אָנהייב פון די זאַכן? דורך טאָא.

„פאַראַן עפּעס כאַאָטישס און דאָך פולקאָמס, וואָס האָט עקזיסטירט פאַר הימל און ערד. אָ, ווי שטיל איז עס און פאָרמלאָז, שטענדיק אַליין אָן ענדערונג... עס מוז באַטראַכט ווערן אַלס די מוטער פון אוניווערס. דעם נאָמען דערפון ווייס איך נישט. צו באַצייכענען עס, רוף איך דאָס טאָא.

„...דאָס געזעץ פון טאָא איז זיין אייגענע ספּאָנטאַנישקייט.

„...די וועלט האָט אַן אור־סיבה, וואָס קאָן באַטראַכט ווערן ווי די מוטער פון דער וועלט. ווען מען קען די מוטער, קאָן מען קענען דאָס קינד״...

פון די שורות לאָא־צעס ווייעט אַן עטערישער הויך. וווּנדערלעך איז זיין געלייטערטער באַגריף פון דער געטלעכקייט.

אין די מערסטע רעליגיעזע דאָגמעס — אַפילו אין די אוניווערסאַלסטע — איז דער באַגריף פון גאָט אַ האַלב אָדער גאַנץ אַנטראָפּאָמאָרפישער. עפּעס אַן אויבערשטער דיקטאַטאָר, וועמענס אייטלקייט איז נישט קלענער פון זיין אַלמעכטיקייט...

אַפילו זיין ליבשאַפט איז אַן אהבה שתלויה בדבר, וואָס פאָדערט געניִיע קעגנזייטיקייט.

אָבער לאַאָ־צעס קאָנצעפּציע פון דער געטלעכקייט־פאַרערונג איז פונקט אַזוי דערהויבן ווי דער באַגריף פון דער געטלעכקייט אַליין: „דער דאַזיקער שבח איז נישט קיין רעזולטאַט פון אַ געבאָט, נאָר איז שטענדיק ספּאָנטאַן“.

עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם געלייטערטן באַגריף פון רעליגיעזיטעט — די אָפּוועזנהייט פון יעדן מיטאָס, וואָס איז אין מאַנכע רעליגיעס נאָר אַ דיקע שאָל, און אין אַנדערע — דער קערן גופא...

די גרינדערס פון די גרויסע מאָנאָטעיסטישע רעליגיעס האָבן אַ ביסל פאַרמענטשלעכט די געטלעכקייט; איינע האָט פאַרגעטערט די מענטשלעכקייט...

זייערע עווידענצן זענען גראַנדיעזע ספּיריטיסטישע סעאַנסן...

מאַגישע עקספּערימענטן פון קאָסמישן פאַרנעם...

עס איז אמת, אַז די לעצטע קאָנען מער אַפּעלירן צו דעםליידנדיקן וועזן. אַ באַגריף פון אַ גאָט, וואָס באַשטימט דעם גורל פון פעלקער און יחידים; פון אַ הימל, וואָס איז אַ קאָסמישער אינספּעקטאָריאַט, צו וועלכן יעדער ליידנדיקער און באַעוולטער קאָן זיך ווענדן מיט בקשות, — אַזאַ אוטיליטאַרע רעליגיע אַפּעלירט פיל מער צום דורכשניטלעכן מענטש, ווי די פאַטאַליסטישע און דעטערמיניסטישע קאָנצעפּציעס.

אָבער אין לאַאָ־צעס באַנעמונג פון העכסטן וועזן ווערט בפירוש נעגירט דער אַ וועזנטלעכער עלעמענט פון אַלע רעליגיעס: דער רעליגיעזער ריטואַל, דער צערעמאָניאַלער. אין אָט דער אַלטער רעליגיעזער קאָנצעפּציע זענען פאַראַן די עלעמענטן פון שפּינאָזעס „גייסטיקער ליבע צו גאָט“, פון רוסאָס „גלויבנס־באַקענטעניש פון סאַוואיער וויקאַר“, פון טאַראָס פאַנטעיסטיש־אָנגעזאָפּטע שורות און פון וואָלט וויטמאַנס אמתדיק גרויסע רעליגיעזיטעט.

אָט די אַנטי־ריטועלע תורה, וואָס דיסטאַנצירט זיך פון יעדן רעליגיעזן צערעמאָניאַל, איז אַליין, אין משך פון דער צייט, מיט דער הילף פון אירע טאַאָיסטישע כהנים, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן עבודה זרה פון

אַ פּוסטן קולט. דורך שווינדלערס און שוואַרץ־קינסטלערס איז די טאָאָ־לערע געוואָרן דעגענערירט, אויסגעליידיקט פון איר נשמהדיקן תוך, בלייבנדיק אַ געמיש פון פאַרשידענע ווולגאַרע אַבערגלויבנס, וואָס זענען אומפאַרמיידלעכע שאָטנס פון יעדער רעליגיע...

די ריינסטע לערעס ווערן אַ ביסל קויטיק ווען זיי ווערן „אָנגענומען" פון פילע הענט...

אויב דער נביא פון טאָאָ איז גרויס אין זיין מעטאַפיזישער דערקענטעניש, איז ער דאָס נישט ווינציקער אין די אַנדערע אַספּעקטן פון זיין לערע.

אין דעם דינעם העפטל זענען פאַראַן — אין אַ סובלימירטער פאָרם — די יסודות פון אַלע עטישע סיסטעמען.

„דאָס העכסטע גוטס איז ווי וואַסער, ווייל וואַסער איז אויסגעצייכנט אין ברענגען נוצן צו אַלע זאַכן, און עס שטרעבט נישט (אַרויף). עס פאַרנעמט דעם נידעריקסטן פּלאַץ, פון וועלכן מענטשן עקלען זיך. דעריבער איז עס גלייך צו טאָאָ.

„ווען דיין אַרבעט איז געטאָן און רום איז דערגרייכט, דאַן צי זיך צוריק אין הינטערגרונט, ווייל דאָס איז דער וועג פון הימל.

„...דער וואָס ווירקט אין איינקלאַנג מיט טאָאָ, ווערט איינס מיט טאָאָ...

„...דער וואָס שטעלט זיך בראש, גלענצט נישט. דער וואָס איז באַרימעריש, האָט נישט קיין פאַרדינסט. דער וואָס דערהייבט זיך אַליין, גרייכט נישט הויך, באַאורטיילט לויט טאָאָ, איז ער ווי אָפּפאַל פון מאָלצייטן... — אַן אָביעקט פון אַלגעמיינעם עקל. איינער וואָס באַזיצט טאָאָ, האָט נישט צו טאָן מיט אַזעלכן.

„פולקאָמע טוגנט דערוועקט גאָרנישט, דעריבער דערהאַלט זי אַלצדינג...

„דער וואָס איז אויפגעקלערט אין טאָאָ, זעט אויס צו זיין איינגעהילט אין פינצטערניש. דער וואָס איז פאָרגעשריטן אין טאָאָ, שיינט צו גיין צוריק...

„דער מענטש פון העכסטער טוגנט דערשיינט נידעריק. דער וואָס איז אמתדיק לויטער, באַנעמט זיך אַזוי ווי ער וואָלט געווען באַפלעקט. דער

וואָס האָט טוגנט אין איבערפלוס, באַנעמט זיך ווי ער וואָלט נישט געהאַט גענוג...

„דער וואָס איז איינפאַך און אמתדיק, דערשיינט אומסטאַביל ווי וואַסער... דער וואָס שטעלט זיך אויף די שפּיץ פינגער, שטייט נישט פעסט...

„אויב טאַאָ וועט הערשן אויף דער ערד, וועלן פערד באַנוצט ווערן צו צוועקן פון לאַנדווירטשאַפט; אויב נישט... וועלן אומעטום קריגספערד געהאָדעוועט ווערן.

„...איבערקלייבערישקייט אין עסן־טרינקען, איבערפלוס פון אייגנטום און ווילשטאַנד — דאָס אַלץ רופֿ איך... רויב. העכסט־זיכער איז דאָס נישט טאַאָ.

„וואָפן, ווי שיין זיי זאָלן נישט זיין, זענען אינסטרומענטן פון אַ שלעכטן פאַרצייכן... דער וואָס האָט טאַאָ, וועט גאָרנישט האָבן צו טאָן מיט זיי.

„ווו מיליטאַריסטן זענען געשטאַנען, וואַקסן אויס... „דערנער".

*

אַ באַזונדערן פּלאַץ פאַרנעמט אין לאַאָ־צעס וועלט־בליק די פילאָזאָפיע פון פּשטות און באַשיידנקייט.

טיף האָט דער וווּנדערלעכער חכם אַריינגעדרינגען אין וועזן פון זאַכן, הויך זיך דערהויבן אין שוווּנג פון זיין וויזיע; ער האָט געזען דעם גרויסן אידעאַלן אור־טייך, פון וועלכן עס שטראָמען אַרויס גוטסקייט, שיינקייט און אמת; מאַכנדיק זייערע אומענדלעכע קרייזן, פליסן זיי צוריק צו זייער אור־שורש...

אמת גרויסע רעליגיעזע גייסטער, געדאַנק־פירשטן, פילאָזאָפן, זענען געווען באַגרינדערס פון פּשטות, און האָבן זיך באַוויזן פאַרויס צום אַבסאָלוט פון דער וויזהייט — דער „איינהייט" — דורך גרעסטער באַשיידנקייט, אמת און הכנעה.

דאָס איז, פאַרשטייט זיך, נישט צו פאַרטוישן מיט דער וווּלגאַרער

„פשטות" פון גייסטיק־איין־קעמערלדיקע באַשעפענישן. איינשטיינס פשטות איז הימל־הויך פון דער מגושמדיקער פשטות פון אַ המונישן מענטש.

ביי לאָאָ־צע איז דאָ די גרויסע דערקענטעניש פון באַשיידנקייט און אויך פון דעם מענטשנס „נאַטירלעכער" מאַסקע — דעם אָנשטעל. די פאַרשידענע אַפּן־גרימאַסן, אין וועלכע דעם לעצטנס קרוב האָט דערגרייכט אַזאַ פּערפעקציע...

די וועלט איז פול מיט פאַלשע צדיקים, זעלבסטבאַרימטע חכמים און פּראַזעאַלאָגן, וואָס באַהאַלטן זיך אונטערן געדיכטן שטויב פון זייערע ווערטער — אומצייליק און טרוקן ווי זאַמד...

דער שלא לשמה באַהערשט די וועלט — און דאָס איז די גרעסטע עבודה זרה.

עס קאָן זיין, אַז אַן ערלעכער רשע איז בעסער פון אַ פאַלשן צדיק...

דער פאַלשער צדיק קומט אָפט ווי דער וואָלף אין דער שעפּסנפעל פון דער פאַבל...

דער ערלעכער רשע און דער פאַלשער צדיק זענעןביידע שלעכט. אָבער דער ערשטער האָט די מעלה, וואָס ער איז ערלעך אין זיין רשעות.

*

פון הינטער טויזנטיאָריקע נעפּלען שטראַלט אַ שוואַכער שטראַל; נישט מיט דונערן און בליצן, נישט מיט פייערלעכע קאָסמישע און נאַטור־רעוואָלוציעס, נאָר מיט אַ שטילער, שטילער שטימע פליסטערט ער, דער הייליקער חכם — אין זיין אומפאַרגלייכלעכער נאַיווקייט:

„דער וואָס שטעלט זיך אויף די שפּיץ פינגער, שטייט נישט פעסט".

„דער וואָס איז גרויס, מוז מאַכן הכנעה זיין באַזע... שפּלדיקייט זיין פונדאַמענט. דעריבער איז עס, וואָס מאַנכע זאַכן זענען פאַרגרעסערט, זייענדיק פאַרקלענערט, אַנדערע זענען פאַרקלענערט, זייענדיק פאַר־גרעסערט".

ווער ווייסט וויפל קאָמפּליצירטע עוואָלוציע־שטאַפּלען דער מענטש־לעכער געדאַנק וועט נאָך מוזן אַריבערגיין, וויפל טעאָרעטישע פינצטער־

נישן ער וועט נאָך מוזן דורכמאַכן, וויפל דאָגמאַטישע מדבריות דורכ־וואַנדערן, — ביז ער וועט קומען צום ווייט־מזרחדיקן אור הגנוז:

„נוץ דאָס ליכט וואָס איז אין דיר, כדי צוריקצוקומען צו דיין נאַטיר־לעכער קלאָרקייט פון זען"...

לאָאָ־צע, דער וווּנדערלעכער לערער, האָט אין געציילטע פּאַראַגראַפן אַריינגעפּאַסט די העכסטע, געלייטערטסטע אַנטפּלעקונגען פון מענטשלעכן גייסט.

לאַראשפוקא האָט געזאָגט, אַז „ס'איז די טבע פון גרויסע גייסטער צו זאָגן אַ סך אין ווייניק ווערטער..."

אָבער ס'איז אויך די טבע פון גרויסע גייסטער צו זאָגן טיפע, קאָמפּלי־צירטע געדאַנקען אין פשוטע ווערטער, פּונקט ווי ס'איז דער שטייגער פון קליינע גייסטער צו זאָגן באַנאַלע אמתן און אמתדיקע פלאַכקייטן אין קאָמפּליצירטע זאַצן.

די פּאָליצעס פון דער וועלט זענען פאַרפולט מיט ווייניק־ אָדער גאָר־נישט־זאָגנדיקע ווערטער.

ווען מען נעמט מיריאַדן ביכער — ספּעציעל פון די מאָדערנע צייטן — צום כעמישן אַנאַליז אין דער געדאַנק־לאַבאָראַטאָריע, ווייזט זיך אַרויס, אַז זעאונג, הערונג און אורשפּרונגלעכער געדאַנק זענען פאַרטרעטן מיט „ערזאַץ", אָדער פאַראַן נאָר אין אַ מינימאַלער פּראָמיל־פאַרהעלטעניש.

שווערע, בייכיקע ביכער, וואָס פּרעטענדירן צו זיין אַנטפּלעקונגען, זיכערע וועגן צום אינערלעכן סוד, וואָס רופט זיך מענטש, און צום אויסער־לעכן, וואָס רופט זיך אוניווערס — זענען מערסטנטייל נאָר סיסטעמאַטישע בלאָנדזשעונישן אין אייגענעם טערמינאָלאָגישן וואַלד.

לאָאָ־צע איז אַ כהן פון אַן אידעאַלן טעמפּל — פון דער קאָנצענטרירטער קאָנטעמפּלאַציע. עס הערשט דאָ אַ הימאַלאַיש שווייגן. דו, וואָס גייסט דאָרט אַרייך, מוזט אויסטאָן די שיך און זיך וואַשן פון וועלטלעכן שטויב. אויס־לעשנדיק די בלענדנדיק־שרייענדיקע, אָבער קורץ־גרייכנדיקע ליכט פון דעם ביליקן שכל, וועלן זיך פאַר דיר אַנטפּלעקן אַן אויסגעשטערנטע אומבאַשרייבלעכקייט... יעדער שטערן ציטערט, מיניעט מיט רמיזהדיקן ווינק פון אַ סודותפולער אומענדלעכקייט און אונענדלעכן סוד...

עפיקור

(271—342 פ״ק)

עפיקור איז געווען אַ פילאָזאָף שבעל פה ושבכתב ער זאָל לויט דיאָגענעס לאַערטיוס האָבן געשריבן אַרום 300 ווערק. אויב מען דאַרף אַפילו אָראָפּדינגען — לויט אַנדערע פאָרשערס — אַ העלפט, האָט ער נאָך אַלץ געהערט צו די פּרוכטבאַרסטע שעפערס אין דער געשיכטע. אָבער פון זיי זענען נאָר געבליבן געציילטע פראַגמענטן, צווישן אַנדערע — אין די חורבות פון הערקולאַנום.

עפיקורס לערע איז דורכאויס אַ מאַטעריאַליסטישע. אין זיין פיזיק איז דער אָנהויב און סוף פון אַלץ — דער אַטאָם. אין זיין לערע פון לאָגיק, פון קריטעריע, איז די חושימדיקע עמפינדונג די באַזע פון אונ־דזערע ידיעות און פערצעפציעס פון דער אויסערלעכער וועלט. ער באַטראַכט אַלס דאָס העכסטע גוטס דעם האַרמאָנישן וווילשטאַנד פון קערפער און גייסט. און גאָר די מענטשלעכע מאָראַל ווערט ביי אים דעפינירט אין צוויי ווערטער: „אויסקלויבן, אָפּוואַרפן״. די קריטעריע פון מענטשלעכן אמת איז: וווילשטאַנד, אָדער שלעכט פילן זיך.

די לערע, אַז דער אוניווערס איז אַ קדמון, אַן אומענדלעכקייט פון קערפערס און שטח, איז אַליין, אין דער געשיכטע פון מענטשלעכן גייסט אַ קדמון. עפיקור האָט נישט אַנטדעקט די לערע פון אַטאָמען. ער האָט זי גענומען ביי דעמאָקריטן, און פאַר דעמאָקריטן האָט זי געלערנט דער פעניקיער מאָסכוס. דער לערער פון דער שיטה זאָל האָבן געווען אַן אינדישער פילאָזאָף פון אַלטערטום, קאַנאַדאַ. אָבער עפיקור האָט די לערע פון די אַטאָמען, אַזוי צו זאָגן, פאַרוואַנדלט אין גאַנצע אָרגאַניזמען. לוקרעציוס האָט אָט דעם עפיקורעישן וועלט־פּרינציפּ אויסגעדריקט אין זיין דידאַקטישער פּאָעמע „וועגן דער נאַטור פון זאַכן״, אין דעם באַרימטן פערז: „פון גאָרניט אַנטשטייט גאָרנישט; אין גאָרנישט ווערט קיין זאַך נישט פאַרוואַנדלט״.

לויט עפּיקורן איז די נשמה „אַ זייער סובטעלער עלעמענט, וואָס איז פּאַרשפּרייט איבערן גאַנצן קערפּער, און איז זייער ענלעך צו אַ פייער־פלאַם, אַנטהאַלטנדיק גלייכצייטיק לופט און פייער".

אין זיינע פאַרבליבענע שריפטן ווערט, וואָס אַן אמת, דרך אגב דערמאָנט אַ העכסט וועזן, אָבער דאָס איז אַ גאָט וואָס מישט זיך נישט אין דער אוניווערסאַלער אַדמיניסטראַציע; אַלע עסקים האָט ער איבער־געגעבן צו זיינע שטעלפאַרטרעטערס — די אַטאָמען...

אָבער אַפילו אַט דער פּאַסיווער גאָט איז אַזוי אָרגאַניש פרעמד דער גאַנצער מאַטעריאַליסטישער גרונט־קאָנצעפּציע פון עפּיקורן, אַז ס'קומט אויף דער פאַרדאַכט: דאָס איז פון זיין זייט געווען אַ פיגוראַטיווער קאָנ־פאָרמיזם, נישט וועלנדיק טיילן דעם גורל פון די פאַרטריבענע אַריס־טאָטלעס און אַנאַקסעגאָראַס, אָדער פון דעם אומגעבראַכטן סאָקראַטעס.

*

איינער פון זיינע תלמידים, אַפּאַלאָדאָר, דערציילט ווי אַזוי עפּיקור, אַלס קינד, האָט געגעבן זיין לערער אַ האַרטע ניס צו צעקנאַקן. בעת דער לעצטער האָט פאַר אים געלייענט דעם זאַץ פון העזיאָד „פאַר יעדער זאַך איז באַשאַפן געוואָרן דער כאַאָס". דער תלמיד האָט אים דאַן גע־פרעגט: „פון וואָס איז ער באַשאַפן געוואָרן, אויב מען האָט אים געמאַכט פאַר יעדער זאַך?"... דער לערער האָט אים געענטפערט: „דאָס איז נישט מיין עסק; דאָס האָט אַ שייכות צו די פילאָזאָפן".

אָבער אַז די וועלט, אין דער פאָרם פון אַטאָמען, האָט פון אייביק אָן עקזיסטירט פון זיך אַליין, איז אַזוי אומבאַגרייפלעך ווי די הנחה, „אַז פאַר יעדער זאַך איז באַשאַפן געוואָרן דער כאַאָס"... ווי אַזוי דער גרויסער „עפּעס" איז געוואָרן פון זיך אַליין, איז פּונקט אַזוי אומבאַגרייפלעך ווי־זיין אַנטשטיין פון גאָרנישט.

די באַגרענעצטע מענטשלעכע אויפפאַסונג קאָן נישט אַרומנעמען דאָס אומבאַגרענעצטע. און דאַכט זיך, אַז ביז איצט זענען אין דעם פּרט, די טיפזיניקסטע פילאָזאָפן אַזוי אומבאַהאָלפן ווי עפּיקורס לערער...

י. גאלדקארן

*

די באַדייטונג פון גייסטיקע ווערטן און שטרעמונגען ווערט אָפט מיספאַרשטאַנען, אָבער עפּיקורעיזם איז אַ פילאָזאָפישע שיטה, וואָס איז געוואָרן מיאוס פאַרשטאַנען...

זי איז אַריינגענומען געוואָרן אין דער צירקולאַציע פון דער גייסטיקער וואַלוטע און געוואָרן „אָפּגעריבן", ווערטלאָז. מען האָט די לערע באַטראַכט ווי אַ פלאַכן ציניזם, ווי אַ פיליסטערישן אידעאַל פון פולן מאָגן און ליידיקן קאָפּ...

ווי אַ פילאָזאָפיע פון זינלעכע תענוגים, לוקסוס — די אַבדיקאַציע פון גייסטיקן לעבן.

אָפּנים, אַז די באַגריפן־פאַרדרייעניש האָט שוין עקזיסטירט ביי עפּיקורס לעבן, ווייל אין איינעם פון זיינע אָפּגעפונענע בריוו צו זיין תלמיד מענעסע שרייבט ער:

„...ווען מיר זאָגן, אַז דער ווילזיין איז דער ציל פון מענטש, מיינען מיר לחלוטין דערמיט נישט צו רעדן וועגן פאַרגעניגנס פון לוקסוס און פון אויסגעלאַסנקייט, ווי עס דענקען דאָס געוויסע מענטשן, וועלכע... טייטשן דאָס בייזוויליק אויס. אונדזער ווילזיין איז דער געזונט פון קערפּער און די אומפאַרענדערלעכע רו פון דער נשמה".

און אין זיינע דערהאַלטענע כתבים לייענען מיר: „מיר באַטראַכטן שפּאָרזאַמקייט ווי אַ גרויס גוטס... פּראָסטע דערנערונג גיט אונדז אַזוי פיל פאַרגעניגן ווי רייכע מאָלצייטן, ווען זי באַפרייט אונדז פון הונגער־יסורים. ברויט און וואַסער זענען תענוגימדיקע שפּייזן..."

אָדער: „ווען מיר זעען דאָס העכסטע גליק אין תענוג, מיינען מיר איבערהויפּט נישט... ווולגאַרע פאַרגעניגנס... ווי מען טייטשט דאָס אויס צוליב אומוויסן אָדער בייזוויליקייט... אַלץ רעדוצירט זיך צו האָבן דעם דעם גוף פריי פון יסורים, און די נשמה פון זאָרג. נישט די ...סעודות, נישט די טייערע משקאות, נישט די פרויען־געזעלשאַפט — קאָנען ברענגען דאָס גליק פון לעבן, נאָר די געזונטע פאַרנונפט, וואָס דיקטירט דעם אויסוואַל פון קעגנשטאַנדן..."

עפּיקור האָט געלעבט מיט זיינע תלמידים אין אַ גאָרטן, וועלכן ער האָט געקויפט פאַר דעם צוועק. און ווי ער שרייבט, האָבן זיי דאָרט געלעבט אויף ברויט און וואַסער, נוצנדיק וויין אין אַ קליינער מאָס.

איז דאָס נישט קיין פילאָזאָפיע פון געַנוס, נאָר געַנוס פון פילאָזאָפיע.

לעולם האָט דער מאַטעריאַליסטישער פילאָזאָף נישט געזען קיין בייז סיי אין קערפּערלעכן געַנוס, סיי אין אַסקעטיזם.

אָבער דער וועג צו תענוגי הגוף, צו יעדן לוקסוס, פירט דורך פיזישע און גייסטיקע אָנשטרענגונגען און ליידן.

און אַסקעטיזם ברענגט יסורים פון גוף.

האָט עפּיקור, געטריי צו זיין דאָקטרין פון קערפּערלעכער און גייסטיקער רואיקייט, אויסגעקליבן דעם וועג פון האַלבן אַסקעטיזם: „איינ־שטילן" דעם גוף מיטן נייטיקסטן, ווי אָפּוועזנקייט פון הונגער, קעלט וכדומה.

כדי דער גוף־וואָלף זאָל זיין זאַט און דאָס נשמה־שעפּסל — גאַנץ...

אַ דורכאויס ראַציאָנעלע פילאָזאָפיע.

און די וווּלגאַרע אויסטייטשונגען זענען די חזרים, וואָס האָבן זיך אַריינגעריסן אין עפּיקורס גאָרטן, טראַמפּלענדיק זיינע פּרוכטן...

*

די עפּיקורעישע מאָראַל איז אַ ביישפּיל, ווי אַזוי אַ מאַטעריאַליסטי־שער און אַטעיסטישער וועלטבאַנעם איז פאַראייַנבאַר מיט הויכע מענטש־לעכע אידעאַלן. אמת, פאַר אַט דער פילאָזאָפיע פון עפּיקורן איז טויגנט נישט קיין אַפּריאָרי־געבאָט, נישט קיין פּלאַטאָנישע „אינערלעכע" אידייע, אָדער אַ קאַנטישער „קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו", — נאָר אַ מיטל צום ציל — צום העכערן „פאַרגעניגן", וואָס באַשטייט אין גייסטיקער רו און אין דעם פריי זיין פון גייסטיקער און פיזישער פּיין — די באַגלייט־דער־שיינונגען פון אוממאָראַלישע מעשים, און אפשר פון מעשים בכלל — דעם הור־האַ־געיעג פון דעם פיליסטער נאָך זיין כימערישן וווילשטאַנד (אַ גלענצנדיקע אָפּלייקענונג פון אָט דעם הור־האַ האָט געגעבן פּלוטאַרך

אין זיין מאַקסימע: „דער בעסטער וועג אויפצוגעמען דעם מאָרגן מיט פאַרגעניגן איז — זיך נישט צו זאָרגן וועגן אים"

די סטאָאישע פילאָזאָפן באַטראַכטן דאָס מענטשלעכע דאַזיין ווי אַ שיף, וואָס אַפילו ווען זי ווערט געשליידערט פון די ווילדסטע שטורעמס, מוז דער קאַפּיטאַן — דער גייסט — אויף זיין הויכער אידעאַל־בריק שטיין רואיק — סוף כל סוף וועט ער צושווימען צו אַ זיכערן האַפן, צום אַל.

עפּיקורעיזם איז די וויסנשאַפט פון פּסיכאָלאָגישער נאַוויגאַציע; די אויפגאַבע פון „קאַפּיטאַן" איז צו זען, אַז די „שיף" זאָל וואָס ווייטער זיך האַלטן פון די געפאַר־זאָנעס... צו זעגלען נאָר אויף רואיקע וואַסער־פלאַכן. דער עפּיקורעער פאָרט פאַזע די ברעגן. זיין באַשטימונגס־אָרט איז נישט דער טראַנסצענדענטאַלער פּאָרט פון די אידעאַליסטן; עס איז דאָס באַוווסטזיין פון אומגעשטערטע און אומגעטריבענע באַטראַכטונגען — פריי פון געוויסנביסן און קערפּערלעכע ליידן. צו אָט דעם רואיקן פּאָרט לענקט דער עפּיקורעישער קאַפּיטאַן זיין שיף, דאָרט האַלט ער זי פעסט קעגן די ווינטן — ליידנשאַפטן און זאָרגן — אויב נישט אויפן אַנקער גלויבן, איז מיט די „שטריק" פון שכל הישר...

און דער ראַציאָנעלער דענקער לערנט נישט מורא צו האָבן פאַרן סוף כל האדם:

„...דאָס, וואָס איז אויפגעלייזט, הערט אויף צו זיין פילבאַר, און די אָפּוועזנקייט פון פילבאַרקייט איז — נישט־זיין... דער טויט באַרירט אונדז איבערהויפּט נישט, ווייל אַזוי לאַנג ווי מיר זענען דאָ, איז ער נישט דאָ, און ווען ער איז דאָ, זענען מיר נישטאָ מער"...

אָט זענען עטלעכע כאַראַקטעריסטישע געדאַנקען עפּיקורס, וואָס זענען אַנטדעקט געוואָרן אין דער זאַמלונג פון גריכישע מאַנוסקריפּטן אין וואַטיקאַן:

„דער חכם וואָס פאַלט אַריין אין אָרעמקייט, געפינט נאָך גיכער אַ מיטל צו געבן, איידער צו נעמען, ווייל ער האָט אַן אוצר, וואָס באַשטייט אין זיין גענוג צו זיך אַליין".

„די וויסנשאַפט פון דער נאַטור פאַרמירט נישט קיין...געשיקטע

פראַזעאָלאָגן און נישט קיין אייטעלע פעדאַנטן, נאָר באַשיידענע מענטשן..."

„לאָמיר פאַרטרייבן די שלעכטע געוווינטהייטן, ווי מיר יאָגן אַרויס שלעכטע חברים, וועלכע האָבן צו לאַנג אונדז גורם געווען שווערע היזקות".

„טוט אַלצדינג אַזוי, ווי עמיצער וואָלט זיך צוגעקוקט צו אייך".

„יעדעס מאָל ווען אַ ווונטש דערוועקט זיך (ביי אייך), פרעגט זיך זעלבסט: וואָס פאַר אַ גוטס וועט אַרויסקומען דערפון פאַר מיר אויב כ'וועל אים דערפילן? און וואָס וועט געשען אויב כ'וועל אים צוימען?"

אַז אַ מענטש זאָל האַנדלען ווי עמיצער וואָלט אים באַטראַכט — לויט עפיקורס פאַרשריפט — איז אַ הויכע עטישע מדרגה.

איז עס אָבער, אפשר, בלויז אַ לעבנס־פילאָזאָפיע פון דער עליטע; דער דורכשניטלעכער מענטש, די מאַסן, מוזן נאָך האָבן דעם בליק פון „העכסטן ריכטער", דאָרט ווי דער ערדישער קאָן נישט דערגרייכן. און וואָלטער האָט דאָס אויסגעדריקט מיט זיין שוין באַקאַנטן זאָג: אויב ס'וואָלט נישט געווען קיין גאָט, וואָלט מען אים באַדאַרפט אויסטראַכטן.

דער עפיקורעיזם האָט אין דער מאָדערנער צייט אַ גלענצנדיקע פאַרקערפערונג אין דער נאָבעלער געשטאַלט פון אַנאַטאָל פראַנס: ער איז, ווי די נשמה אין דעם מייסטערס באַצייכענונג „פלאַם און לופט". — אַ ראַציאָנאַליסטיש־קלאָרע און קילע באַטראַכטונג פון דער וועלט, פון איין זייט, און דאָס פייער פון שיינקייט, פון גייסטיקער אַריסטאָקראַטיע און הומאַניזם — פון דער צווייטער זייט.

און עפיקור, דער „אַפיקורוס" פון תלמוד, איז אויף זיין אופן געווען אַ לערער פון אַ „תורת חיים", אַ פילאָזאָף פון סאָקראַטעס־מין און נישט פון אַריסטאָטעליש־אַבסטראַקטן.

און וועגן זיין פילאָזאָפיע, אָפגעזען פון גרויסער וויסנשאַפטלעך־פילאָזאָפישער קאַפאַציטעט, קאָן, מיט די ווערטער פון סעקסטוס עמפירי־קוס, געזאָגט ווערן:

„די פילאָזאָפיע איז נישט קיין טעאָרעטישע וויסנשאַפט; דאָס איז אַ פראַקטישע רעגל פון טעטיקייט; נאָך מער, אַן ענערגיע וואָס פאַרזאָרגט מיט אַ גליקלעכן לעבן".

פלאַטאָ

(347 — 427 פ״ק)

פלאַטאָס דיאַלאָגן זענען אינסצעניזירטע פילאָזאָפישע עסייען.
און אַלס הויפּטהעלד טרעט אומעטום אַרויס זיין רבי — סאָקראַטעס.

פלאַטאָ, דער קינסטלער־דענקער, האָט אין זיינע „אינסצעניזאַצעס״ אינטערפּרעטירט די לערע פון זיין מייסטער און אויך אַנטוויקלט זיינע אייגענע אינטעלעקטועלע קרעאַציעס. שווער צו זאָגן, ווו ס׳ענדיקט זיך סאָקראַטעס און ווו ס׳הייבט זיך אָן פלאַטאָ...

און ס׳באַקומט זיך אַ ליטעראַריש־פילאָזאָפישע דאָפּל־געשטאַלט: סאָקראַטעס—פלאַטאָ.

די „דיאַלאָגן״ צייכענען זיך אויס מיט זייער אויסערגעוויינלעך שאַרפער דיאַלעקטיק.

גימנאַסטיק איז, ווי באַקאַנט, געווען באַזונדערס קולטיווירט ביי די אַמאָליקע גריכן.

און פלאַטאָס שריפטן זענען אייגנטלעך גרויסאַרטיקע, אימפּאָזאַנטע, אינטעלעקטועלע גימנאַסטישע „שפּילן״ — אַ גייסטרייכע אָלימפּיאַדע, אין וועלכער ס׳ווערן אויפגעפירט די פאַרשידנאַרטיקסטע „פיגורן״: פון לאָגי־שער לייכט־אַטלעטיק ביז שטעלן דעם אמת אויפן קאָפּ...

יאָ, אָפּטמאָל דערשיינט אונדז פלאַטאָס פילאָזאָפישער טשעמפּיאָן ווי אַ מאַגישער קינסטלער, וואָס ציט פון אַרבל פאַראַדאָקסאַלע סטענגעס און האַלט אויפן שפּיץ וואָרט אַ געדאַנקען־פּיראַמידע...

אָפּט בויט ער אויף אינטעלעקטועלע קאָרטן־הייזלעך פון צווייִדייטיקע אויסדרוקן און מיינונגען.

אָבער די שוואַרץ־קינסטלערישע טריקן זענען נאָר געלעגנהייטלעכע. לרוב איז דער העלד פון די פלאַטאָנישע דיאַלאָגן נישט בלויז אַן אמתדיקער קינסטלער, נאָר אויך אַ קינסטלער פון אמת.

אַ סך פון די דיאַלאָגן זענען פּשוטע קאָמעדיעס. און דער קאָמישער — ווי דער טראַגיש־דראַמאַטישער — באַוועגער און דינאַמישער אויפרייס־שטאָף איז — נישט דער כאַראַקטער־צוזאַמענשטויס, אויסערלעכע פּאַסי־רונג, נאָר די דראַמאַטיזירטע אידייע, וואָס דערגייט ביז צו איר קלימאַקס.

אין די „דיאַלאָגן", ספּעציעל אין די „קאָמעדיעס", דערשיינט סאָקראַ־טעס ווי דער גרעסטער „נישט־וויסער".

און דאַן, אין לויף פון די וואָרט־קאַמפּן מיט זיינע זעלבסטזיכערע אַלצוויסערס, בייטן זיך די ראָלן: די לעצטע ווערן אַרויסגעשטויסן פון אַלע איינגעבילדעטע וויסן־פּאָזיציעס...

און פּלאַטאָ, דער מייסטערהאַפטער דראַמאַטישער קינסטלער, שילדערט גלענצנדיק ווי דער געניאַלער „קאָמעדיאַנט" סאָקראַטעס פירט אויף זיין ראָל.

אַ זעלטענע, שטיל־לויערנדיקע איראָניע באַהאַלט זיך הינטער די ווערטער און זשעסטן פון דעם כלומרשטן תם, דעם נישט־וויסער, וועלכער איז ווייט נישט קיין שאינו יודע לשאול...

ווייל שפּילנדיק דעם „תם" פאַר זיין פּרעטענציעזן קעגנער, באַנוצט סאָקראַטעס אַ ספּעציפישע טאַקטיק פון ענטפערן דורך פרעגן. ער האָגלט אויף זיין מיטשמועסער מיט אומאויפהערלעכע רעטאָרישע פראַגן, אין וועלכע ס'ליגן שוין אַליין די זעלבסטפאַרשטענדלעכע ענטפערס; די ווער־באַלע „קלעפּ" זענען פאַרניכטנדיק מיט זייער דיאַלעקטישער ווירטואָזיטעט און אייזערנער לאָגיק. שאלות פליען, אין אומאויפהערלעכן קרייצפאַרהער, צו די באַשולדיקטע וויסן־פּרעטענדענטן, ביז יענע זענען זיך מודה אין זייער „פאַרברעכן"": זיי האָבן נישט געוווּסט, אַז זיי ווייסן נישט...

צו די פילאָזאָפישע גרונט־הנחות, וואָס ווערן גערעכנט אַלס אָריגינעל פּלאַטאָנישע, באַלאַנגט זיין אידייען־טעאָריע — אַ דורכאויס מעטאַפיזישע, טראַנסצענדענטאַלע טעאָריע וואָס האַלט אַלס דעם איינציקן רעאַלן שורש פון אַלע זאַכן — די אידייע, דעם באַגריף פון זיי; די רעאַלע אָביעקטן זענען לויט אַט דער הנחה — פאַרענדערלעך און זיך־אויפלייזנדיק, אונטערגעוואָרפן דעם כסדרדיקן טויש פון אַנטשטייאונג און אונטערגאַנג. בלויז די אידייע, דאָס אורבילד פון אַ באַשטימטן קעגנשטאַנד, איז אייביק, אומפאַרענדערלעך,

לויט פּלאַטאָס אידעאַליזם קומט אויס, נישט אַז „והארץ לעולם עומדת", נאָר די אידייע פון דעם פּלאַנעט עקזיסטירט אייביק...

שטרענגע ראַציאָנאַליסטן קאָנען אָבער נישט געפינען דעם באָדן, אין וועלכן ס'וואָרצלט פּלאַטאָס אידעאַלער „בוים"... זיי האַלטן, אַז דער „רוים" אין וועלכן ס'אַנטשטייט און ס'צעבליט זיך דער בוים, איז אַליין נישט אייביק...

פּלאַטאָ איז דער אינזשעניר פון דער אידייען־בריק, איבערן רעטעניש־פולן תהום פון דער עקזיסטענץ...

אַלע גרויסע פילאָזאָפן זענען אייגנטלעך געווען קאָנסטרוקטאָרן פון היפּאָטעטישע בריקן איבערן וועלט־תהום; אַזעלכע זענען די סיסטעמען פון אַ פּלאַטאָ, שפּינאָזע, קאַנט, שאָפּענהויער און אַנדערע.

אָבער אויב די אַלע אימאַזשינערע בריקן האַלטן אויס, אויב זייערע פילאַרן האָבן אַ גרונט און דערגרייכן אויך דעם גרונד — דאָס „ווייסן" ערשט די, וואָס זענען שוין אויף יענער זייט...

אָבער צי די געדאַנקלעכע קאָנסטרוקציעס זענען סאָלידע, דויער־האַפטע טראַנזיט־מיטלען אָדער נישט, — זייער גראַנדיעזקייט און וויזיאָ־נערישע שיינקייט פאַרכאַפּט אונדז סיווי מיט דער פּאָעזיע פון זייערע ליניעס און מיט דער אויסגעשמידטער האַרמאָנישקייט פון זייער אייזערנער לאָגיק.

פּלאַטאָס אָריגינעלע קאָנצעפּציעס — מעטאַפיזישע, פּאָעטישע און עסטעטישע — קומען צום אויסדרוק אין זיין „רעפּובליק", וואָס געהערט צו די ערשטע אוטאָפּיעס (אייגנטלעך אַ פרע־„אוטאָפּיאַ") און מאָדעל־מלוכות אין דער וועלט.

אין דעם וווּנדערלעכן ווערק זענען פאַראַן אַ רייע אויסערגעוויינלעכע בילדער און פאַרגלייכן, וואָס כאַראַקטעריזירן פּלאַטאָ, דעם זעלטענעם קינסטלער און דיכטער. צו די בילדער געהערן — דער משל מיט די מענטשן, וועלכע זיצן, געשמידטע אין קייטן, אין אַ הייל. הינטערוויילעכץ,ביים ליכט פון אַ פייער, באַוועגן זיך מענטשן; אָבער די פון הייל זעען נאָר די שאָטנס פון מענטשן און זאַכן אָפּגעשפּיגלט אויף דער וואַנט פון דער הייל. מיט דעם אויסערגעוויינלעך אימפּרעסיוון בילד אילוסטרירט פּלאַטאָ

זיין טעאָריע פון אידייען: מיר זעען בלויז די „רעאַלע" שאָטנס פון די זאַכן. אַ צווייט בילד איז פון די מאַטראָזן:

„...שטעל דיר פאָר אַ שיף... דער קאַפּיטאַן איז... שטאַרקער פון דער גאַנצער מאַנשאַפט, אָבער ער איז אַ ביסל טויבלעך און האָט אויך אַ מיחוש אויף דער ראיה, און זיינע נאַוויגאַציע־קענטעענישן זענען נישט פיל בעסער. די מאַטראָזן קריגן זיך אַרום צווישן זיך וועגן שטייערן די שיף — יעדער איינער דענקט, אַז ער האָט דאָס רעכט צו פירן די שיף, הגם ער האָט קיינמאָל נישט געלערנט די קונסט פון נאַוויגאַציע... זיי שטייען־צו צום קאַפּיטאַן, בעטנדיק אים איבערצוגעבן זיי דעם שיפס־רודער, און אויב אַנדערע ווערן באַפאָרצוגט, הרגענען זיי די אַנדערע... און האָבנדיק באַטויבט דעם קאַפּיטאַנס חושים מיט משקה... רעבעלירן זיי און נעמען איבער די פירונג פון דער שיף... דעם וואָס איז זייער מיטהעלפער רופן זיי מיטן נאָמען מאַטראָז, שטייערער, נאַוויגאַטאָר... אָנרופנדיק דעם אַנדערן מיטן מענטשן „שלימזל". אָבער דער אמתער שיפס־פירער מוז שענקען אויפ־מערקזאַמקייט צו... די סעזאָנען, דעם הימל, די שטערן און ווינטן... אַזאַ מעגלעכקייט פון דער פאַראייניקונג פון אויטאָריטעט און דעם רודערערס קונסט איז קיינמאָל נישט ערנסט אַריינגעקומען אין זייערע געדאַנקען... נו, אין שיפן, וועלכע זענען אין אַ צושטאַנד פון בונט... ווי אַזוי וועט דער אמתער פילאָט ווערן באַטראַכט? וועט ער דען נישט באַצייכנט ווערן פון זיי אַלס אַ... שטערנגלאָצער, אַ שלימזל?".

*

וואָס שייך זיין מאָדעל־רעפּובליק, האָט פּלאַטאָ אַליין באַטאָנט, אַז ער האַלט זי פאַר אַ כימערע. מ׳קאָן אָבער זאָגן, אַז אויב שוין ווינטשן זיך — האָט שוין פּלאַטאָ געקאָנט זיך ווינטשן אַ „רייכערע" רעפּובליק; ווייל אָפּגעזען פון מאַנכע צופיל ראַדיקאַלע אַספּעקטן, — טאָטאַלער קאָלעקטיוויזם איינגנטום (אויך פון פאַמיליע...) צווישן די מיטגלידער פון דער „וועכטער"־קאַסטע, — איז דער בלויזער געדאַנק פון אַ מיליטערישער קאַסטע ווי אַ יסוד־עלעמענט אין זיין מלוכה — ווייט הינטערשטעליק קעגן די הויך־עטישע אידעאַלן פון אונדזערע נביאים.

אמת, פּלאַטאָ פּראָקלאַמירט אין זיין „רעפּובליק״:

„...אונדזער ציל ביים גרינדן די מלוכה איז נישט געווען דאָס אומ־פּראָפּאָרציאָנעלע גליק פון וועלכן נישט איז קלאַס, נאָר דאָס גרעסטע גליק פון דער גאַנצער (מלוכה)״.

אָבער אַ שטאַט, אין וועלכן די מיליטערישע קאַסטע איז אַ הויפּט־פּילאַר, איז גאַנץ ווייט פון זיין אַ מוסטערבילד פאַר דער מענטשהייט...

נישט קוקנדיק אויף די חסרונות אין דער עצם וויזיע פון זיין מלוכה, איז פּלאַטאָס „רעפּובליק״ פול מיט ברילאַנטענע געדאַנקען, טיפע פילאָ־זאָפישע און פּסיכאָלאָגישע אמתן, וועלכע זענען פריש ביזן היינטיקן טאָג.

„ביז די פילאָזאָפן זענען קעניגן, אָדער די קעניגן... האָבן דעם גייסט און דעם קוראַזש פון פילאָזאָפן, און פּאָליטישע גרויסקייט און ווייזהייט טרעפן זיך אינאיינעם, און די פּראָסטע נאַטורן ,וואָס שטרעבן יעדער צו דער אויסשליסונג פון אַנדערן, זענען געצוווּנגען צו שטיין אין אַ זייט, — וועלן שטעט קיינמאָל נישט האָבן קיין רו פון זייערע צרות... אויך נישט דער מענטשלעכער מין...״

וועגן דער נוצלאָזיקייט פון פילאָזאָפן דערקלערט ער מיט גלענצנדי־קער טרעפלעכקייט:

„זייער נוצלאָזיקייט דאַרף ווערן צוגעשריבן צום פעלער פון די, וואָס ווילן זיי נישט נוצן, און נישט צו זיי זעלבסט״...

אויב די פילאָזאָפן פון אַן איינשטיין־טיפּ, אָדער אַ בערטראַנד ראַסעל (מיט זיינע פעלערן) וועלן ווערן „קעניגן״, וועלן זיי באַשטימט גרינדן מער פּערפעקטע שטאַטן, ווי פּלאַטאָס רעפּובליק — די אוניווערסאַלע וועלט־רעפּובליק.

*

פּונקט ווי אין פּלאַטאָס דיאַלאָגן קומט צום אויסדרוק אַ געוואַלדיקע לאָגישע קאַפּאַציטעט, געמישט מיט דיאַלעקטישער „שוואַרצער מאַגיק״, אַזוי איז זיין דערהויבענער גאָט־באַגריף פאַרשאָטנט מיט די פּרימיטיווע און לעכערלעך־גראָטעסקע געשטאַלטן פון דעם גריכישן מיטאָלאָגישן צירק...

אמת, ערטערווייז, אין זיין באַגרינדונג פון זיין נעגירן די פּאָעטן, באַנוצט סאָקראַטעס דעם אַרגומענט, וואָס די גריכישע עפּיקערס און טראַגיקערס האָבן פאַלש אינטערפּרעטירט די געטער, פאַרמענטשלעכנדיק זיי אין זייערע ווילדע ליידנשאַפטן, פאַלשקייטן און רציחות. ער וואַרפט אויך פאָר די פּאָעטן, אַז זיי זענען פאַרערערס פון טיראַנען (ציטירנדיק אַ פערז פון עוריפּידעס וואָס לויבט זיי ווי „געטער־גלייך").

אָבער פּלאַטאָ שילדערט סאָקראַטעסן אויך ווי אַ מענטש, וואָס האַלט זיך ביי פאַרשידענע אָבערגלויבנס — אין פאַרשי־דענע פאָרמען און ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן.

סאָקראַטעס לעצטע ווערטער צו זיין תלמיד, נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעטרונקען דעם גיפט אין דער אַטענער תפיסה, — זענען געווען:

„קריטאָ, מיר זענען שולדיק אַ האָן צו עסקולאַפּיוס; באַצאָל אים דערפאָר און פאַרנאַכלעסיק דאָס נישט".

עסקולאַפּיוס איז אין אַלטן גריכנלאַנד געווען דער גאָט פון מעדיצין, אין וועמענס קולט עס זענען געווען באַזונדערע טעמפּלען און אין וועלכע מען האָט מקריב געווען קרבנות.

דאָס שפּיל פון ליכט און שאָטן אין מענטשלעכן גייסט...

פּלאַטאָ, דער פילאָזאָפישער דראַמאַטורג, האָט געשילדערט זיין העלד אין דער לעצטער טראַגישער דראַמע „פעדראָ", וואָס איז אַן אָפּהאַנדלונג וועגן השארת נפש און אויך אַ באַשרייבונג פון סאָקראַטעס לעצטע טעג נאָך זיין פאַראורטיילונג און העלדישן סוף.

סאָקראַטעס איז געפאַלן אַ קרבן פון די אינטריגעס און דער העצע, וואָס עס האָט געפירט קעגן אים איינער אַ פּאָעטישער לא יוצלח מעלעטוס, וועלכער האָט זיך געפילט באַליידיקט פון סאָקראַטעס סאַרקאַזמען.

יעדער ערלעכער קריטיקער איז אַ קרבן פון זיינע קרבנות...

און סאָקראַטעס, דער שאַרפער קריטיקער, איז אפשר געווען דער ערשטער און גרעסטער קרבן פון זיינע קרבנות — קודם כל פון דעם „טינטלער" מעלעטוס...

פּלאַטאָ דערגרייכט אַן אויסערגעוויינלעכע פּלאַסטישקייט ביים שיל־דערן דעם טראַגישן פינאַל אין „פעדראָ". עס דאָמינירט אַ דערהויבענער,

שטילער פּאַטאָס פון איינגעהאַלטענעם, אַלץ איבערוועלטיקנדיקן העראָיזם — אַפילו איבערן פּחד פון אומבאַוווסטן...

*

פּלאַטאָ האָט די קינסטלערס עקסמיטירט פון זיין רעפּובליקאַנישן גן עדן, אָבער ער אַליין איז געווען אַן אמתדיקער קינסטלער פון בילד און געדאַנק...

עפּיקטעט

(50—180)

עפּיקטעט איז געווען איינער פון די גלענצנדיקסטע לערערס פון דער סטאָאישער פילאָזאָפישער שול, וועמענס גרינדער זענאָן (300 יאָר פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג), האָט געלערנט אין אַן אַלטן אַרקאַדן־בנין — גריכיש: סטאָא.

די סטאָאישע פילאָזאָפיע, ווי די אַנטיקע פילאָזאָפיע בכלל, איז געווען שטאַרקער אין לאָגיק און עטיק, ווי אין מעטאַפיזיק. ווען מען לייענט פּלאַטאָס און אַפּולעיוסעס באַשרייבונגען פון דער סאָקראַטישער מעטאַפי־זישער קאָנצעפּציע, איז דאָס אַן אמתע אַנטוישונג — נאָך דער ווונדערלעכער לאָגישער ווירטואָזיטעט און עטישער גבורה פון דעם גרויסן פילאָזאָף.

סאָקראַטעסעס מעטאַפיזישע און קאָסמאָגאָנישע פאָרשטעלונגען זענען פּרימיטיוו־פּאָפּולערע. דאָ בעט זיך קאָנפוציוסעס באַרימטער ענטפער אויף דער פראַגע פון זיינס אַ תלמיד: וועגן לעבן נאָכן טויט: „מיר ווייסן נאָך ווייניק וועגן לעבן — ווי קאָנען מיר וויסן וועגן טויט?"...

אין דעם אַלטערטום האָט מען נאָך צו ווייניק געוווסט וועגן פיזיק, כדי צו וויסן וועגן מעטאַפיזיק... זי איז מער מיטאָ־פיזיק ווי מעטאַפיזיק...

די מעטאַפיזישע קאָנצעפּציע פון די סטאָאיקער אַז געווען אַ מאַטע־

ריעל־אידעאַליסטישע. זיי האָבן געהאַלטן, אַז די „ערשטע סיבה", די גאָטהייט איז אַ מין עטעריש־פייערדיקער שטאָף, אַן אָקעאַן פון אייביקייט, פון וועלכן אַלץ אַנטשטייט, אַנטוויקלט זיך אין פאַרשידענע פאָרמען און אין וועלכן אַלץ לייזט זיך ענדלעך אויף.

אָבער יעדע מעטאַפיזישע פילאָזאָפיע — אַפילו די פאַרגעשריטנסטע, פון אַ קאַנט, שפּינאָזע א"אַ, ווערט מיט רעכט גערופן „ספּעקולאַטיווע" — אויך אין זין פון דעם וואָס זי שפּעקולירט מיט דער אייגענער קאַפּאַציטעט, זוכנדיק צו געפינען די „רייכקייטן" פון דער אייביקייט, אָבער דאָס גרעסטע געווינס איז דער קרן: דער שווונג פון דעם אייגענעם אמת־דראַנג, און די פאַרשידענע מאַניפעסטאַציעס דערפון...

אָבער עפּיקטעט, ווי סאָקראַטעס און די יידישע נביאים און רעליגיעזע דענקערס (לא המדרש עיקר אלא המעשה), איז קודם כל און מער פון אַלץ געווען אַ לערער פון לעבן, וועמענס פילאָזאָפישע שיטה ס'כאַראַקטעריזירט דער לאַטיינישער זאָג: „נישט פאַר דער וויסנשאַפט, נאָר פאַרן לעבן לערנען מיר".

עפּיקטעט איז, ווי פיל אַנטיקע פילאָזאָפן, נישט געווען קיין לערער פון תורה שבכתב. ער האָט געהאַלטן פילאָזאָפישע פאָרטראָגן אין ניקאָפּאָליס, נאָכדעם ווי ער איז באַפרייט געוואָרן פון לאַנגיאָריקער שקלאַפעריי ביי זיין רוימישן באַלעבאָס. ווי סאָקראַטעס האָט ער אויך געהאַט זיין פּלאַטאָ — אַ פאַרצייכענער און קאָמענטאַטאָר פון זיינע געדאַנקען און געשפּרעכן, אין דער פּערזאָן פון דעם רוימישן פּאַטריציער, דעם היסטאָריקער פלאַוויוס אריאַנוס, וועלכער האָט דעם אוצר פון זיין געדאַנקען־וועלט קאָנצענטרירט אין עטלעכע ווערק: „דיסערטאַציעס" און „ענכעירידיאָן".

ווי אַ לאָגיקער און דיאַלעקטיקער איז עפּיקטעט פאַרבליפנדיק מיט זיין געדאַנקלעכער אַרכיטעקטאָניק — אַ געביט וואָס וואָלט געקאָנט באַצייכנט ווערן ווי גריכישע פּיראַמידן, וואָס זענען אַזוי פענאָמענאַל און דויערנדיק ווי די עגיפּטישע...

עס איז אמת, אַז די גריכישע „פּיראַמידן" זענען אָפט — ווי די מצרישע זענען דאָס שטענדיק — מער מאָנומענטאַל, ווי נוצלעך, מער

מאַיעסטעטיש, ווי פּראַקטיש; אָבער אויך אין דער אומנוצלעכקייט איז פאַראַן אַ געוויסער נוצן — דער גענוס פון גראַנדיעזער סטרוקטור, פון שווונג און קאַפּאַציטעט.

אָבער דער שטאַרקסטער פונקט פון עפּיקטעטס לערע איז זיין עטיק. און דאָ ווערן די רייד פון שאַרפן דענקער אָנגעהויכט מיט אַ טיף רעליגיעזן געמיט. און אַזוי הייבט זיך אָן די לערע פון עפּיקטעטן (ענגלישע צוזאַמענשטעלונג פון ט. וו. ראַלסטאָן): „ווילסטו זיין גוט, דאַן גלייב קודם כל, אַז דו ביסט זינדיק". און וועגן דעם מענטשלעכן דאַזיין, וועגן שלום מאַכן מיטן גורל:

„געדענק, אַז דו ביסט אַן אַקטיאָר אין אַ שפּיל, אין אַזאַ ראָל וואָס ס'געפעלט דעם דירעקטאָר דיר צו באַשטימען... און אויב ער וויל, אַז דו זאָלסט האָבן דעם טייל פון אַן אָרעמאַן, אָדער אַ קאַליקע, אָדער אַ גובערנאַטאָר... זאָלסטו שפּילן די ראָל מיט גראַציע!".

די טיפקייט פון דעם לעזערס רעליגיעז־פּסיכאָלאָגישער עמפּינדונג ווערט באַצירט מיט דער שיינקייט פון זיין סטיל. עפּיקטעט אַנטוויקלט אין זיין עטישער לערע די סטאָאישע פּרינציפּן פון גייסטיקער סופּעריאָריטעט איבערן חומר. ער באַטראַכט דעם מענטשלעכן קערפּער „מיט אַלע זיינע הנאות, נויטן און שוואַכקייטן, ווי עפּעס שפּלדיקס, מעכאַניש שפּלדיקס, וואָס אונטערליגט דעם הערשער אין מענטשן — דעם ווילן, דערקענטעניש, גייסט. פון דער לאָגישער דערקענטעניש פון אומפאַרמיידלעכן בנוגע דעם גוף, און פון דער נשמהדיקער אויטאָנאָמיע פון דעם פריי־שעפערישן מענטש, דערגייט עפּיקטעט צו דער באַגרינדונג פון טויטן דעם טויט.

ביי אַלפאָנס דאָדע איז פאַראַן אַ דערציילונג ווו דער העלד, אַ קראַנקער קרוינפּרינץ דריקט זיך אויס: „לאָמיר טויטן דעם טויט!"...

די סטאָאיקער און עפּיקור האָבן נישט „געטויט דעם טויט", אָבער די מורא פאַרן טויט האָבן זיי יאָ געטויט — אַלנפאַלס ביי זיך... „עס זענען נישט די זאַכן, נאָר די מיינונג וועגן זאַכן וואָס פּייניקן די מענטשהייט... איך קאָן נישט אַנטרינען פון טויט — זאָל איך דאַן נישט אַנטרינען פון דער שרעק פאַרן טויט?"

דעריבער זענען מאַנכע אַלטע פילאָזאָפן — אַ סאָקראַטעס, אַ סענעקאַ א״אַ, אַזוי רויק, קאַלטבלוטיק אַריינגעשפּרונגען אין טיפן ים פון נישטזיין.

עפּיקטעט דער שקלאַף איז געווען אַ גרויסער גייסטיקער פּריץ. און הגם ער איז — אפשר דער איינציקער פון די היידנישע דענקערס — אַנטשידן אַרויסגעטרעטן קעגן דער מיאוסער שקלאַפעריי־אינסטיטוציע, האָט ער זיך דאָך איבערגעלאָזט איין שקלאַף — דעם קערפּער. און אָט דעם שקלאַף האָט ער רעקאָמענדירט צו האַלטן כסדר אין ווילנסקייטן...

און אַזוי האָט ער אויף זיין גלענצנדיקן אופן, פאָרמולירט דעם אַגריף פון שקלאַפעריי:

„גלייבן דאַרף מען נישט דער מאַסע, וואָס זאָגט אַז נאָר פרייע מענטשן דאַרפן ווערן געלערנט, נאָר גיכער די פילאָזאָפן, וואָס זאָגן אַז נאָר די וואָס זענען געלערנט, זענען פריי״...

די עטיק, די לערע פון דערהויבענער, נאָבעלער זיטלעכקייט, איז אַן עמאַנאַציע פון יענער מאַיעסטעטישער נשמה־שיינקייט, פונקט ווי עטיק גופא איז וואָקאַבולאַר אַ טייל פון עסטעטיק...

אין דעם קאַפּיטל: „דער וועלטס פּרייז פאַר דער וועלטס ווערט״ זאָגט אונדז דער מייסטער: „פאַר וויפל ווערט פאַרקויפט אַ הייפּטל קרויט? פאַר אַ גראָשן״... אויב עמעצער וועט אויסגעבן אַ גראָשן וועט ער האָבן אַ קרויט־הייפּטל. אָבער דו, נישט אויסגעבנדיק, וועסט דאָס נישט באַקומען. אָבער מיין נישט, אַז דו שניידסט אָפּ דעריבער ערגער פון יענעם; ווייל אַזוי ווי יענער האָט דאָס קרויט, האָסטו דעם גראָשן. וואָס דו האָסט נישט געוואָלט געבן... ביסט נישט איינגעלאַדן צו עמעצנס באַנקעט? — ווייל דו האָסט נישט געגעבן דעם גאַסטגעבער דעם פּרייז פון דעם מאָלצייט; און עס איז פאַרקויפט פאַר חניפה... דו וועסט דערפאַר, האָבן דאָס — נישט צו האָבן געלויבט איינעם, וועלכן דו האַלטסט נישט פאַר ווערט צו ווערן געלויבט, און נישט צו האָבן אויסגעשטאַנען די חוצפה פון זיינע טיר־שומרים״...

וואָס שייך עפּיקטעטס באַגריף פון פילאָזאָפיע ווי אַ לעבנספּירונג, איז כדאי צו ציטירן אַ כאַראַקטעריסטישן געדאַנק פון זיין קאַפּיטל: „באַשטאַנד־טיילן פון פילאָזאָפיע״:

„דער ערשטער און נייטיקסטער פּונקט אין פילאָזאָפיע איז צו נוצן אַ פּרינציפּ, למשל, נישט צו זאָגן קיין ליגן. דער צווייטער איז דער באַווייז פון דעם, למשל, פון וואַנען איז געדרונגען אַז ס׳איז אומריכטיק צו זאָגן ליגן. דער דריטער איז דער וואָס גיט באַשטעטיקונג צו די אַנדערע, למשל, פון וואַנען איז געדרונגען, אַז דאָס איז אַ באַווייז? וואָס איז אַ באַווייז... דער דריטער פּונקט איז נייטיק דורך דעם צווייטן. דער צווייטער דורך דעם ערשטן. אָבער דער נייטיקסטער איז דער ערשטער, אָבער מיר טאָן פאַרקערט... מיר פאַרנאַכלעסיקן בפירוש דעם ערשטן פּונקט,· און דעריבער זענען מיר ליגנערס; אָבער די דערקלערונג ווי אַזוי ס׳איז באַוויזן, אַז ליב זאָגן איז אומריכטיק — האָבן מיר שטענדיק גרייט אין האַנט...״

*

וועגן עפּיקטעטן ווערט דערציילט, אַז איינמאָל האָט זיין אכזריותדיקער באַלעבאָס (אגב אַ קרוב נעראָנס) זיך אַמוזירט מיט רייסן און קוועטשן אים אַ פוס. דער געפּייניקטער פילאָזאָף זאָל זיך האָבן אויסגעדריקט: „אויב דו וועסט נישט אויפהערן, וועסטו מיר צעברעכן דעם פוס״. אַזוי איז טאַקע געשען. עפּיקטעט האָט זיך רויק געוואָנדן צום אַכזר: „האָב איך דיר נישט געזאָגט, אַז דו וועסט מיר צעברעכן דעם פוס?״

ס׳איז נישט וויכטיק וואָס דאָס דערציילטע ווערט באַטראַכט מער ווי אַ לעגענדע, ווי אַ פאַקט; אַ לעגענדע איז אָפט כאַראַקטעריסטישער ווי אַ פאַקט.

די לעבעדיקע לערעס און באַלערנדיקע לעבנס פון מאַנכע גרויסע גייסטער זענען אָפט אומצודערינגלעך אין זייער הימאַלאַיִשער דערהויבנקייט און שטרענגער ריינקייט; מיר קאָנען זיי נישט דערגרייכן. צי אָרעם זענען מיר, אין מאָראַלישער אויסשטאַטונג, כדי צו מאַכן אַזעלכע עקספּעדיציעס.

אָבער איינס קאָנען און טוען מיר יאָ: מיר בלייבן שטיין אין יראת הכבודיקער באַוווּנדערונג פאַר דעם אַנבליק פון אָט די מאָראַלישע מאָנ־בלאַנס, פאַר די נשמהדיקע מאָנט־עווערעסטס... פאַר די עטעריש־געקרוינטע, מאַיעסטעטישע באַרגשפּיצן...

בלויז אונדזער בליק, אונדזער תשוקה באַשטייגט זיי...

סענעקאַ

(4 — 65 פ"ק)

סענעקאַ דער פילאָזאָף — אַזוי באַצייכנט כדי אונטערצושיידן פון זיין פאָטער, סענעקאַ דער רעטאָריקער — האָט געלעבט און געווירקט אין איינער פון די מאָראַליש־דעגענערירטסטע עפּאָכעס פון אַלטן רוים — די עפּאָכע פון קאַליגולאַ און נעראָן.

אָפּגעזען פון אירע גרויסע דערגרייכונגען אויפן געביט פון קולטור און ציוויליזאַציע, — פאַרקערפּערט אין אירע גרויסע דיכטערס, דענקערס, היסטאָריקערס און גוזעצגעבערס, — איז רוים, איר „לעקס ראָמאַנאַ", געוועזן און געבליבן דער אויסדרוק פון פיזישער מאַכט און געוואַלט. דאָרט האָט געהערשט דאָס געזעץ פון קראַפט — נישט די קראַפט פון געזעץ...

און אפשר איז סימבאָליש פאַר דער דאָזיקער אימפּעריע דער מיטאָס וואָס אירע גרינדערס, רעמוס און ראָמולוס, האָבן געזויגן און אויך דער־צויגן געוואָרן פון אַ וועלפין...

אָבער קיינמאָל איז דער משונהדיקער מעזאַליאַנס פון פילאָזאָפיע מיט טיראַניע נישט געווען אַזוי טראַגיש, ווי אין פאַל סענעקאַ.

אלס חשובן פאַטריציער און אינטעלעקטואַל, איז אים אויסגעקומען צו זיין אַ „הויפמענטש" ביי דריי רוימישע דעספּאָטן: קאַליגולאַ, קלאַודיוס און נעראָן.

דער ערשטער האָט אים געהאַט פאַרמשפּט צום טויט, אָבער ער איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן דורך אַ הויפדאַמע.

דער צווייטער האָט אים — צוליב אַ בלבול פון זיין ווייב מעסאַלינאַ — פאַרשיקט קיין קאָרסיקע.

און דער דריטער האָט דעם אַלטן פילאָזאָף „גרויסמוטיק" דערלויבט אויסצוקלייבן דעם אופן פון זיין טויט...

י. גאָלדקאָרן

*

נאָך אַ פֿאַרשיקונג פֿון 8 יאָר איז סענעקאַ צוריקגערופֿן געוואָרן קיין רוים, אַ דאַנק דעם השתדלות פֿון קלאַודיוסעס צווייטער פֿרוי, אַגריפּינע, אין עלטער פֿון 53 יאָר.

סענעקאַ איז אויך באַשטימט געוואָרן אַלס דערציער פֿון אַגריפּינעס זון נעראָן און דערהויבן געוואָרן צום ראַנג פֿון פּרעטאָר און קאָנסול.

סענעקאַ איז זיכער געווען אַ גוטער דערציער און מאָראַל־לערער, אָבער אין אַ ברוטאַלער צייט און סביבה.

פֿון רוימישן אַמפּיטעאַטער האָבן זיך טאָג־טעגלעך געטראָגן דאָס גרויסע רעווען פֿון די ווילדע חיות און די טויט־קרעכצן פֿון די גלאַדיאַ־טאָרן־קרבנות.

אָבער די מוראדיקסטע ברילעריי איז געקומען פֿון די צוזשויענדיקע ווילדע 2 פֿיסיקע חיות, פֿאַרזונקענע אין אַ שענדלעכן אָרגאַזם פֿון אַ בלוטיק־רציחהדיקן קאַרנאַוואַל.

און די רוימישע הערשערס האָבן געירשנט די מאַכט פֿון זייערע פֿאָר־גייערס, וועלכע זענען אומגעקומען מיט פֿאַרשידענע מיתות משונות, לויט דעם דועל־אויסוואַל פֿון די בינען־קעניגינס...

אַגריפּינע האָט פֿאַרסמט קלאַודיוסן. און נאָך זיין פֿאַרעטערישן פֿאַר־גיפֿטן (בעת אַ הויף־סעודה!) דעם „יורש עצר" בריטאַניקוס, האָט נעראָן, שפּעטער, אויך געלאָזט אומברענגען זיין אייגענע מוטער אַגריפּינע.

דער פֿאַקטישער „לערער" פֿון דעם מאָנסטער נעראָן, איז נישט געווען סענעקאַ, נאָר די פֿאַרברעכערין אַגריפּינע.

*

סענעקאַ, איינער פֿון די גייסטרייכסטע שריפֿטשטעלערס פֿון אַלטן רוים, האָט פֿאַראייניקט אין זיין סטיל מחשבהדיקע דערהויבנקייט — הגם לרוב „געבאָרגטע" — מיט בלענדנדיקער עלעגאַנץ פֿון אויסדרוק.

ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ סטאָישן פילאָזאָף; אָבער אין דער אמתן איז זיין פילאָזאָפישער וועלטבאַנעם מער אַן עקלעקטישער, אַריינ־נעמענדיק ווערטפולס פון אַנדערע פילאָזאָפישע שיטות, הויפּטזאַכלעך פון עפּיקוריזם און סטאָאיציזים.

ער איז געווען אַ קינסטלער־דענקער, ער האָט געהאַט די גרויסע שעפע־רישע פעיקייט צו געשטאַלטיקן דעם אמת אין אַן אָנציענדיקער, גלענצנ־דיקער פאָרם.

זיינע פילאָזאָפיש־עסייאיסטישע ווערק געהערן צו די בעסטע אין דעם זשאַנער.

אין מאַנכע פון אָט די ווערק, למשל, די „מאָראַלישע בריוו צו לוצי־לוסן", וועגן „ווילטאַטן", „וועגן צאָרן א"א, האָט דער מחבר באַוויזן די אויסערגעוויינטלעכע קונסט פון האַלטן געשפּאַנט דעם לייענער מיט — פילאָזאָפיע...

סענעקאַ האָט באַנוצט אָט דעם זעלטענעם כוח, וועלכן ס'האָט מיט 1,500 יאָר שפּעטער אָנגעווענדט מאָנטען: דער טעמאַטישער געוועב איז דורכגעוועבט און אויסגעהאַפטן מיט שימערערירנדיקע בילדער, אילוס־טראַציעס און ביישפּילן פון דער געשיכטע, און ביידע, סענעקאַ און מאָנטען, האָבן געהערט צו די גרעסטע ערודיטן אין זייער צייט.

ס'איז אמת, אַז ביי סענעקאַן זענען נאָך פאַראַן סתם רעטאָרישע פראַזן און איבערחזרונגען; אָבער דאָס ווערט פאַרגיטיקט דורך זיין כאַראַקטע־ריסטישן אַנאַליז און בליציקן פאַרגלייך.

אינטערעסאַנט מיט וואָס פאַר אַ פּסיכאָלאָגישער דורכדרינגלעכקייט — ממש אַ „טיפן־פּסיכאָלאָגישער" דורכדרינגלעכקייט — סענעקאַ כאַראַק־טעריזירט דעם המונישן אינסטינקט, וואָס עקספּלאָדירט אין גרויסע מענטשלעכע מאַסן. ער ברענגט דעם ביישפּיל פון דעם חיהשן אַמפּי־טעאַטער, און קומט צום אויספיר, אַז „וואָס גרעסער די פאָלקסמאַסע, אין וועלכער מיר געפינען זיך, אַלץ גרעסער די געפאַר. סענעקאַ דערציילט, אַז ער אַליין איז אַמאָל מיטגעריסן געוואָרן אין אמפיטעאַטער מיט דעם מאַסן־

פסיכאָז, פון דעם סאַדיסטישן בלוט־רויש וואָס האָט באַהערשט דעם באַרבאַרישן רוימישן המון...

זיין גייסטיק־אַריסטאָקראַטישן בליק אויף ביליקער פּאָפּולאַריטעט האָט סענעקאַ אויסגעדריקט אין אַזעלכע געדאַנקען און בילדער:

„פיל לויבן זיך: וואָס פאַר אַ גרונט האָסטו צו זיין צופרידן, ווען דו ביסט אַזעלכער וועמען די מאַסע פאַרשטייט?".

„די ליבע פון שענדלעכע מענטשן קאָן דערוואָרבן ווערן אויף אַ שענד־לעכן אופן... דו זאָלסט די מיינונגען אָפּשאַצן, נישט ציילן... ווי זאָל מען נישט רחמנות האָבן אויף דיר, וויסנדיק וואָס פאַר אַ וועג פירט צו אַזאַ באַליבטקייט?".

„לאָז דיר אָבער נישט איינרעדן, אַז דער וועמען ס׳רינגלט אַרום אַ סך מענטשן, איז גליקלעך; מען לויפט צו אים ווי צו אַ וואַסער, וועלכע וואָס שעפּן עס, מאַכן עס שמוציק...".

ער מאַכט דעם שאַרפזיניקן פאַרגלייך צווישן רייכטום און... פיבער... באַמערקנדיק, אַז מען זאָל נישט באַנוצן דעם אויסדרוק: „ער האָט פיבער: ער האָט רייכטום."

„...מען וואָלט באַדאַרפן אומדרייען די פראַזע און זאָגן וועגן קראַנקען: „דאָס פיבער האָט אים"; ווי פון רייכן: „די רייכטימער באַזיצן אים"...

וועגן רוימישן דיקטאַטאָר מאַריוס:

„מאַריוס האָט געפירט די אַרמיי, די אַמביציע האָט געפירט מאַריוסן".

און ער רופט צום וויסנשאַפטלער (געאָמעטער): „דו ווייסט, וואָס אַ גלייכע ליניע איז: וואָס נוצט עס דיר, ווען דו ווייסט נישט וואָס ס׳איז גלייך אין לעבן?"

*

אָבער דער גלאַנץ פון סענעקאַ דעם שריפטשטעלער ווערט אַביסל פאַרשאָטנט פון סענעקאַ דעם מענטש. ער איז דאָך נישט געווען „תוכו כברו". ער האָט געפּריידיקט גייסטיקע ווערטן און מאָראַלישע טוגנטן, אָבער אַליין איז ער געווען דער רייכסטער מענטש אין דער רוימישער

אימפעריע. ער האָט געהאַט געלט אויף פּראָצענט אין אַלע לענדער ביז בריטאַניע...

אָט דער מאָדנער מעזאַליאַנס פון פילאָזאָפיע מיט געלט דערמאָנט אין אַ גרויסער מאָס דעם פאַל וואָלטער — אַ גרויסער פּרעדיקער און קעמפער פאַר גערעכטיקייט און טאָלעראַנץ — און נישט קיין קלענערער פּראָצענטניק...

אין זיינע ווערק, באַזונדערס אין זיינע „דיאַלאָגן", פּרווט סענעקאָ אויף אַן אומדירעקטן אופן פאַרענטפערן די סתירה פון פּרעדיקן אידעאַליזם און האַנדלען פּראַקטיש־רעאַליסטיש.

מען דאַרף אָבער נישט פאַרגעסן, אַז גאָר זעלטענע גרויסע יחידים האָבן דערגרייכט דעם פולן אידעאַל אין זייער לעבן און זייער לעבן אין זייער אידעאַל. נישט קיין קלענערער ווי טאָלסטאָי האָט אַ גאַנץ לעבן געקעמפט און האָט נישט געקאָנט דערגרייכן צו זיך — צו טאָלסטאָי דעם פּרעדיקער...

*

אין אַן עפּאָכע פון דעקאַדענץ און אויפלייזונג פון אַלע זיטלעכע פּרינ־ציפּן; אין דער אַלגעמיינער וואַקכאַנאַליע פון מאָרד און אויסגעלאַסנקייט, זענען באַצייכענענדיק אַזעלכע נעמען פון סענעקאָס ווערק ווי: „וועגן צאָרן", „וועגן חסד", „וועגן וווילטאָטן". מען דאַרף אין אָט די ווערק זוכן און געפינען אַ פילאָזאָפישן אַנטידאָט קעגן דער אַלגעמיינער מאָראַלישער פאַרגיפטונג בכלל און דער הויפישער בפרט. די לערע און גייסטיקע וועג־ווייזערס פון פאָלק ווערן אָפט אָנגערעגט און אַרויסגעפאָדערט פון זייער מאָראַליש־באַנקראָטירטער צייט און סביבה.

ווען אפילו זיי קאָנען נישט ארויספירן די פאַרבלאָנדזשעטע מיט־צייטלערס אויף דעם וועג, זענען זיי דאָך די יחידים־צדיקים — און אין נעראָנס רוים איז סענעקאָ געווען אַ צדיק — פון זייערע סדום־ציוויליזאַציעס, וואָס ראַטעווען זייערע פאָטערלענדער פון קולטור־היסטאָרישער פאַרניכטונג...

מאַרקוס אוירעליוס

(121 — 180)

ער איז געווען אַ דענקער פון דער סטאָאישער שול. און די שול איז אייגנטלעך געווען אַ געמיש פון טיפער רעליגיעזיטעט, אידעאַליזם, העל־דישער אַסקעזע און טראַנסצענדענטאַלן וועלט־באַנעם.

דער גורל, וואָס וואַרפט די ביינדלעך אויפן וועלט־טיש, האָט אין אים פֿאַרקערפערט דעם קייסער־פילאָזאָף, פונקט ווי אין עפּיקטעטן האָט ער דעם גייסטיקן אימפעראַטאָר געשטאַלטיקט אין — דעם שקלאַף.

ביידע — דער שקלאַף און זיין תלמיד, דער אימפעראַטאָר — האָבן געדינט צו איין האַר: דעם טיפן קול פון געוויסן...

אַ קול וואָס טויכט־אויף ביי יחידים אין פאַרשידענע עפּאָכעס, פון פאַרשידענע פעלקער, שפּראַכן, סאָציאַלע שטאַנדן, — פון דעם עברישן פּאַסטעך עמוס, איבער דעם פריגיע׳שן עבד עפּיקטעט, ביז אַ פּאַסקאַל, טאָרא, טאָלסטאָי און אַנדערע.

אָבער אוירעליוס האָט געהאַלטן אין האַנט סיי דעם סצעפּטער פון מאַכט, סיי דעם שטורקאַץ פון גייסט — פון צוויי סתירהדיקע כוחות.

געדאַנק איז ביי אים געווען אַ ריכטשנור פון טאַט, און טאַט — אַ ווערפיקאַציע פון געדאַנק.

און ער האָט אַרויסגעוויזן מוט, אידעאַליזם און קראַפט אין ביידע געביטן. זיין רעגירונגס־צייט איז אָפּט געווען פול מיט קאַטאַסטראָפעס, סכנות פאַר זיין לאַנד: נאַטור־אומגליקן, עפּידעמיעס און מלחמות. אָבער אומעטום איז ער געווען אויפן פאָדערשטן פלאַץ און מיט זיין העלדיש־קייט, פליכט־געפיל און מסירות־נפש גובר געווען אַלע געפאַרן.

ער האָט מיטגעמאַכט דאָס האַרטע סאָלדאַטן־לעבן אין מיליטערישע קאַמפּאַניעס, אויפן זאָטל און אין געצעלטן, אין די פאַרטיידיקונגס־מלחמות קעגן די אַנגרייפנדיקע פּאַרטער און גערמאַנישע שבטים. און אין דער לעצטער מלחמה מיט איינעם פון די שבטים, איז ער געשטאָרבן בעת אַן עפּידעמיע.

אָבער די רומרייכסטע און זיגרייכסטע מלחמה וואָס ר׳האָט געפירט, איז געווען די מלחמת־עצמו.

די גלענצנדיקע היסטאָרישע אַנאַלן פון דער קאַמפּאַניע געפינען מיר אין זיינע צוועלף העפטן מיט פאַרצייכענונגען, וואָס טראָגן דעם נאָמען: „געדאַנקען פאַר מיר אַליין".

די געדאַנקען האָט מאַרקוס אוירעליוס געשריבן אין פאַרשידענע צייטן; אַ סך פון זיי — אין די מיפולע און סכנותדיקע באַדינגונגען פון מיליטערישן לאַגער.

און די „געדאַנקען פאַר מיר אַליין" זענען אַ קוואַל פון אינספּיראַציע אויך פאַר אַנדערע.

וואָס ס׳איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די פאַרצייכענונגען איז נישט פילאָזאָפישע אָריגינאַליטעט, — ווייל זיינע אידייען פירן צוריק צו עפּיקטעט, העראַקליט, סאָקראַטעס און אַנדערע גריכישע דענקערס — נאָר זייער פערזענלעכער קאָלאָריט. פאַראַן אין זיי אַ זעלטענער טאָן פון אמתדיקייט ביז די לעצטע קאָנסעקווענצן, אינטימקייט ביז פּליסטער, געוויסנהאַפטיקייט ביז וידוי און מוט פון געדאַנקען ביז הערויזם.

די אינטימע אַטמאָספערע פון די געדאַנקען ווייעט פון די ערשטע זייטלעך, ווו דער מחבר דערציילט וועגן זיין גייסטיקער ירושה: „...פון מיין מוטער: די פרומקייט, פרייגיביקייט, די געוווינהייט זיך אָפּצוהאַלטן נישט נאָר פון טאָן שלעכטס, נאָר אויך פון אַ שלעכטן געדאַנק... די פשטות פון לעבנס־סדר און די אָפּנייגונג קעגן דעם עקזיסטענץ־אופן, וואָס ס׳פירן די רייכע.

„פון מיין פאָטער: לגבי די געטער — קיין שום אַבערגלויבן; לגבי די מענטשן — קיין שום זוכן פּאָפּולאַריטעט...

„פון פראָנטאָן (זיין לערער): צו האָבן אָבסערווירט צו וואָס פאַר אַ מדרגה פון קנאה... און פאַלשן אָנשטעל ס׳קומען די טיראַנען. און... די וואָס מיר רופן פּאַטריציער, זענען... מענטשן אָן האַרץ.

„...פון מיין ברודער סעווערוס: די ליבשאַפט פון שיינקייט, אמת און גוטס, צו האָבן באַגריפן די אידייע פון אַ רעכטלעכן שטאַט, באַגרינדעט

אויף גלייכקייט פון רעכט... און פון א קעניגרייך וואָס זאָל, קודם כל, רעספּעקטירן די פרייהייט פון די אונטערטאַנען".

אוירעליוס' געדאַנקען נעמען אַרום דעם גאַנצן קרייז פון מענטשלעכן לעבן. ער אַנאַליזירט די מענטשלעכע מעשים אין אַספּעקט פון דער אומ־ענדלעכקייט, און ער ווייזט די אומענדלעכע נישטיקייט פון אַלץ...

זיינע פאַרצייכענונגען זענען איין גרויסער דיאַלאָג פון דער נשמה מיטן ערדישן מענטש, בעת וועלכן דער לעצטער האָט די ראָלע פון קורצע, צושטימענדיקע אויסדרוקן.

עס ווייזט אויס, אַז פּאַסקאַל האָט דאָ געשעפּט זיין „שרעק" און „תהום". אָבער נישט בלויז דעם תהום פון גאָרנישט, נאָר אויך דעם תהום פון גלויבן.

און אָט ווי דער „היידנישער" דענקער בויט זיך אויף זיין סאַנק־טואַריום פון גלויבן:

„מען זוכט זיך אויס יחידות אויפן לאַנד... אין די בערג... אָבער דאָס אַלץ געהער צו די וואולגאַרסטע מיינונגען, וויל דו קאָנסט, ווען דו ווילסט, זיך צוריקציען אין דיר גופא. אין ערגיץ... געפינט נישט דער מענטש קיין רואיקערע אָפּגעזונדערטקייט ווי אין זיין נשמה... קעגן וועמען... ביסטו פאַרביטערט?... זאָג דיר אַז די מענטשן זינדיקן אומווילנדיק, אַז אַלע וואָס האָבן ביז איצט זיך געקריגט, פאַרדעכטיקט, געהאַסט, דורכגעשטאָכן מיט שפּיזן, זענען... פאַרוואַנדלט אין אַש! באַרואיק זיך ענדלעך".

האָבנדיק אַרויפגעשטיגן אויף זיין יחידישן אָבסערוואַציע־טורעם, אַנטפּלעקט זיך פאַרן איינזאַמען באַטראַכטער די גאַנצע פּאַנאָראַמע פון יש:

„די צייט פון מענטשלעכן לעבן, אַן אויגנבליק; זיין סובסטאַנץ, פליסנדיק; זיינע עמפּינדונגען, אומדייטלעך; זיין גורל, אומבאַגרייפלעך; מיט איין וואָרט: אַלץ וואָס געהער צו זיין גוף איז פליסנדיק וואַסער; אַלץ פון זיין נשמה — חלום און רויך. זיין לעבן איז אַ מלחמה, אַן אויפ־האַלט אויף פרעמדע ערד; זיין רענאָמע נאָכן טויט — פאַרגעסנהייט. וואָס קאָן אונדז דאָן פירן? איין איינציקע זאַך: וואָרן אַז דער גייסט וואָס

איז אין אונדז זאָל נישט פאַרראַטן ווערן... אַז ער זאָל זיך נישט רעכענען מיט דעם וואָס אַנדערע טון אָדער טון נישט״. אָט אַזוי אַנאַליזירט ער כסדר אַלע מענטשלעכע מעשׂים, ליידנשאַפטן און איינבילדונגען. און ווי שטאָפּן אין דער לאַבאָראַטאָריע פון אַ כעמיקער, ווערט אַלץ ביי אים אויפגעלייזט אין אַ פליסיקער און פאַרעדיקער מאַסע...

דער כעמישער אַנאַליטיקער פון מענטשלעכע ווערטן פאַרנעמט זיך באַזונדערס מיט איין מין גאָלד־גלאַנציקן מעטאַל: דעם „רום״, די כימעַרישע אייביקייט...

ער לייזט אויף דעם רום פון די הבלדיקע און דעם הבל פון רום...

אַ סך פילאָזאָפן פאַר און נאָך קהלת, דעם באַגרינדער פון הבל־הבלים, האָבן געשילדערט דאָס מענטשלעכע לעבן אין זיין גאַנצער עלנטקייט; אָבער דאַכט זיך, אַז קיינער האָט נישט אַזוי שאַרף אויפגעוויזן די פאַלשקייט פון „אומשטערבלעכקייט״ (וואָס איז אַליין אַ באַווייז פון דער אומשטערבלעכקייט פון די מענטשלעכע איינבילדונגען...).

אויך אָט די לעצטע בריק צווישן די צוויי תהומות פון עבר און עתיד ווערט געמאַכט צו אש און שטויב:

„דער וואָס באַגייסטערט זיך פון דער רענאָמע נאָכן טויט, שטעלט זיך נישט פאָר, אַז יעדער פון די וואָס וועלן זיך דערמאָנען וועגן אים — וועלן שטאַרבן... ביז די דאָזיקע רענאָמע וועט זיין אויסגעלאָשן...

„...ווענד דיין בליק אויף דער שנעלער פאַרגאַנגענהייט אין וועלכער ס׳פאַלן אַלע זאַכן, אויף דעם צייט־תהום וואָס עפנט זיך פון ביידע זייטן צו דער אומענדלעכקייט...״

אַלץ צו באַטראַכטן סוב ספּעציע עטערניטאַטיס, איז וועזנטלעך פאַר אָט דעם וואַכן באַוווסטזיין. פון הינטער יעדער שורה זיינער שטייגט־אויף אַ פּייערדיקע שריפט: „געדענק אין טויט, געדענקט, אַז דו ביסט שטויב״...

אוירעליוס באַגרינדעט זיין גאַנצן געדאַנקען־גאַנג אויף אַ לאָגישן ממה־נפשך. ער דערפירט דעם פּרינציפּ פון מענטש און וועלט צו די אַלטערנאַטיוון:

„אָדער אַלץ שטאַמט אָפּ פון איין איינציקן אינטעליגענץ־קוואַל, און ס׳געהער זיך נישט, אַז דער טייל זאָל האָבן תרעומות אויף דעם וואָס

קומט פאַר אין אינטערעס פון דעם אַל, אָדער ס׳איז נישט פאַראַן מער ווי אַטאָמען... צו וואָס זיך דאַן באַאומרואיקן?... דו ביסט טויט, דו ביסט אויפגעלייזט אין גאָרנישט״...

און מיט זיין כאַראַקטעריסטישן אופן פון טראַכטן און פילן, פליס־טערט דער קעניג־גייסט צום רוימישן אימפּעראַטאָר: „בקרוב וועסטו נישט זיין מער ווי אַש אָדער אַ סקעלעט, אַ נאָמען, און אַפילו נישט קיין נאָמען... אַ רויש, אַן עכאָ... וואָס דאַרף מען טון? ערן און בענטשן די געטער, טון גוטס צו מענטשן...״

נישט קוקנדיק אויף אוירעליוס׳ באַנוצן דעם אויסדרוק „געטער״, איז קלאָר אַז זיין גאָט־באַגריף איז געלייטערט און דערהויבן — אַזעלכן ווי ס׳האָבן, אונטער פאַרשידענע נעמען, אים באַגריפן אַלע טיפע גייסטער פון לאַאָ־צע ביז שפּינאָזע.

מען קאָן יאָ אָדער נישט מסכים זיין מיט די פילאָזאָפיש־מעטאַפיזישע ספּעקולאַציעס פון אוירעליוסן, ווי פון יעדער באַשטימטער וועלט־אַנשויונג בכלל. אפילו דער אַלטערנאַטיווער „ממה־נפשך״ איז אויך נישט די לעצטע לייזונג פאַר אַ סקעפּטישער אינטעליגענץ. סוף כל סוף זענען אַלע אונדזערע השגות — און אפילו די פון טיפזיניקע נאַטורן — מענטש־לעך באַגרענעצט. און אונדזערע מעדיטאַציעס וועגן אין סוף ווערן אומ־ענדלעך וואַריאירט. דער מענטשלעכער שכל, זיין פאַרשטעלונגס־קראַפט איז צו באַגרענעצט כדי כולל צו זיין דאָס אומענדלעכע. די סיבה ראשונה האַלט זיך פון אונדז אין סיריוס־דיסטאַנצן... בלויז דורך פאַרשידנפאַר־מיקע מעדיטאַציע־וואָלקנס רייסט זיך דורך פון צייט צו צייט אַן אינטו־איטיווער שטראַל, אַ סעקונדע־בליץ פון אמת, און פאַרשווינדט...

אָבער אָפּגעזען פון דעם, מוזן מיר אָנערקענען די גרויסע מאָראַלישע פּערפעקציע, נשמה־שיינקייט און כאַראַקטער־העלדנטום וואָס שטראַלט אויס פון דעם לעבן און די שריפטן פון מאַרקוס אוירעליוס; פון אַ לעבן וואָס איז געווען געווידמעט דער עבודה פון הומאַניטעט און דערהוי־בענעם באַוווסטזיין פון אַלטרואיזם, וואָס האָט זיך אויסגעדרוקט אין זיין מאַקסימע: „מיין שטאָט און פאָטערלאַנד, אַלס אַנטאָנינוס, איז רוים; אַלס מענטש — דער אוניווערס״...

היפּאָליט טען האָט אוירעליוסן באַצייכנט אַלס „די נאָבלסטע נשמה וואָס האָט געלעבט". אויב נישט די נאָבלסטע, איז ער זיכער געווען איינער פון די נאָבלסטע.

פון אָט דעם היידנישן דענקערס שריפטן שטראַלט אויס אַ ביבלישע הייליקייט. פאַראַן אין די פּשוטע מעדיטאַציעס אַזאַ סטיכישע קראַפט פון אמת, אַזאַ טיפע, געלייטערטע רעליגיעזיטעט אַזוי פיל חשבון הנפש, לויטער געמיט און טיפקייט פון עמפּינדן!

אין אַ טיפערן זין זענען די „געדאַנקען פאַר מיר אַליין" איין גרויסער חשבון הנפש, וועמענס אומגעהייערע רייכקייט באַשטייט אין דעם וואָס דער בעל חשבון ווייסט וויפל ער איז שולדיק... זיין „גרויסן חוב"... דעפיציט צו „רוים" און צום „אוניווערס", וועלכן ער קאָן נישט דעקן... אָבער וועלכן ער באַמיט זיך צו רעגולירן לויט זיינע מעגלעכקייטן.

מאַרקוס אוירעליוס איז אין זיינע אינטימע נשמה־דיאַלאָגן — אַ מין קעניג וואָס איז נאַקעט. אַ נאָבעלער מענטש, אַ הייליקער וואָס האָט אויס־געטון זיין קעניגלעכן לבוש — אַלע פאַלשע מלבושים פון זעלבסט־שווינדל און אָנגענומענע „אמתן", — כדי צו טובלען זיך אין די קריסטאַל קלאָרע קוואַלן פון נאַקעטן געוויסן...

ענגלישע און אמעריקאנער ליטעראטור

וויליאַם שעקספּיר

(1564 — 1616)

„ווער וואָלט געגלויבט אַז דער זקן זאָל האָבן אַזוי פיל בלוט?"

דעם דאָזיקן זאָג פון לעידי מאַקבעט וואָלט מען אייגנטלעך געקאָנט אָנווענדן צו שעקספּירן אַליין: ווער וואָלט געגלויבט, אַז ער זאָל האָבן אַזוי פיל בלוט?...

ער איז געווען דער באַשעפער פון אַ דראַמאַטישן אוניווערס. היס־טאָרישע געשטאַלטן, רעאַלע און מעגלעכע קאָנצעפּציעס פון נשמה מאָדו־לאַציעס, כאַראַקטער־פּרצופים, ליידנשאַפטן, אַפעקטן — אַלץ האָט ער פאַרקערפּערט, געגעבן קרעאַטיווע בלוט־צירקולאַציע און פּאָעטישן רוח חיים...

ער איז געווען אַ מעכטיקער גייסט־גענעראַטאָר, אַ לעבנס־דינאַמאָ, וואָס האָט טראַנסמיטירט וויטאַלן שטראָם אין אומצייליקע אינדיווידועלע כאַראַקטער־„ליניעס".

זיין טעאַטער איז די וועלט־בינע, מיט אַן אומענדלעכן אַקטיאָרישן געשטאַלטן־אַנסאַמבל: מיטן פאַטום אַלס רעזשיסער אין הינטערגרונט...

איינע פון שעקספּירס דראַמעס רופט זיך: „די קאָמעדיע פון טעותים". דאָס שעקספּירישע טעאַטער איז די טראַגעדיע פון טעותים, ווי עס איז דאָס דער גאַנצער אומפאַרשטענדלעכער וועלט־עפּעס, וואָס דערשיינט אונדז מיסטיש און מיסטיפיצירט...

און די טעותים־טראַגעדיעס — דאָס איז דער ווירבלשטראָם פון עלעמענטאַר קעגנזעצלעכע נאַטורן, די פּסיכיש־עלעקטרישע פּלוס־מינוסן, וואָס עקספּלאָדירן אין אומענדלעכע קאָמבינאַציעס, אין סצענישע „קורצשלוסן" — די פיזיק פון דער מענטשלעכער דראַמע.

שעקספּירס פענאָמענאַלער כוח, זיין דראַמאַטישער געניוס אַנטפּלעקט זיך סיי אין די טיראַדעס פון זיינע העלדן און סיי אין זיין אויסערלעך סיטואַציאָנעלן און אינערלעך־פּסיכישן קולמינאַציע־פּונקט.

דראַמאַטורגן דערפירן אָפּט זייערע העלדן צו דער סאַמע דעמאַר־קאַציע־ליניע פון די לעבן־טויט־שטחים, אָבער שעקספּירס סצענישע לאַנדשאַפט איז דאָס „ראַנד־געביט" — דאָס „קיינעמס־לאַנד" צווישן די צוויי אַספּעקטן פון גרויסן וועלט־רעטעניש: זיין און נישט זיין.

די רייד און מעדיטאַציעס פון די שעקספּירישע פּערסאָנאַזשן שטראַלן־אויס פון דער ברייטסטער אינטעליגענץ אין דער פאָרם פון אומאיבער־טרעפלעכער עלעגאַנץ, פון נשמהדיקער „קאָרעספּאָנדענץ".

שעקספּיר איז אַ וואונדערלעכער מאַגיקער פון לשון, זיין וואָרט באַזיצט די „הימלישע רעטאָריק", וואָס ער באַזינגט אין אַ סאָנעט צו דער געליבטער פּערזאָן.

מיר־נישט, דיר־נישט, גיט זיך זיין העלד אַ זאָג אַזאַ, אַ שפּרוך־פראַזע, וואָס עפנט מיט וואונדער תהומות פון ספּאָנטאַנישקייט, פון טיפזי־ניקסטער עקספּרעסיע, וואָס דערגייט צו דער פולסטער פאַזע פון וואָרט: צו דער שטילקייט, שטומקייט: „עס איז געווען לשון אין זייער שטומקייט".

שעקספּירס פּראָזע איז פּאָליגאָניש אין איר באַדייטונג. זיינע געדאַנקען פליען הויך, אָבער זיי גייען אויך גראַציעז אויפן רעאַל לאָגישן באָדן.

און ער איז טאַקע, ווי עס שיינט, דער מערסטנס ציטירטער שרייבער אין דער וועלט־ליטעראַטור. זיין שפּראַך־אוצר איז דער רייכסטער. זיינע וואָרט־באַנקנאָטן זענען די זיכערסטע מיט זייער צירקולאַציע און קורס אויף דער אינטעלעקטועלער וועלט־בערזע — זייער דעקונג איז גאַראַנ־טירט מיט פול־קאַראַטיקן גאָלד.

ער איז געווען אַ מייסטערהאַפטער ווערבאַלער לאַבאָראַנט, וואָס האָט דורך ראַפינירנדיקע פּראָצעסן דערגרייכט צום וואונדער פון זין־קאָנצענ־טראַציע. קיינער האָט נישט געקאָנט אַריינלייגן אַזוי פיל מיינונג, באַדייט אין אַן אויסדרוק, ווי שעקספּיר טוט עס, למשל, באַצייכענענדיק די עלנטע

וואַכעדיקייט פון דער וועלט: „אָ, די דערנער פון דער דאָזיקער אַרבעטס־טאָג וועלט!״.

ווייל שעקספּירס אינהאַלט איז — די שפּראַך פון דער נשמה; זיין מעדיום — די נשמה פון דער שפּראַך...

*

זיין ווערק — אַן אומגעוויינלעך רייכע גאַמע פון נשמה־קאָלירן. ווייסע אומשולד פון די ליליען־צוויט צאַרטע דעסדעמאָנע׳ס; דזשוליע׳ס. גיפּטיק געלע אייפערזוכט: אָטעלאָ.

פלאַמען־פאַרביקע, צעבושעוועטע לײדנשאַפט: קלעאָפּאַטרע.

האַרבסטיק טונקעלע, גראָע פאַרצווייפלונג פון אַ האַמלעט.

ביז די שטאָק פינצטערע פיגורן — די קרימינעל טייוולאָנישע נאַטורן.

שוואַרץ, ווי די נאַכט, וואָס האָט זיי אויסגעבריט, מיט גרויל פון אייביקן תהום און מדבר, מיט פאָספאָר גרינעם סם פון אַלע שלאַנגען און עקדישן שאָטענען פאַרביי די מאָנסטרועזע קרעאַטורן — די יאַגאָס, מאַקבעטס און ריטשאַרדס — —

ווי די אַלמעכטיקע נאַטור אין איר אומבאַגרייפלעכן שאַפונגס־פּראָצעס, וואָס „פּראָדוצירט״ אין איר ביאָלאָגישער אינדוסטרי שוואַלבן, לעמער, גאַזעלן; טיגערס, קאָרשונס און קראָקאָדילן; בלומען און דערנער...

אַן אומענדלעכע „חד־גדיא״ — אַן אַ פינאַלן אַרביטער...

דער סטראַטפאָרדער וויזיאָנער האָט טיף אַריינגעבליקט אין אויבער־פלעכלעך רויקן ים פון מענטשלעכן געמיט; ער האָט אַנטפּלעקט דעם אונטערגרונט וואָס שווינבלט און ווימלט...

ער האָט אויף זיינע פּסיכאָגראַפישע עקספּעדיציעס אַנטדעקט די דזשונגל־לאַנדשאַפט, וואו עס ברילן אימהדיק די לײדנשאַפטן־בעסטיעס און אינסטינקטן־אומגעהייערס...

ער האָט לעבעדיק רעאַל געוויזן זיינע „אויסגעטראַכטע״ גע־שטאַלטן, — פּונקט ווי ער האָט זיינע דיכטערישע צייכענונגען אויסגע־האַפּטן אויף דער קאַנווע פון היסטאָרישע פיגורן, געשעענישן.

און די געשיכטע האָט אים געגעבן גענוג שטאָף.

זי איז אַן אומדערמידלעכער ליפעראַנט פון פאַנטאַסטיש קרימינעלן, מאַקאַברישן, — אָפּגעטיילט מיט קליינע ליכטשטרייפן פון שיינער מענטשלעכקייט, ווי די שטראַלנדיקע הימל־קערפּערס, וואָס טיילן אָפּ נאַכט פון נאַכט.

האָט שעקספּיר אונדז געשילדערט אין זיינע היסטאָרישע — און היסטאָריש פאַבולירטע — דראַמעס די קעניגלעכע הויפן אַלס אַלי־באַבאַ היילן...

ווייל אין אָט די פּאַלאַץ־היילן האָט זיך קאָנצענטרירט די גרעסטע מאַכט און די תאווה וואָס איז גרעסער פון איר — ווי דער שאָטן וואָס איז גרעסער פון דעם אָביעקט...

די אומדערזעטלעכע תאווה צו מאַכט, וואָס קאָן נישט דערגרייכט ווערן — ווי דער אייגענער שאָטן...

און דאָרט, אין די קנופּ־פּונקטן פון ליידנשאַפטן, אינטערעסן און כאַראַקטערן האָט ער געוויזן דעם אייביקן קאַמף פון ליכט און פינצטערניש, גוטס און בייז, איידלקייט און ברוטאַלקייט — דעם פּרינציפּן־דועל וואָס שפּילט זיך אָפּ אויף דער קאָסמישער און מענטשלעכער אַרענע.

שעקספּיר דערהייבט זיך ערטערווייז איבער דער באַרבאַרישער שיינקייט פון דער מאָנסטרועזער גריכישער מיטאָלאָגיע. (די גריכישע דראַמע איז אין תוך, אַ מאַריאָנעטן־טעאַטער, וואו אַלע פיגורן ווערן געצויגן מיט פּרעדעסטינאַציע שטריקלעך פון דעם הויפּט־אַקטיאָר — דעם גורל). ער איז אָבער נאָך אונטערן איינפלוס פון דער פאַטום־רעזשי אין דער פאַבולע און קאָנצעפּציע. דער קאָנפליקטן־קנופּ ווערט ביי אים נישט אויפגעבונדן, נאָר אויפגעשניטן... אין „האַמלעט" ווערן אַלע האַנדלענדיקע פיגורן אַראָפּגערוימט פון סצענישן שאַך־ברעט ביז ער קומט צום פולן „מאַט". שעקספּיר האָט געצאָלט דעם טראַדיציאָנעלן בלוט־צינז דעם גורל־גרויל. דאָס איז אָפּט שאָקירנדיק, אָבער דאָס מינערט נישט פון דער קראַפט, מיט וועלכער ער לאָזט וויזן אויף דעם לייענער דעם אייגנ־טימלעכן טראַגישן אָטעם פון זיינע העלדן.

צו דער אייגנטימלעכקייט פון שעקספּיר־סטיל געהערט דער לאָקאַלער

קאַלאָריט, די שפּראַכלעכע וואולגאַריטעטן און ביבלישע נאַקעטקייט פון באַצייכענונגען...

אָבער שעקספּירס ביבליש־נאַקעטע, שאַקירנדיקע וואולגאַריטעטן פאַרמאָגן אויך די פּרימיטיווע ביבלישע אור־קראַפט... די קונסט פון ספּאָנטאַנער פשטות, וואָס באַצווינגט סוגעסטיוו.

אין שעקספּירס גראַנדיעזן ווערק ווערן זיינע העלדן דערפירט צו די העכסטע באַרג־שפּיצן פון מעדיטאַציע, צו דעם ראַנד פון טיפסטע אינטואיטיווע תהומות. אויפן ראַנד פון „זיין" הערן זיך עכאָס, בליצן טיפסטע אנונגען מאחורי פרגוד העולם...

פּוירסי ביש שעלי

(1792 — 1822)

ביי שעלין איז אַלץ געווען „פון פויגל־פלי".

זיינע אָנהייבערישע דיכטונגען זענען געווען הומאַניסטיש־דידאַק־טיש: אָנצוצינדן אין די הערצער... ענטוזיאַזם פאַר די לערעס פון פריי־הייט און גערעכטיקייט, דעם גלויבן אין עפּעס גוטס, וועלכן סיי געוואַלט, סיי מיסרעפּרעזענטירונג און פאַראורטיילן קאָנען קיינמאָל נישט גענצלעך אויסלעשן צווישן דער מענטשהייט".

אָבער ווי זיין „הימל־לערכע", איז שעלי אַרויפגעשטיגן אין דער־הויבענע רוימען. ער האָט זיך דערהויבן צו זיינע אָדעס, צו „אַדאָנאַיס" און צו „דער באַפרייטער פּראָמעטעאוס".

אַ קאַרנעוואַל פון גייסט;
אַן אַנגעלישע באַקכאַנאַליע;
אַ געטלעכע סימפאָניע.

אַ סך שיינקייטן האָבן אַראָפּגענידערט אויף דער ערד, — שעלים. שיינקייט איז אומפאַרגלייכלעך. אַ סך הייליקייט שטראַלט אויס פון תנ"ך

און פון די וועדאַס, פון עפּיקעט און מאַרקוס אוירעליוס, — שעלי איז ביידע: הייליק און שיין. מען מוז פאַרמאַכן די אויגן פון בלענדנדיקער שיין און שיינקייט... עס שווינדלט פון דעם דאָזיקן מעכטיקן פלי אין אַ צעזינגענעם אין־סוף, דורכגעזילבערט מיט דער לויטערסטער מוזיק פון זיינע „גייסטער־כאָרן".

ווי קאָן מען נוצן אַ מאָס פון שיינקייט פאַר אָט דער שיינקייט אָן אַ מאָס?

דאַנטע, שעקספּיר, געטע, דאָסטאָיעווסקי און באָדלער זענען געווען תהום־טויכערס. יעדער פון זיי איז, אויף זיין אופן, געווען דער „אַראָפּ־שטייגערער", מער היימיש אין גהינום, ווי אין הימל.

שעלי איז געווען דער אַרויפשטייגער.

זיין פּאָעזיע איז די ספּיריטואַליזאַציע פון דער נאַטור און די נאַטוּ־ראַליזאַציע פון דער נשמה...

נאָך מער פון קיטסן, דעם אומגליקלעכן שיינגייסט, איז שעלין — אַלס פּראָמעטייאישע נאַטור — אויסגעקומען צו ליידן פון מיספאַרשטענ־דעניש צו זיין עטערישער פּערזענלעכקייט.

ער, דער „אַטעיסט" — איינער פון די נאָבלסטע, הייליקסטע מענטש־לעכע געשטאַלטן פון אַלע צייטן — איז געוואָרן גערודפט פון די „פרומע".

און דאָס איז, אין פאַרשידענע צייטן און אין פאַרשידענע פאָרמען, געשען מיט אַ סך רעליגיעז־קעמפערישע פיגורן — פון די אַנטיקע צייטן ביז שפּינאָזע, טאָלסטאָי און אַנדערע.

ווייל די פּריסטערס האָבן דאָך דעם מאָנאָפּאָל איבער די מאַניפעס־טאַציעס פון רעליגיעזיטעט. זיי זענען די ערדישע רעגענטן פון הימל, די באַצאָלטע עדות פון דער געטלעכקייט... אָבער ענלעך ווי רוסאָ, האָט דער טיפער דענקער שעלי פּראָקלאַמירט זיין „אַטעיזם":

„די טעותדיקע און דעגראַדירנדיקע אידייען, וועלכע מענטשן האָבן באַגריפן וועגן דעם העכסטן וועזן... איז רעדנדיק קעגן, און נישט דאָס העכסטע וועזן גופא".

אים איז אויך אויסגעקומען צו ווערן מיספאַרשטאַנען פון די פּאָפּו־לערע קריטיקערס פון זיין צייט.

און אַ סך פּרעטענציאָנעלע קריטיקערס זענען דאָך נישט מער ווי עטיקעטן־קלעבערס אויף פלעשער ווין, וואָס מבינים, מענטשן מיט אמתן געשמאַק, האָבן טועם געווען און „גוטגעהייסן".

סווינבורן, דער גרויסער ענגלישער דיכטער, וואָס איז געווען אַ גוטער דעטעקטאָר פון שיינקייט און אָריגינאַליטעט, — האָט טיף דערקענט און אָפּגעשאַצט שעליס געניאַליטעט, אַריינרעכנענדיק אים צווישן דריי גרעסטע לירישע פּאָעטן פון אַלע צייטן.

זיין געניאַליטעט איז דערקענט און אָפּגעשאַצט פון דער אינטעליגענץ, פון די געקליבענע יחידים — און דאָס אַליין איז איין באַווייז פון זיין אויסערגעוויינטלעכער דערשיינונג. (לאָאָ־צע: „די וואָס קענען מיך זענען נאָר אַ הייפל און דעריבער איז מיין כבוד גרעסער"...).

אין פאַרגלייך מיט שעלין, איז היינעס שיינקייט — פאַרכישופנדיק און גראַציעז ווי זי איז — גופיש, און זיינע פּרעכטיקע לידער — גיטאַרע־ראָמאַנסן.

פּושקין איז לגבי אים אַ מייסטערהאַפטער, ציגיינעריש־ווירטואָזער האַרמאָשקע־שפּילער...

דער אוניווערסאַליזם פון „באַפרייטן פּראָמעטעאוס" איז ערדיש און קאָסמיש, אויסגעזונגען מיטן דינסטן קול דממה דקה געזאַנג.

וויטמאַן איז געווען עכט און גרויס אין זיין רעליגיעז־קאָסמאָפּאָ־ליטישן וועלט־באַנעם; אָבער זיין אוניווערסאַליזם איז, אין אַ גרויסער מאָס, מער אַ נומעראַטאָרישער. אויב ס'גייט וועגן פעלקער, לענדער, טייכן, פּראָפעסיעס, אאַ"וו — איז וויטמאַן דער אוניווערסאַלסטער וועלט־פּאָעט. ער איז אָבער מער דער פויקן־קלאַפּער פון פּאַנטעאיזם...

תהילים, כתר מלכות פון איבן גבירול, די רעליגיעזע געזאַנגען פון אַ נאָוואַליס אָדער רילקע — זענען געשפּילט אויף איין סטרונע: געט־לעכע באַרוישטקייט.

אָבער פון שעליס פּראָמעטעאוס פלייצט אַרויס אַן אָקעאַן פון מוזיק. אַלע ערדישע פרישקייטן, זאַפטיקייטן און אַראָמאַטן; אַלע געפילס־פאַזן,

חלומות, פיין־זיפּצן, טרערן — אַלץ איז סובלימירט: פון דינסטן, צאַרטסטן סאָלאָ־פליסטער ביז דעם פּייערלעכסטן עלעמענטן־כאָר. אויף אַט דער אומשטערבלעכער סימפאָניע — און אַנדערע פון זיינע לידער און פּאָעמעס — הויכט דער אָטעם פון אייביקייט. זיי האָבן דעם ריטם פון אומענדלעכקייט. זיי זענען אַרוימגעזוימט מיט נביאישן אָרעאָל פון רוח הקודש...

פיר נשמהדיקע שטראָמען פליסן אַרויס פון גן עדן של מעלה: אמת, צדק, חסד און שיינקייט.

זעלטן אַז אַ יחיד זאָל אויפנעמען זיי אַלע צוזאַמען. ביי אים, דעם דיכטער בחסד עליון, האָבן זיך די פיר שטראָמען צוריק פאַרייניקט אין זייער מיסטישן ציקל.

ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ נאַטור־קאַטאַסטראָפע ס׳האָט מיט זיך פאַר־געשטעלט שעליס דערטרונקען ווערן אין יאָר 1822.

ווער ווייסט וואָסערע צוקונפטס־אוצרות ער האָט מיטגענומען מיט זיך אין די טיפע וואַסערן פון ספּעציאַ־איינגוס?

דער טויט פון אַ יונגן זשעני — פון דעם העכסטן, נאָבעלסטן מין — איז דאָס פאַרזינקען פון אַ לעגענדאַרישער אַטלאַנטידע.

אָבער די שעלישע געזאַנגען און זיין ליד פון לידער — זיין „פּראָ־מעטעאוס” — זענען פּאָלאַר־שטערנס פון אייביקער שיינקייט: אומדער־גרייכבאַר, געהיים פינקלענדיק...

אַן אומשטערבלעכע לעגענדע האָט אים אַרומגעהילט אויפן ווייטן זוים פון שוים־שפּריצנדיקן ים — —

לאָרד בייראָן

(1788 — 1824)

די ענגלישע פּאָעזיע פון 19טן י״ה פאַרמאָגט גרעסערע פּאָעטן לויטן כוח און פאַרב פון אויסדרוק — קודם כל שעלי און קיטס.

אָבער בייראָן און בייראָניזם איז דער אויסדרוק פון כוח.
ווי אַ שטורעם האָט ער זיך דורכגעטראָגן איבער אייראָפּע. און זיין דראַמאַטיש לעבן מיטן טראַגישן עפּילאָג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לעגענדע וואָס האָט אָנגערעגט און וועט אָנרעגן די געמיטער.
דזשאָדזש גאָרדאָן בייראָן האָט פון זיין פאָטערס זייט געשטאַמט פון פראַנצויזישע נארמאַנען; זיינע עלטער־זיידעס זענען געווען שיפסקאַפּי־טאַנען. פון דער מוטערס זייט האָט ער געצויגן זיין יחוס פון שאָטלענ־דישע מלכים. ער האָט אין זיך געהאַט דאָס העלדיש־אַוואַנטוריסטישע פון זיינע אבות, וועלכע האָבן פאַרניכטעט און געגרינדעט קעניגרייכן.
וואָלט בייראָן געלעבט אין אַן אַנדערער עפּאָכע, וואָלט ער אפשר אינ־גאַנצן אויסגעשפּילט זיין שטורמישע סימפּאָניע מיט זיין לעבן. (אין שייכות מיט דעם איז כאַראַקטעריסטיש דאָס מעמואַרן־בוך פון טרעלאַוני א״נ „די לעצטע טעג פון שעלי און בייראָן״. טרעלאַוני דערציילט, אַז איינע פון די סיבות פאַר זיין אויסמיידן געוויסע באַזוכערס איז געווען זייער טראַקטירן אים אַלס — שריפטשטעלער; בייראָן האָט זיך קודם כל און הויפּטזאַכלעך געהאַלטן ווי אַן אַדלמאַן און אַריסטאָקראַט).
אָבער בייראָן האָט געלעבט אין אַ צייט, ווען פון אַלע אידעאַלן זענען געבליבן שוואַרץ־פאַררויכערטע האַלעוועשקעס. די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע, אָט דער מעכטיקער געגנעראַטאָר פון „פרייהייט, גלייכהייט און ברודערלעכקייט, האָט עקספּלאָדירט. אויך דער גרויסער־קליינער נאַפּאָלעאָן, וואָס האָט געפּרווט אויפזאַמלען די פונקען פון די טליענדיקע חורבות פאַר זיין אייגענעם „קאַמין״, — איז געפאַלן. דער נייער מיטאָס איז נישט געשאַפן געוואָרן און דער אַלטער איז נישט אויפגעשטאַנען קיין תחית המתים. די טעכנישע רעוואָלוציע און די מעכטיקע קלעפּ פון מאָנטעסקיע, וואָלטער, רוסאָ און די ענציקלאָפּעדיסטן האָבן צעשטערט אַ טויזנטיאָריקן פעאָדאַלן בנין.
פון דעם אַלטן פעאָדאַליזם און ריטערטום האָט בייראָן גענומען דעם אַוואַנטוריסטישן העראָאיזם. זיין לעבן איז אַ געמיש פון ראָמאַנטישן ליידיקגיין און פון דער פּאָעזיע פון טאַט.
ער איז געווען אַ יעגער פון כימערעס, עמאָציעס (דאָס דערגרייכטע

ווייזט די אומדערגרייכבאַרקייט). דער וואָס וויל „כאַפּן" די שיינקייט, איז ווי איינער וואָס כאַפּט אַ פּלאַטעדנריקן שמעטערלינג: די צאַרטע שימע־רירנדיקע פאַרבנפּראַכט פון זיינע פליגעלעך פאַרוואַנדלט זיך אין זיינע הענט — אין שטויב....

קיטס האָט וווּנדערלעך געשריבן: „אידעאַלן זענען פאַרפירעריש און געפערלעך ווי די לעגענדאַרישע סירענעס, וואָס פאַרכישופן מיט זייער קול דעם וואַנדערער און ברענגען אים אום..."

בייראָנס לעצטע אידעאַל־סירענע וואָס האָט אים געברענגט צו אומ־קום איז געווען דער גריכישער פרייהייטס־קאַמף, אין וועלכן ער האָט זיך געוואָרפן מיט לייב און לעבן און פאַרמעגן (און דאָס לעצטע האָט ער גאָר שטאַרק געשעצט...) אָבער באַלד ווי ער איז אָנגעקומען קיין גריכנלאַנד, ווו ער האָט איינגעאָרדנט אַ מין גענעראַלשטאַב, האָט ער געשריבן: „איך בין געווען אַ נאַר צו קומען אַהער. וועגן די גריכן קאָן איך בין איצט קיין גוטס נישט זאָגן; און איך וויל נישט רעדן קיין שלעכטס וועגן זיי"...

בייראָנס ווערק פאַרמאָגן פּאַטאָס אוןליידנשאַפט, ענערגיע און שאַרפזין, רעטאָריק און סאַרקאַזם.

אָבער אין מאַנכע פון זיינע דראַמאַטישע פּאָעמעס, ווי „קין", „מאַנ־פרעד", האָט בייראָן — ווי זיין לוציפער — אונדז אַריינגעפירט „אין אָפּגרונט פון רוים" — די אור־פראַגן פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ — די געהיימע טיפענישן, אין וועלכע די גרויסע נשמה־טויכערס וועלן אייביק נורטעווען און זוכן...

ביירָאָן האָט אַריינגעברענגט אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור דעם „ספּלין" פון ענגליש: מרה שחורה. (וואָלטער האָט דעם אויסדרוק אַריינגעבראַכט פון ענגליש בלויז לינגוויסטיש, אָבער נישט עמאָציאָ־נעל). ער האָט אַריינגעבראַכט אַ גאַנצע טענער־גאַמע אין דער מאָדערנער דיכטונג; איר אַנטוישונג, „וועלט־שמערץ" און „גייסטיקן אַריסטאָקראַ־טיזם": איך האָב „פאַראַכטעט אויסצומישן זיך מיט אַ סטאַדע, כדי צו זיין איר פירער — אַפילו פון וועלף. דער לייב איז אַליין און אַזוי בין איך".

ער איז דער פאָטער פון די דעקאַדענטן, וואָס האָבן געבראָכן מיט קולטור...

ער איז געווען דער וואָגלדיקער שיפּסקאַפּיטאַן אויפן אָקעאַן פון חלומות.

אַן איראָנישער דאָן קיכאָט, וואָס האָט קאָנסטרואירט זיינע „טיראַניי״־ווינט־מילן.

זאַט מיט רום, רייכטום, ראָמאַנטישע אַפּערעס און איינפלוס — אַן אומגעקרוינטער קעניג פון לעבן, — האָט אויף אים געפּאַסט אָסקאַר ווײַלדס גענִיאַלע דעפיניציע פון אַ ציניקער: „דער ציניקער ווייסט דעם פּרייז פון אַלצדינג און דעם ווערט פון גאָרנישט״...

אָבער דאָס איז געווען א ציניקער — באַהויכט מיט אָטעם פון דער געטלעכער מוזע, מיטן געהיימנישפולן אומרו פון א גרויסער נאַטור־קראַפט, מיטן ווולקאַנישן פייער פון אַ גרויסער פּערזענלעכקייט.

אין דעם מויל פון אַ סטערילן גייסט קלינגען טויט און פאַרבלאָז די פראַזן פון הבל הבלים; אָבער אין דעם שיינעם מויל פון אַ בייראָן ווערט אָט דער „הבל הבלים״ באַלעבט מיט אַלע חנען און פאַרבן פון שיר השירים.

בייראָן האָט געגעבן דעם דעמאָן בירגערשאַפט אין דער איירא־פּעישער פּאָעזיע.

ווען ער איז צום ערשטן מאָל געקומען אין לאָרדן־הויז, האָט בייראָן, נאָך דער איינשווערונג־צערעמאָניע זיך געזעצט אין דער לינקער זייט, צו דער אָפּאָזיציע. און אין זיין שאַפונג האָט ער זיך געזעצט נעבן לוציפערן, דעם קאָסמישן אָפּאָזיציאָנער, דעם וועלט־קריטיקער און רעוואָלוציאָנער...

דער דעמאָן איז דער גרויסער קריטיקער פון אוניווערסאַלן ווערק, מיט זיינע אומענדלעכע „קאַפּיעס״ און אוניווערסאַלע טָעותים...

> „אַנטקעגן יעדן אויסערלעכן חוש און אינערלעכן געפיל
> דענק און טו אויסדויערן און פאַרמירן אן אינערלעכע וועלט
> אין דיין אייגן האַרץ...״

עצהט לוציפער קינען.

שאַפן זיך אין אייגענעם האַרץ אַן אינערלעכע וועלט — דאָס איז די פּריווילעגירטע פונקציע פון אַלע שעפערישע נאַטורן.

און ווי לאַנג ס׳וועט דויערן דער מענטשן־מין, וועלן זיי קומען, די קינדער פון זעאונג און געזאַנג, און אויסוועבן כישופדיקע וועלטן פון שיינקייט, שטראַלנדיקע מיטן געהיימנישפולן ליכט פון ווייטע שטערנ־וועלטן; באַחנטע ווערק פון אומפאַרגייענדיקער שיינקייט.

און ווי לאַנג ס׳וועט נישט אונטערגיין דער מין פון די, וועלכע טראָגן אין זייער בלוט דעם געטלעך־דעמאָנישן בליץ פון שאַפונג, די שליחות פון פּראָמעטעי־פּיאָנערן פון נביאישע געוויסן־ערדציטערנישן: פון אַפּראַדיטישע שיינקייטן... וועלן זיי דערגענצן דעם אוניווערז מיט טאַט, קלאַנג, פאַרב, טאָן און וואָרט — פריש ווי אַ באַגינען־טוי, באַחנט ווי אַ פרילינגס־גרעזל און ריין ווי אַ קינדערישע טרער...

דזשאָן קיטס

(1795 — 1821)

דזשאָן קיטס איז איינער פון די וווּנדערלעכע דיכטער־מעטעאָרן, וואָס האָבן אויף אַ ווייל דורכגעשטריפט דעם ליטעראַרישן האָריזאָנט, באַלייכ־טנדיק מיט אַ מאַגיש ליכט דעם אַרום, אָבער נישט זייער סודותדיקן קומען און פאַרשווינדן...

אין קעגנזאַץ צו די מערסטע דיכטערס פון זיין עפּאָכע איז ער געווען אַ קינד פון פאָלק: זיין פאָטער איז געווען אַן אייגנטימער פון פערדשטאַלן. אָבער דערפאַר האָט קיטס גוט באַהערשט די רייטקונסט — די פּאָעטישע רייטקונסט. ער האָט באַהערשט דעם פּאָעטישן פעגאַז...

די השפּעה פון דער אַנטיקער גריכישער קולטור און קונסט איז באַזונדערס שטאַרק ביי די דריי גרויסע ענגלישע פּאָעטן פונעם ערשטן

פערטל פון 19טן יאָרהונדערט — בייראָן, שעלי און קיטס. און דער לעצטער איז דער גריכישסטער פון אַלע.

אָבער גריכנלאַנד איז שוין לאַנג נישט מער ווי אַ חורבה־פּלאַץ פון איר אייגענער קולטור. נאָך אַ טויזנטיאָריקער הפסקה האָבן די מוזעס איבערגעוואַנדערט קיין איטאַליע, ווו עס האָבן מיט נייעם גלאַנץ אויפ־געבליט די אַלטע קונסטן.

בייראָן דער אָדלער, שעלי די לערכע און קיטס די נאַכטיגאַל — זענען איבערגעפלויגן פון פאַרנעפּלטן צפון צום ליכטיקן איטאַליע.

דער פּאָעטישער און אינטעלעקטועלער „ראַדיוס" פון די ערשטע צוויי איז געווען אַ ברייטערער, אָבער קיטס איז אָן גלייכן אין זיין פאָרעם־פּערפעקציע.

ער האָט זיך טיף געבוקט צום גאָט פון שיינקייט:

„שיינקייט איז אמת, אמת שיינקייט — דאָס איז אַלץ
וואָס איר ווייסט אויף דער ערד, און אַלץ וואָס איר דאַרפט וויסן..."

און די שיינקייט האָט אים באַשאָנקען מיט אירע חסדים. אין אַ סך פון זיינע לידער און פּאָעמעס האָט ער דערגרייכט אַ האָמערישן חן און נאַיוויטעט. די שורות פלייצן סטיכיש, פריש און קלאָר ווי קוואַלוואַסער.

אָבער יעדעס וואָרט איז גלייכצייטיק אַ בילד פון זיין געדאַנק. און עכטע קינסטלערס דענקען אין בילדער און פילן אין טענער.

דעם דענקערס מוח איז אַ פאַבריק ווו ס'ווערט געשפּינען דער פאָדעם פון געדאַנק.

אָבער אין קינסטלערס וואַרשטאַט גייט דער געדאַנק און די עמאָציע דורך אַ פאַרב־אָפּטיילונג און ווערט אויסגעפּאַרטיקט אין פאַנטאַסטיש שיינע געוואַנטן...

און קיטס איז וווּנדערלעך סיי מיט זיין אַנטיקער קונסט־געשטאַלטי־קונג, סיי מיט זיין אַנטיקער מייסטערונג פון טויט.

און דער טויט האָט דעם צאַרטן מוזע־געבענטשטן יינגל געשיקט זיין שטאָפּעט — דעם שווינדזוכטיקן בלוטשטורץ. אָבער דער וווּנדערלעכער ליריקער האָט די אייביקע שרעק פאַר דער אייביקייט געמאַכט צו „נישט".

י. גאָלדקאָרן

און פון דעם נישט, דער „נאָטינגנעס״, האָט ער געשאַפן אַ וועלט פון שיינקייט:

ווי אין זיין וווּנדערלעכן סאָנעט:

„WHEN I HAVE FEARS THAT I MAY CEASE TO BE"

„ווען איך דערזע אויפן צעשטערנטן פּנים פון דער נאַכט,
ריזיקע פאַרוואָלקנטע סימבאָלן פון אַ דערהויבענער לעגענדע,
און איך דענק, אַז כ׳וועל נישט דערלעבן נאָכפאָרשן זאַכט
זייערע שאָטנס מיט דער מאַגישער האַנט פון געלעגנהייט...״

קיטס לידער זענען קלאַסיש אין דעם זין ,וואָס זיי פאַרקערפּערן אָפט דעם פּיל־געשטרעבטן און ווייניק דערגרייכטן אידעאַל פון קונסט: די מאַרמאָרנע שיינקייט, די קאַלטע רוחניותדיקע שיינקייט פון אַ סטאַטוע. אין אָט די קאַלט־שטיינערנע פאָרמען איז אָבער אַקומולירט אומענד־לעכער עקסטאַז, וואָס איז בכוח עלעקטריש צו באַווירקן דעם געניסער.

ווי פיל פון זיינע פאָרגייערס, איז קיטסן נישט באַשערט געווען צו קריגן אַנערקענונג ביים לעבן. אָבער אין זיינע סאָנעטן וועגן רום באַווייזט ער אויך גובר צו זיין די תשוקה נאָך דעם נאַרקאָטישן געטראַנק, צו וועלכן ס׳דורשטן די קינדער פון די מוזעס.

אין מאַנכע פון זיינע שאַפונגען איז נאָך פאַראַן די נעאָ־קלאַסישע אימיטאַציע. אָבער מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז זיי זענען געשריבן געוואָרן פון אַ יונגן דיכטער, וואָס איז געשטאָרבן צו 26 יאָר.

דאָס איבערבלייבנדיקע — סיי דאָס גרויסע, סיי דאָס אומרייפע — זאָגט ערשט עדות וועגן די אוצרות פון שיינקייט, וועלכע ער וואָלט געקאָנט אַנטפּלעקן.

אין דעם זין איז פאַרבאָרגן אַ גרויסער „מעמענטאָ״ צו דער וועלט אין זיין עפּיטאַף, וואָס ער האָט געהייסן אויסקריצן אויף זיין מאָנומענט:

„דאָ ליגט איינער, וועמענס נאָמען איז אויפגעשריבן געוואָרן אויפן וואַסער״.

אָסקאַר ווײַלד

(1856—1900)

אָסקאַר ווײַלדס ווערק — ביז צו זײַן קאַטאַסטראָפע — איז געווען אַ פֿאַרביקער בוקעט פֿון פּרעכטיקע, אײדל־געפֿאָרמע בלומען: פּאָעזיע, דראַמען, עסייען און דערציילונגען; אָבער דאָס זענען, על פּי רוב, געווען קינסטלעכע בלומען...

הויך קינסטלעריש זענען זײַנע מעשהלעך און די דראַמע „סאַלאָמע".

ער איז געווען דער מחבר פֿון עטלעכע אויפֿגעפּוצטע קאָמעדיעס און פֿון אײן גרויסער, עכטער טראַגעדיע — די טראַגעדיע „אָסקאַר ווײַלד".

דער מיסטישער פֿויגל פֿון פּאָעזיע, צו וועמענס שאָטן ער האָט מתפּלל געווען זײַן גאַנץ לעבן, האָט פֿאַנאַנדערגענומען זײַנע פֿליגל — ערשט אין דער תּפֿיסה־שטײַג.

אײגנטלעך איז ווײַלד אײביק געווען אין תּפֿיסה — בײַ זײַן פֿערוווערזער נאַטור אָדער נאַטירלעכער פּערווערזיע (אַלץ וואָס איז פֿאַראַן אין דער נאַטור איז אַ טייל פֿון איר). ער איז געווען היפּער־סענסועל ביז נואַנסענס. זין־באַרוישט ביז זינלאָזיקייט... ער איז געווען דער כּהן גדול פֿון ווײַבערישן בית המקדש פֿון גייסט — דעם לײַכטזיניקן וועלטלעכן סאַלאָן; ער איז געווען דער זון־גאָט און דער זין־גאָט פֿון דער פֿעמיניסטישער שײַנגײַסטי־קייט. און ווי אַ נײַער ישוע (פֿון קערפּערלעכקייט) איז ער געקרײַציקט געוואָרן אויף זײַנע געריכטס־פֿאַרהאַנדלונגען: געקרײַצט־פֿאַרהערט געוואָרן באַקעט און געפֿירט געוואָרן צו זײַן וויאַ דאָלאָראָזאַ — זײַנע לעצטע 5 יאָר לעבן.

איז דאָס געווען אַ בײַז־איראָנישער גורל־וואָרף פֿון אַזאַ הייך אין אַזאַ טיף, און פֿון דעם העדאָניסטיש־זאָרגלאָזן קערפּערקולט איז געקומען די טראַגישע מאַסקע פֿון גריכישן פּאַטוס; צו דער כאַאָטישער אָבער עכטער „דע פּראָפֿונדיס"־ווידוי און צו דער „באַלאַדע פֿון רעדינג־תּפֿיסה", זײַן אײנציק באמת גרויס פּאָעטיש ווערק.

י. גאָלדקאָרן

*

ווײַלד, דער איך־באַטאָנענדיקער, דערפּאָלג־באַרוישטער שרײַבער, האָט קומענדיק אויף אַ לעקציעס־טור קײַן אַמעריקע, דערקלערט צו די צאָלבאַאַמטע: „איך האָב גאָרנישט צו דעקלאַרירן, אויסער מײַן זשעני".

און זײַן זשעני האָט ער דעקלאַרירט, נישט נאָר פאַר די צאָל באַאַמטע, אומצײַליקע מאָל.

וועלכן זשעני?

אַנדרע זשיד, זײַן גרויסער פאַרערער, שרײַבט וועגן אים אין זײַנע זכרונות:

„דאָס בעסטע פון זײַנע שריפטן איז נאָר אַ בלאַסער אָפּשײַן פון זײַן גלענצנדיקן געשפּרעך. די וואָס האָבן אים געהערט רעדן, זענען געווען אַנטוישט לייענענדיק אים".

און פראַנק העריס, אײנער פון זײַנע געטרײַעסטע פרײַנט, האָט אין זײַן גלענצנדיקער ביאָגראַפיע וועגן אָסקאַר ווײַלד געשריבן:

„אָסקאַר ווײַלד איז געווען גרעסער אַלס שמועסער, ווי אַלס שרײַבער".

אין זײַנע געשפּרעכן מיט פרײַנט, נאָכן תפיסה־פּעריאָד האָט ווײַלד אַליין „אַראָפּגעדונגען" פון זיך:

„איך האָב אַרײַנגעלייגט מײַן גאַנצן זשעני אין מײַן לעבן; איך האָב אַרײַנגעגעבן בלויז מײַן טאַלאַנט אין מײַן ווערק".

און אַז ווײַלד האָט אַלס שמועסער דערגרייכט אַן אומגעוויינלעכע פּערפעקציע — אין דעם איז קיין ספק נישטאָ; אויף דעם זאָגן עדות זײַנע ווערק, וואָס זענען אין תוך ווײַניקער גרויסע קונסטווערק, ווי מעדיומס פאַר זײַן געניאַלער געדאַנקען־עלאָקווענץ.

וואָלט ווײַלד קאָנדענסירט און רעדוצירט זײַנע אַלע ווערק (ער האָט דאָס טײלווײַז געטאָן מיט זײַן אַפאָריזמען־זאַמלונג „אָסקאַריאַנאַ") צו עטלעכע בענדער אַפאָריזמען און מאַקסימעס, — וואָלט ער געווען דער ענגלישער לאַראשפוקאַ — אויב נישט נאָך גרעסער — אין אַ פּראַכט־אויסגאַבע, איבערשטײַגנדיק דעם פראַנצויזישן מאָראַליסט מיטן גלענצנדיקן בליץ פון זײַן פאַרבליפנדיקן געדאַנק.

אַזוי איז ער אָבער אַ קאָפּיע פון דער גיפטיק גרינער תורה פון פּאַרי־זער מאָנפּאַרנאַס, פון די פראַנצויזישע דעקאַדענטן, וואָס האָבן געבראַכן מיט קולטור; און טאַקע בלויז אַ קאָפּיע.

אָט איז אַ טייל פון דעם ווײַלדישן פּערל־אוצר אויפן גרונט פון זײַנע ווערק:

„דער ציניקער ווייסט דעם פּרייז פון אַלצדינג און דעם ווערט פון גאָרנישט".

„וואָס איז אמת? אין ענינים פון רעליגיע איז דאָס פּשוט די מיינונג, וואָס האָט איבערגעלעבט. אין ענינים פון וויסנשאַפט איז דאָס די לעצטע שפּירונג. אין ענינים פון קונסט איז דאָס עמעצנס לעצטע שטימונג".

„איך קאָן פאַרטראָגן ברוטאַלע קראַפט, אָבער ברוטאַלע פאַרנונפט איז פּשוט אומדערטרעגלעך; פאַראַן אומאָנשטענדיקס אין איר אָנווענדונג. עס איז שלאָגן אונטערן אינטעלעקט" (אונדזער קורסיוו).

„ליב צו האָבן אַלע מענטשן הייסט אַרויסווייזן גלייכגילטיקייט צו יעדן".

„פאַראַן ווערק, וועלכע וואַרטן און וועלכע מען פאַרשטייט נישט במשך פון אַ לאַנגער צייט; די סיבה איז, וואָס זיי ברענגען ענטפערס צו פראַגן, וועלכע זענען נאָך נישט אויפגעהויבן געוואָרן, ווייל די פראַגע קומט אָפט אַ לאַנגע צייט נאָכן ענטפער".

דאָס זענען באמת גלענצנדיקע פּערל פון געדאַנק, אומפאַרגלייכלעך אין זייער פאָרם־שיינקייט.

אָבער, ווי סתירהדיק דאָס זאָל נישט דערשיינען, — ביי דער גאַנצער פאַרבלענדנדיקער אומגעריכטקייט פון ווײַלדס ווערבאַלע בליצן, — איז זיין אינטעלעקטועלע קאַפּאַציטעט לרוב באַשטאַנען אין געזונטן שכל הישר, אין אַ „קאָמאָן סענס" פון אַ העכערער מדרגה, וואָס איז דערלאַנגט געוואָרן אין דער פּיקאַנטסטער און עלעגאַנטסטער פאָרם. ער האָט אויף אַ מייסטערישן אופן געוואָרפן זיינע סענטענצן־באַלס.

אָבער אים האָט געפעלט די תהומישקייט פון אַ פּאַסקאַל, אַ טאַראָ, און די טיפע און סאָלידע מענטשן־קענטעניש פון אַ מאָנטען אָדער לאַראָשפוקאָ.

אין זיין גאַנצן ווערק, ביז דער קאַטאַסטראָפע, קומט פאָר אַן אומ־

אויפהערלעכע מאַגישע וואָרט־אילומינאַציע, אַ ווערבאַלער בענגאַלישער פייער־פּאַראַד, וואָס רייסט אויף מיט הילך און בלענד די פּראָזן־שאָלן; מיר ווערן פאַרכאַפּט פון דעם אומגעריכטן און פילקאָלירנדיקן אידייען־שפּיל.

הגם אַמאָל — טאָקע בלויז אַמאָל — ווען מען גייט אַוועק פון דעם קינסטלעכן פייער־פּאַראַד, ווערט ווידער פינצטער...

*

באָדלער, ווײַלדס דעמאָנישער טויפפאָטער, האָט אונדז געגעבן די מעטאַפיזיק פון בייז, וואָס איז פאַרכאַפּנדיק מיט איר טראַגישער שיינקייט און דאַנטעישע קאָנטורן; ווײַלד האָט אונדז געגעבן דעם פּראָגראַם־בוך, דעם לאָגישן קאָמענטאַר פון נאָנסענס, פון שיין־זינדיקייט. ער איז געווען אַן אמת, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט אַלס שקר, כדי אָנגענומען צו ווערן...

אין דער אמתן איז ווײַלד, נישט קוקנדיק אויף זיין אומגליקלעכער פּערווערסיע און אין קעגנזאַץ צו זיין קולטיווירטן דעמאָניזם, געווען אַ טיף־מאָראַלישע נאַטור — און דאָס איז געווען זיין גרעסטער פּאַראַדאָקס.

ער האָט פאַרעפנטלעכט צוויי עסייען (אָנדערע אין דיאַלאָג־פאָרם); איז איינע פון זיי: „פּען, בלייפעדער און גיפט״ וועגן אַ גרוילהאַפטן פאַר־ברעכער און מערדער, וואָס האָט צווישן איין גיפטמאָרד און צווייטן — געמאָלט אָדער געשריבן...

און דער צווייטער עסיי הייסט: „די מענטשלעכע נשמה אונטערן סאָציאַליזם״ — די פאַרהערלעכונג פון אַ דערהויבענעם מענטשלעכן אידעאַל...

אין זיין „גיפט״־עסיי שרייבט ער:

„נישט פאַראַן קיין וועזנטלעכע סתירה צווישן פאַרברעכן און קולטור״...

און דער צווייטער עסיי איז אַ לויבגעזאַנג צום סאָציאַליסטישן לעבנס־אידעאַל, וואָס וועט פאַרווירקלעכן דעם עטיש־עסטעטישן אינדיווידואַליזם...

איינע פון זיינע געציילטע אמת־קינסטלערישע שאַפונגען איז „דער יונגער קעניג״, וואָס אָטעמט מיט וויזיאָנערישער עטישקייט.

אָבער מערסטנס איז ער געווען דער טעאָרעטיקער פון שיינקייט, דער

קאַמיוואַיאַזשאַר פון ליטעראַרישן שיינגייסט, קאָלעקציאָנער פון קונסט־אַנטיקן, און נישט זייער פּראָדוצענט.

ער האָט גענומען שמוציקע בלאָטע־בעדער פאַר זיין קראַנקער שיינ־קייט...

אין אַ טייל פון זיינע ביכער ווערט צופיל אַגיטירט פאַר שיינקייט, קונסט, אָבער פאַרהעלטנישמעסיק צו ווייניק פון אירע פאַרקערפּערונגען.

שיינקייט פון אויסדרוק, קונסט פון קאָלירטן וואָרט — איז דאָרט איבערגענוג; אָבער אויסדרוק פון שיינקייט? — וואָרט פון קונסט?

*

אָבער ווײַלדס שוידערלעכער פאַל אינדערנידער האָט אים געעפנט טיפע דערקענטענישן, אים דערוועקט פון זיין מאָראַלישן הינערפּלעט.

פריער, פאַר זיין פאַל, האָט ער מיט אַ שאַרף־פּסיכאָלאָגישער אַריינ־דרינגלעכקייט געשריבן וועגן רחמנות:

„יעדע סימפּאַטיע איז פיין; אָבער מיטלייד איז די צומווייניקסטנס פיינע... זי איז קאָלירט מיט עגאָטיזם... פאַראַן דערין אַ געוויסער עלעמענט פון שרעק פאַר אונדזער זיכערקייט".

„די היימישע טוגנטן זענען נישט די אמתע באַזע פון קונסט, הגם זיי קאָנען דינען ווי אַן אויסגעצייכנטע רעקלאַמע פאַר צווייטראַנגיקע קינסט־לערס"...

אָבער נאָך זיין תפיסה־פּעריאָד האָט ער דאָס געזען גאַנץ אַנדערש:

„...די רוסישע שרייבערס זענען אויסערגעוויינלעך. דאָס וואָס מאַכט זייערע ביכער גרויס, איז דאָס רחמנות, וואָס זיי האָבן אַריינגעגעבן דערין... מיטגעפיל איז די זייט, ביי וועלכער אַ ווערק איז אָפן, דורך וועלכן עס דערשיינט אומענדלעך... איך פאַרשטיי איצט, אַז מיטגעפיל איז די פּרעכ־טיקסטע זאַך, וואָס איז פאַראַן אויף דער וועלט".

וועגן דעם פריינט, וואָס האָט פאַר אים געצויגן דעם הוט בעת ער איז געפירט געוואָרן אין קייטן אויף זיין ליידנסוועג, פון תפיסה צום געריכט, שרייבט ווײַלד:

„ווען חכמה איז געווען נוצלאָז צו מיר, פילאָזאָפיע פּרוכטלאָז, און די שפּריכווערטער און פּראָזן... ווי שטויב און אַש אין מיין מויל, האָט דער ווינציקער, סימפּאַטישער און שטילער אויסדרוק פון ליבע אויפגעזיגלט פאַר מיר אַלע ברונעמער פון רחמנות" („דע פּראָפונדיס").

און אין דער „באַלאַדע פון רעדינגער תפיסה" איז דאָ די טיפע נאָטע פון גרויסן וועלטגעפיל, דער טראַגישער הויך, דער בלענדנדיקער פליגל־פאָך פון דערהויבענעם געזאַנג.

אָבער דאָס איז געווען זיין שוואַנענליד.

ווי האָט געזונגען אַלפרעד דע מיסיע אין זיין שיינעם דיאַלאָג צווישן דעם פּאָעט און דער מוזע:

„איך האָב געליטן אַ שווער מאַרטירערטום, און דאָס ווינציקע וואָס איך וואָלט געזאָגט, וואָלט זי (די פּאָעטישע האַרפע) צעבראָכן"...

דזשאָרדזש בערנאַרד שאָ

(1856 — 1950)

בערנאַרד שאָ האָט איינגענומען די וועלט. זיין ריזיקע דראַמאַטישע שאַפונג האָט דערגרייכט די ציפער פון פּופּציק ווערק. ער איז געווען דער בינע־קעניג פון אַלע מעטראָפּאָליעס. אין זיין וויטאַליטעט, אין זיין פּראָדוקטיוויטעט (טיילוויז אויך אין זיין פּאָליטיש־רעפאָרמיסטישער פריידיקעריי) איז ער ענלעך צו אַ צווייטן קעניג פון דער בינע — וואָלטער.

אָבער וואָלטער — דער דראַמאַטורג — איז שוין לאַנג „אַראָפּ פון דער סצענע".

און דאָס זעלבע וועט, מן הסתם, געשען מיט שאָ.

שאָ איז זיכער אַן אויסערגעוויינלעכע קינסטלער־געשטאַלט, נישט בלויז לויט דער מדרגה, נאָר אויך לויט דער ספּעציפישקייט פון זיין מין קונסט.

ער איז געווען — אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדרוקן — אַ זשעני־אומקינסטלער.

אמת, אַז די פאַרשידענע צאָללאָזע דעפיניציעס פון קונסט זענען, לרוב, אילוסטרירנדיקע ביישפּילן פון דעם דורכפאַל, אריינצופּרעסן דאָס דינאַמישע וועזן אין פאַרגליווערטע פאָרמען, אַקסיאָמעס; אָבער מען קאָן דאָך אָננעמען, אַז איינער פון די סאַמע אומבאַדינגטע אַטריבוטן פון אַ קינסטלער איז — אינספּיראַציע.

ווי דער לעגענדאַרער סאַלאָמאָנדער אַנטשטייט די שאַפונג אין פייער, אין דער באַגייסטערונגס־קאַפּאַציטעט פונעם שעפער — נאַטירלעך, מיט נייטיקע באַשטאַנד־טיילן פון אַנדערע עלעמענטן. אין דעם זין איז ער, שאָ, געווען אומקינסטלעריש. אין זיינע דראַמעס עקספּלאָדירן נישט די נשמה־אַטמאָספערישע עלעמענטן, נאָר דאָס פייערווערק פון קינסטלעכער סיטואַציע און גלענצנדיקע סענטענצן.

ער האָט געשריבן גאָר לאַנגע הקדמות צו זיינע דראַמעס — אויף מערערע צענטליקער זייטן — וואָס שאַפן דעם איינדרוק, אַז ער האָט געוואָלט פאַרדעקן דעם מאַנגל אין דראַמע...)

אָבער „פייערווערק“ קאָן נאָר באַצייכענען זיין פּרווו צו שאַפן דראַמע אָן עלעמענטן. אָבער אומפאַרגלייכלעך איז דער עפעקט פון זיין גייסטרייכן דיאַלאָג, פון דעם ווונדערלעכן געדאַנקען־שפּיל און פאַראַדאָקסאַלער בליצן־סטיכיע. אין דעם זין איז שאָ אין זיינע דראַמעס — ווי בכלל דער שאָ שבכתב און שבפה — אַן אמתער גאון.

ער געהערט צו דעם מין וועלט־חכמים, וואָס האָבן אויפגעלויכטן אין דער גראָקייט פון די ציטן מיט זייער וווּנדערבאַרן בליציקן אינטעלעקט: אַ סאָקראַטעס, וואָלטער, ווײַלד, הײַנע, פראַנס און אַנדערע.

מאַנכע פון די גרויסע געדאַנק־קינסטלער זענען אויך געווען גרויסע געשטאַלטנדיקע קינסטלער. אָבער שאָ האָט צו זיי, זעט אויס, נישט געהערט. זאָל מען אָראָפּציען פון וואָלטערס ריזיקן ווערק זיין גראַנדיעזע פילאָזאָפיש־פּובליציסטישע דידאַקטיק, — וואָס האָט אַליין פאַר זיך אויך איר גרויסן ווערט, — וועלן, אַחוץ עטלעכע גייסטרייכע אַלעגאָרישע מעשהלעך, בלייבן נאָר די פילע עפּיגראַמאַטישע און אַפאָריסטישע אָאַזעס פון

זיין ליטעראַרישער סאַהאַרע, וואָס שפּרייט זיך אויס אין זיינע הונדערט ווערק.

שאָ איז איינער פון די גאונישע קינסטלער פון געדאַנק, וועמענס קונסט קאָנצענטרירט זיך באמת נאָר אין אָריגינעלער קאָנצעפּציע פון לעבן. נישט קיין קינסטלער פון געשטאַלטן, נאָר אַ קינסטלער־געשטאַלט, וואָס דערפרישט די זאַמדיקע רעאַליטעט מיט זיין וווּנדערלעכער קאַסקאַדע פון שפּרודלענדיקן וויץ — אַ דערפרישונג און לייטערונג פון גייסט.

באמת, שעקספּירס ריוואַל — מיט זיינע אַלע 50 דראַמעס — גיט אונדז נישט קיין שוישפּיל, נאָר אַ שאָ־שפּיל...

און דאָס שאָ־שפּיל — שבכתב און שבעל פּה — איז וווּנדערלעך אין דעם אויפבלייכטנדיקן פּאַראַדאָקס, אין דער דינאַמישער לעבנס־חכמה וואָס עקספּלאָדירט — אין בליציקן אַפאָריזם.

נו, וועגן אַזאַ דערפּאָלגרייכן שרייבער ווי שאָ (וואָס האָט אויך „אָקו־פּירט" 2 האַלבע יאָרהונדערטער...) איז זיכער זייער פיל געשריבן געוואָרן; אָבער עס איז אַ ספק אויב ס'האָט עמיצער געגעבן אַזאַ קינסטלערישע, גייסטרייכע דעפיניציע פון שאָ'ס פּערזענלעכקייט און שאַפן, ווי גראָד אַ נישט־קינסטלער — אַלבערט איינשטיין.

און אָט ווי דער געניאַלער וויסנשאַפטלער און נאָבעלער דענקער האָט באַצייכנט שאָען (אין אַ באַנקעט־רעדע):

„וואָס מ"ר שאָ האָט באַוויזן, האָט געקאָנט געטון ווערן נאָר דורך אַ געבוירענעם אַרטיסט. פון זיין קונצן־קעסטל האָט ער אַרויסגענומען אומצייליקע מאַריאָנעטן, וועלכע זענען טאַקע ענלעך צו מענטשן, אָבער נישט פון בלוט און פלייש, נאָר פון גייסט, וויץ און גראַציע. האַלטנדיק דעם שפּיגל פאַר אונדזערע אויגן, איז ה' שאָ געווען פעיק, ווי קיינער נישט אין אונדזער דור, צו באַפרייען אונדז און אָוועקצונעמען פון אונדז עפּעס פון דער שווערקייט פון לעבן". (בלאַנש פּעטש: „30 יאָר מיט שאָ").

אין דער דאָזיקער וווּנדערלעכער כאַראַקטעריסטיק איז פאַראַן דער גאַנצער שאָ, מיט אַלע זיינע גרויסע מעלות און גרויסע חסרונות, אַלס קינסטלער.

שאָ'ס דראַמעס זענען טאַקע מאַריאָנעטן־טעאַטער...

און די מאַריאַנעטן פון שאָס „טריק־קעסטל" פאַרבליפן מיט זייערע אומגעריכטע „געגנג". יעדער פון זיי, מיטן קול פון מייסטערישן „שטריקל־ציער", איבעראַשט מיט אַ גייסטרייכן זאָג, אַ בליציקע כאַראַקטעריסטיק, וואָס מאַכט זעט זאַכן אין נייע דימענסיעס, אין אַ נייעם ליכט.

איבערצוקלייבן די פיל וואָרט־פערל פון זיינע ווערק, איז שווער, ווייל כמעט יעדעס וואָרט איז דאָס. לאָמיר פונדעסטוועגן ברענגען כאָטש עטלעכע.

„פראָסטע מענטשן זענען נישט מתפלל, זיי בעטן נאָר".

„דעמאָקראַטיע לייענט זיך גוט; אָבער זי אַקטירט נישט גוט, ווי די געוויסע מענטשנס טעאַטער־שטיק" („מעזאַליאַנס").

„די פּאָליטיקער פאַרבעסערן די וועלט אַזוי שטופּנוויז, אַז קיינער קאָן נישט זען די פאַרבעסערונג".

„וואַלן זענען אַ מאַראַלישער גרויל, אַזוי שלעכט ווי אַ שלאַכט, אַ חוץ פאַרן בלוט". („צוריק צו משותלח").

*

די דערשיינונג און די פונקציע פון אַזאַ פּערזענלעכקייט, ווי בערנאַרד שאָ, איז ווי פון אַ געוויטער אין אַ שטיקנדיק־אָנגעהיצטער אַטמאָספערע: זי מאַכט לייכטער, דערפרישנדיק... ווייל די וועלט שטיקט זיך אין אירע רוטינירטע אינסטיטוציעס און אָנגענומענע אמתן, וואָס שימלען מיט פאַר־אורטיילן און אַבערגלויבן — אונטערן פאַלשן עטיקעט פון פּראָגרעס און עוואָלוציע...

קומט אַן אָריגינעלער דענקער און זאָגט אַ וויציקן אמת (וואָס איז לויט שאָ — „דער אמתער וויץ"), און ס׳ווערט „אַוועקגענומען עפּעס פון דער שווערקייט פון לעבן".

און ווי ביי אַנדערע בליץ־גייסטער, האָבן מיר ביי אים — אין דער פאָרם פון קלות־ראש — טיפן ערנסט; נישט בלויז לייכטזין, נאָר אויך לויכטנדיקער זין.

אָבער שאָ האָט נישט בלויז צופיל געשריבן, נאָר אויך צופיל גערעדט, און אַמאָל זיך טאַקע פאַררעדט...

אויך ביי אים גילט דער כלל: „מרבה דברים, מרבה שטות״. הגם דער מרבה דברים איז געווען אַזאַ ווונדערלעכער חכם, אַזאַ העלזעענ־דיקער און טיפער אַריינבליקער אין וועזן פון דערשיינונגען (און יעדער זעער איז דער וואָס זעט דאָס וועזן פון די דערשיינונגען — נישט זייער שיינבאַרקייט), ווי בערנאַרד שאָ.

צו דעם מין פאַררעדן זיך האָט געהערט זיין „צובאַמקען״ ביי פאַר־שידענע געלעגנהייטן אין די דרייסיקער יאָרן, די פינצטערע דיקטאַטאָרן.

דאָס אַריינזאָגן און דאָס אַרויסזאָגן זיך טאָרן נישט ווערן קיין מאַניע.

און דאָס טראַגי־קאָמישע איז געווען וואָס דאָס „צולעקן זיך״ צו די בלוטיקע שטיוול פון די געמיינע דיקטאַטאָרן — הגם אין אַ זייער באַגרע־נעצטן מאַסשטאַב און מעשה פּאַראַדאָקס — איז געקומען פון אַזאַ לעבנס־לאַנגן קעמפּער פאַר הומאַניסטיש־סאָציאַליסטישע אידעאַלן, ווי ס׳איז געווען דער אידעאָלאָג פון ענגלישן פאַביאַן־סאָציאַליזם.

אויב די שאַפונג פון בערנאַרד שאָ איז געווען פּאַראַדאָקסאַל אין איר פאָרם און אינהאַלט, איז דאָס נישט ווייניקער געווען אויך די פּער־זענלעכקייט שאָ.

ווייל, ווי געזאָגט, שאָ איז געווען דער וואָרטזאָגער פון דער אידעאַ־ליסטיש־סאָציאַליסטישער „פאַביאַן״־באַוועגונג, וואָס איז אַנטשטאַנען אין דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט.

אָבער אָט דער לעבנסלאַנגער פעכטער פאַר סאָציאַליזם איז געווען אַ גרויסער פאַראַכטער פון מענטש און פון דעם „קליינעם בייז״ — דער דעמאָקראַטיע...

זיין ביאָגראַפין דערציילט:

„ער איז געווען אַ צו ישוב־הדעתדיקער רעאַליסט, כדי צו גלויבן אין דער ברידערלעכקייט פון מענטשן; ער האָט געהאַלטן אַז מענטשן דאַרפן געלערנט ווערן, אַז כאָטש זיי האָבן אַ סך גוטע אורזאַכן צו האַסן איינער דעם צווייטן... טוט דאָס פונדעסטוועגן נישט באַרעכטיקן, אַז זיי זאָלן זיך קעגנזייטיק באַעוולהן — אויב איך האָב ליב מיין שכן, דאַן איז נישט נייטיק צו פּריידיקן קעגנזייטיקע שעצונג... אויב איך פאַראַכט אים, אַזוי ווי ער פאַרדינט עס וואַרשיינלעך, דאַן איז נאַריש מיך איינצולאַדן

אים צו אַכטן און ליב האָבן. אָבער עס איז זייער וויכטיק צו וואָרענען מיך, אַז מיין עקל, פאַראַכטונג גיבן מיר נישט די מינדסטע אַנטשולדיקונג אים צו שיסן אָדער אַריינצוּוואַרפן טויטע קעץ אין זיין גאָרטן״.

וועגן פּראָגרעס און דעמאָקראַטיע:

„איר קאָנט אָנהויבן געזעצן פון רעכט און האָבעאָס קאָרפּוס אויף גרויסע טשאַרטערס... ברענען די שלעסער און גילאָטינירן די פּריצים; אַראָפּהאַקן די קעפּ פון קעניגן און קעניגינס און בילדן דעמאָקראַטיע אויף די רואינען פון פעאָדאַליזם: דער סוף פון דעם אַלעם איז וואָס שוין אין 20טן יאָרהונדערט איז געווען אַזויפיל ברוטאַלער צוואַנג און ווילדע אומ־טאָלעראַנץ, אַזויפיל שמייסן און הענגען, אַזויפיל אומפאַרשעמטע אומ־רעכט... אַזויפיל... טאָרטור, פאַרפאָלגונג, און אונטערדריקונג פון פרייער רעדע און פרעסע, אַזויפיל מלחמה, אַזויפיל... אומברענגען פון הילפסלאָזע ציווילע מענטשן, יונג און אַלט, אַזויפיל פּראָסטיטוציע פון פּראָפעסיאָנעלן טאַלאַנט... אין פאַרטיידיקונג פון די געמיינקייטן, — ווי מיר קאָנען געפינען אין די פאַרצייכענונגען פון די טעג ווען די פאָדערונג פון פריי־הייט איז געווען אַ הויפּט־פאַרברעכן און דעמאָקראַטיע אַז געווען אומ־דענקבאַר״. („עלטערן און קינדער״).

האָבן מיר, הייסט עס, אַ קאַלטן נביא, אַ מיזאַנטראָפּישן סאָציאַליסט און אַ כמו ניטשעאַנישן פּריידיקער פון גלייכהייט...

נעמען מיר שאָ — דעם וועגעטאַריער — ווידער אַ סתירה, דער אייביקער פּאַראַדאָקס. ווייל וועגעטאַריאַניזם איז דאָך קודם כל אַן אויס־דרוק פון עטישן אימפּעראַטיוו, פון ווידערווילן קעגן שפּייזן זיך מיטן פליש פון אַנדערע לעבעדיקע וועזנס — אַן אינדיווידועלער אימפּעראַטיוו, וואָס איז פּראַקטיצירט זייט אוראַלטע צייטן דורך יחידים מיט אַ קולט פאַר דער הייליקייט פון לעבן, פון אַ געפיל וואָס שטאַמט אַרויס פון אַן אוניווערסאַלן וועלט־רחמנות. — —

אָבער ביי שאָ׳ן איז דאָס בלויז געווען באַדינגט דורך דעם עקל פון אַ מפונק צו עסן פליש, ווי אויך צוליב... ווירטשאַפטלעך ראַציאָנעלע טעמים. אָט וואָס עס שרייבט וועגן דעם זיין סעקרעטאַרין בלאַנש פּעטש אין אירע זכרונות:

„...אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין איינווענדונג צו דעם אומברענגען פון חיות אַלס אַזעלכע. ער האָט באַהויפּטעט, אַז אויב מיר וועלן נישט הרגענען די חיות, וועלן זיי אונדז הרגענען. „וועוויורקעס, פוקסן, העזלעך, טיגערס, שלאַנגען, היישעריקן, ווייסע מוראַשקעס, ראַטן, מאָסקיטאָס, פליי און הירשן... מוזן ווערן אומגעברענגט, אפילו צו פולער פאַרניכטונג, אַזוי ריקזיכטלאָז אזוי ווי דורך פלייש־עססערס".

א מאָדנע וועגעטאַריער, וואָס רעקאָמענדירט צו זיינע אָנהענגערס, אַז זיי זאָלן הרגענען וואָס מער באַשעפענישן — סיי רויב־חיות און סיי אומשולדיקע קוקאָווקעס, העזלעך און הירשן.

האָבן מיר אָ קאַלטן, געפיללאָזן וועגעטאַריער, וואָס עסט נישט קיין פלייש בלויז צוליב עקאָנאָמיע און מפּונקעריי...

נו, אַז דער דאָזיקער גרויסער עזות־מצח וואָס האָט נישט געשוינט קיינעם און גאָרנישט — איז געווען אַ באַשיידענער, שעמעוודיקער מענטש — איז ווידער אַ סתירה.

שאָ האָט דערקלערט אַז ער איז קיינמאָל נישט פאַרכאַפּט געוואָרן פון זיין באַרימטקייט, וואָס ער „האָט אַליין פאַבריצירט".

ווען מען האָט אים, אַ 92 יאָריקן, צו דער געלעגנהייט פון דעם „אַקט פון דער אירלענדישער רעפּובליק" געפרעגט אויב ער האָט אַ ווענדונג צום אירלענדישן פאָלק, האָט ער געענטפערט: „ווער בין איך דאָס, וואָס איך זאָל שיקן ווענדונגען צו פעלקער? איך גלייב, אַז איך ווייס מיין אָרט בעסער". ער איז געווען באַזונדערס שעמעוודיק מיט פּראָסטע מענטשן. נאָר מיט אָ קליינער צאָל פון זיינע נאָענטע פריינט איז ער געווען אויפריכטיק און געפילט זיך לייכט און פריי.

אין סך הכל האָבן מיר אין בערנאַרד שאָען אַ זעלטענעם, קוועקזיזלבערדיקן וואָרטזאָגער, אַ דערפינדערישן עקספּערימענטאַטאָר מיט ווערבאַלע באַמבעס.

ער איז אַן אַנאַליטישער גייסט. זיין עסיי איז — קוועקזילבער: די גאַנצע קאָמפּאָזיציע, „צעלויפט זיך" אין קלענערע סענטענצן־שפּליטערס, וואָס זענען דינאַמיש, גלענצנדיק רונד־פאָרמיק...

ער איז צענטריפוגאַל — ער בויט נישט אויס קיין מאָנאָליטישן געבוי,

קיין געדאַנקלעכע קאָמפּאָזיציע, קיין צענטריפּעטאַלן אמת. זיין ווערק איז נישט „כפל" און „חיבור" אין פילאָזאָפישן זין — נאָר „חיסור" און „חילוק".

שאָ׳ס גייסטיק־קינסטלערישער „מעניו" איז אַ געמיש פון פאַרשידענע אמת־פּרוכטן, פון וועלכע ער האָט אַרויסגענומען דעם תמצית־זאַפט און דאָס צוזאַמענגעמישט. ער האָט געמאַכט אַן אינטעלעקטועלן קאָקטייל פון פאַרשידענע פילאָזאָפיעס, קולטורן און עטיש־עסטעטישע אידעאַלן — און ס׳האָט זיך באַקומען אַן אייגנאַרטיקער שאַמפּאַניער מיט דער שאָ־מאַרקע: באַרוישנדיק־הייטער, אַראָמאַט־פאַרשיכורנדיק און שוימענדיק מיט אייביק זיך באַנייענדיקער גייסטיקער יוגנט.

וואָלט וויטמאַן

(1819—1892)

וואָלט וויטמאַן איז אַ גרויסער דיכטער־רעוואָלוציאָנער הן אין זיין פאָרם (אָדער פאָרמלאָזיקייט) און הן אין זיין אינהאַלט: דער נייער וועלטבליק.

די „גראָז־שטענגלעך" פּרעטענדירן נישט צו זיין בלויז אַ לידערבוך. דאָס איז אַ רעליגיעזע תורה, פילאָזאָפישער טראַקטאַט, סאָציאַל־פּאָלי־טישער קרעדאָ: דאָס איז אַ גרויסער ווערבאַלער קאָקטייל, אַ געמיש פון וועלט־השקפות און ליטעראַטורן — פון דער ביבל, עוואַנגעליע, די הינדו־איסטישע הייליקע ביכער, שפינאָזאָס פּאַנטעאיזם, סוועדענבאָרגס מיסטי־ציזם — און נאַטורוויסנשאַפטלעכע קאָנצעפּציעס. די פאָרם פון אָט דעם גראַנדיעזן קרעדאָ, זיין סטיל איז אַ כאַראַקטעריסטיש נעאָ־עוואַנגעלישע — אַן איבערחזרונגס־פּראָצעס פון פּאַנטעאיזם און מאָנאָטעאיזם, מיט די לאַנגע שורות־זאַצן און די אָנהייב־שורות: „און"...

די „גראָזן־שטענגלעך״ זענען אַ נייער „ברית חדשה״ און וואָלט פון לאָנג־איילענד — אַ נייער בעל בשורה; בלויז מיט אַ קליינער וואַריאַציע: זיין דרייאייניקייט איז: דער פאָטער, דער זון און דער הייליקער... קערפּער.

וויטמאַניזם איז אַ קאַטאַליציזם פון דער אַלטעגלעכקייט.

אין דער גרעסטער פּאָעמע פון דעם בוך — „סאָנג אָף מייסעלף״ — גיט וויטמאַן זיין זעלבסטפּאָרטרעט אויף 74 זייטן. איז דאָס אַ מאָנסטרועזע ליטעראַרישע וויזיטקאַרטע — אין דער רחבות פון דעם „איך״, וואָס ווערט אויסגעברייטערט אין קאָסמישע דימענסיעס, אַלץ־אָפּשפּיגלענדיק, אַלץ־אַרומנעמענדיק. דאָ, ווי אין זיינע אַנדערע פּאָעמעס און לידער, עקספּערי־מענטירט וויטמאַן מיט דער אוניווערסאַליזאַציע פון דעם „איך״, וועלכער ווערט צופיל אָנגעבלאָזן, ווי דער פראָש אין דער פאַבל...

זיכער איז וואָלט וויטמאַן אַ גראַנדיעזע דערשיינונג; אָבער, ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען, — ווייל ער גילט קודם כל אַלס עלעמענטישער דיכטער, — איז ביי אים שורשדיק — דאָס אינטעלעק־טועלע, מיט אַ ניצוץ פון טיפן עמפינדן; שטאַרקער אינטעלעקט און מעכטיקע עמאָציע — אָבער אומגעלייטערט דורך געזאַנג.

עמערסאָן אין אַמעריקע, טעניסאָן און סווינבורן אין ענגלאַנד האָבן געגעבן זייער ענטוזיאַסטישע אויפנאַמע פאַר זיין ווערק. איז דאָס געווען אַ „זשירע״, וואָס האָט איניציאירט וויטערדיקע — פון גרויסע און באַרימטע שרייבערס ביז היינט צו טאָג.

פונדעסטוועגן... אויב וויטמאַן איז אַ געניאַלער דיכטער, איז ער דאָס — אין זיין שטאַמלעריי. עפּעס אור גרויסעס, נביאיש־וויזיאָנערישס איז אים „געלעגן אויף דער צונג״. —

קונסט, דיכטונג איז געשטאַלטונג פון כאַאָס; וויטמאַן גיט אונדז אַ קאָסמישן כאַאָס פון געשטאַלטן.

זיין סטיל איז אַ געמיש פון פאַרשידענע טענער און ווערבאַלע קאָמפּאָזיציעס פון עכט־ביבלישער פּאַטעטיק ביז עקסטראַוואַגאַנטער פּלאַ־קאַטישער באָמבאַסטיק:

„וואָלט וויטמאַן בין איך, אַ קאָסמאָס, אַ זון פון מעכטיקן מאַנהעטן,
שטורעמדיק, פליישיק און זינלעך, עסנדיק, טרינקנדיק און
פרוכפּערנדיק זיך״...

וויטמאַן וויל געבן דעם „איך״ אַלס אוניווערסום, אַלס אָביעקטיווע גענעראַליזאַציע, אָבער זיין אוניווערסאַליזם איז לרוב אַ שטחדיקער, אַ פיזיש־וואַריאירטער. שוין עמערסאָן, זיין ערשטער גרויסער פאַרערער, האָט אָנגעוויזן, אַז פיל פון זיינע לידער שטעלן מיט זיך פאָר „אַן אקשאַנירס (ליציטאַטאָרס) קאַטאַלאָג״...

זיין אוניווערסאַלישקייט איז — אַחוץ דעם רעליגיעז־פּאַנטעיסטישן און קאָסמאָפּאָליטישן אונטערטאָן — בעיקר אַן אָנהויפונג פון דעטאַלן: געאָגראַפישע, עטנאָגראַפישע, סאָציאַל־שטייגערישע, פּראָפעסיאָנעלע און אַנדערע, ווי דאָס ווערט אויסגעדריקט אין זיין „סאַלוט אַ מאָנד״ (אַ גרוס דער וועלט), אין „געזאַנג פון פאַכן״, און אין אַ קליינער מאָס, אין אַלע זיינע לידער.

מען האָט פון פיל זייטן פאַרגעוואָרפן וויטמאַנען, זיינע פּאַראַדאָקסן און אומהאַרמאָנישע סטיל־ און תוכן־איינהייטן. וויטמאַן האָט מיט זיין דיאַלעקטישער קונסט געענטפערט — טאַקע אין דעם „סאָנג אָף מייסעלף״:
„איך בין ברייט, אא״וו.

אָבער פּאָרט איז זיין ווערק און סטיל אַ פּאַראַדאָקס אין זיך גופא.

דער אויסגעצייכנטער קריטיקער און עסייאיסט י. ראַפּאָפּאָרט שרייבט, אַז אין מאַנכע פון זיינע פאָטאָגראַפיעס זעט מען אַרויסשיינען אַ גרויסע דיכטערישע פערזענלעכקייט — מער ווי פון זיינע ווערק.

אין אַ געוויסער מאָס האָט דאָס באַשטעטיקט דער דיכטער אַליין:

„שרייבן און באַווייז איבערצייגן מיך נישט;
איך טראָג די פולקייט פון איבערצייגונג און אַלץ אַנדערס אין
מיין פנים...״

אויב ס׳גייט וועגן זיין פערזענלעכקייט, איז זי וועריפיצירט פון זיינע גרויסע מיטצייטלערס, קודם כל פון די גרויסע שכנים זיינע — עמערסאָן און טאָראָ. ער איז געווען אַן ערלעכער פּובליציסט, רעדאַקטאָר און

ליטעראַטור־קריטיקער. וועגן זיין שווונג זאָגט עדות דאָס, וואָס ער איז נישט איינגעזעסן ביי זיין זשורנאַליסטישן בענקל, נאָר זיך געטראָגן אין אומרו פון אָרט צו אָרט, פון איין טעטיקייטס־געביט צום אַנדערן.

אָבער זאָלן מיר נעמען דעם אַנטקעגן דעם מחבר, וואָס האָט געוואָלט איינשפּאָרן זיינע עווענטועלע רעצענזענטן די טרחה און אַליין געשריבן אַ רעצענזיע אויף זיין ווערק...

אינטערעסאַנט, אַז וויטמאַן האָט אַליין פּלאַנירט און געבויט זיין קבר אין קעמדן, ניו־דזשוירזי. ער איז אַליין געווען דער אַרכיטעקט פון זיין ליטעראַרישן פּאַנטעאָן.

דער גרויסער פּאַראַדאָקס פון זיין ווערק איז, וואָס דער דיכטער איז געווען בעיקר אַן אַנאַליטיש־ראַפינירטער גייסט און אין זעלבן אַנאַ־ליטיש־ראַפינירטן סטיל אָדער סטיללאָזיקייט (וואָס מאַכט דעם איינדרוק פון דער ראַפינירטער נאָנשאַלאַנס פון אַ גרויסוועלטיקער דאַמע) געשריבן דיטיראַמבן צו פּשטות און תמימות, צו דעם אינטואיציאָנעלן באַנעם פון דער מיסטישער און „אומבאַוווּסטזיניקער" נשמה פון דער וועלט.

עס איז דער קלוגער, שאַרפזיניקער, רעטאָרישער סטיל, וואָס חנדלט זיך מיטן פּרימיטיוו.

איך קאָן נישט איינזען, אַז זיין באַרימטער פּערז פון דעם גראָז, וואָס איז אַ טאַשנטיכל פון גאָט — זאָל זיין אַ בליציק־אינטואיטיווער באַנעם, פאַרקערט, מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז אַזאַ שלשתדיק פּשטל, אַן אויסגע־קליגלטער און קינסטלעכער פאַרגלייך.

וויטמאַן האָט אַליין געפילט און זיך פאַרטיידיקט קעגן זיין גרויסן מאַנגל אין אָריגינעלער זעערישקייט:

„איך און מיינס איבערצייגן נישט דורך אַרגומענטן, פאַרגלייכן, גראַמען;

מיר איבערצייגן דורך אונדזער אַנוועזנהייט".

דאָס גרעסטע רעטעניש איז אייגנטלעך, וואָס דער דיכטער פון די „גראָזן־שטענגלעך" — נישט קוקנדיק אויף דער דרשהדיקער באַמבאַס־טישקייט פון אַ ליטעראַרישן אַטלעט — באַווייזט דאָך — אין מאַנכע

שטעלן אַ ווייע צו טאָן מיט אַ הויך פון אומגעוויינלעכער טיפקייט און אָריגינעלן אויסדרוק.

ער זאָגט אין איינעם פון זיינע לידער, אַז לאָגיק און דרשות איבער־צייגן קיינמאָל נישט. איז דאָס ווי אָנגעמאָסטן אויף אַ גרויסן טייל פון זיינע לידער. אָבער גלייך די צווייטע שורה איז מעכטיק אין איר עקספּרעסיע:

„די פייכטקייט פון דער נאַכט דרינגט טיף אַריין אין מיין נשמה".

וויטמאַן האָט אין אַ סך שטעלן פון זיינע „גראָזן־שטענגלעך" געוואָרנט און זיך באַוואָרנט, אַ זיין ווערק איז נישט קיין בוך, ליטעראַטור; נאָך מער, ער אַטאַקירט און רייסט בכלל אַרונטער דאָס בוך, די „ליטעראַטור".

און דאָ קומען מיר, מעגלעך, צו אַ פּסיכאָלאָגישן אַנהאַלט־פּאָדעם אין וויטמאַנישן „קנופּ".

די „גראָזן־שטענגלעך" זענען אַ בוך, אַ פּרווו פון אַ נייעם גיגאַנטישן מיטאָס — אַ רעזומע פון טויזנטיאָריקע טעאָריעס, וואָס באַזירט אין אַן אייגנאַרטיקער „אַנטי"־טעאָריע און „לעבן"־מאַניע.

אַ בוך — אַ בשר ודם־עוואַנגעליע, ווו דער מחבר ווערט זיך, שרייט. — זיין אַנטי־ביכערישקייט האָט אין זיך עפּעס פלאַנמעסיקס, מעטאָדיש־סיסטעמאַטישס.

דאָס וווּנדער איז אָבער, וואָס סוף כל סוף דערגרייכט טיילמאָל וויטמאַנס פּאַטאָס אַ ביבלישן הויך און הויכקייט; אָבער זייער אָפט זענען זיינע ווערטער־בלאָקן ריזיק און ריזיקאַליש.

דער קאָמפּלעקס „לעבן" איז ביי אים סיי מאַניר און סיי סטיכיע.

עס שיינט, אַז ער איז דער אַנטשפּרעכנדיקסטער רעפּרעזענטאַנט פון אַמעריקע פון 19טן יאָרהונדערט. פאַראַן אין אים דאָס מונטערע, לעבהאַפטע זעלבסטגעפיל פון אַ יונג־אויפשטייענדיק פאָלק; דער אַקומולירטער וויוואַט־רוף פון דער זיגרייכער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע, אַן עכאָ פון וועלכן עס הערט זיך אין זיין גאַנצן ווערק.

דאָס איז דער וויטאַלער, האָפערדיקער און לעבנספרײדיקער „אַנקל

סעם", וואָס פּאָרט זיך מיט זיין ביידל איבער די רחבותדיקע שטחים פון דער מעכטיקער, פרייער מדינה.

די מונטערע און מענלעכע זינלעכקייט פון אַ סאַנגווינישן יונגן מענטש אין זומערדיקן פרימאָרגן.

*

ער האָט געפּרוווט צו ווייזן דעם „איך" אין אַלע מעגלעכע און אוממעגלעכע פּאַזן, דערשיינונגען און טראַנספאָרמאַציעס.

אָבער מערסטנטיילס איז דאָרט פאַראַן איבערצייגונג, אָבער נישט דאָס איבערצייגנדיקע.

אַ סך מאָל האָט ער געפּרוווט צו איבערצייגן מיט אַ שבועה: „איך שווער, אַז..."

אָבער קונסט און ליטעראַטור האַלטן פון אַן אַלטן כלל: „על־פּי שני עדים יקום דבר".

און די צוויי „בעזספּאָרנע" עדות זענען — דאָס אויג און דאָס אויער... דאָס בליציקע בילד, דער אָריגינעלער מעטאַפאָר און די סוגעסטיווע מוזיק זענען די עדות, אַז דער דיכטער האָט אַליין געזען און געהערט.

*

פאַראַן אַ באַזונדערער כאַראַקטעריסטישער שטריך אין וואָלט וויט־מאַנס פּאָעטישער שאַפונג (דאָ רעדט זיך וועגן וויטמאַן דעם פּאָעט): די צענטריפוגאַלע אייגנשאַפט פון זיינע לידער.

זיינע שורות זענען פאַרביקע, לויט זייערע קאָנטראַסטן און וואַר־יאַציעס, פילם־סצענעס פון דער אַרומיקער און אינזיכיקער רעאַליטעט; אָבער עפּעס לויפן זיי זיך פאַנאַנדער אין פּאַרטיקולאַרן — אַנשטאָט צו פאַרייניקן זיך צענטריפּעטאַל אין דער ריכטונג פון דער גרונט־שטימונג און וויזיאָנערישקייט.

אויב עס גייט וועגן מענטשהייט און מענטשלעכקייט־וויזיע האָבן די זעלבע דערהויבענע אידעאַלן — אין אַ קאָנצענטרירטער פאָרם — אויס־געדריקט: הוגאָ אין אַ קורץ ליד „לוקס"; לענאו אין זיינעם אַ ליד וועגן

מענטשלעכן פאַרשריט; יאַן קאַספּראָוויטש אין זיין „בלאַגאָסלאָוויעני״ און אַנדערע.

אויב ס׳גייט וועגן די „גראַזן־שטענגלעך ווי אַן אַמעריקאַנער קאַטעכיזם — אין דעם פילאָזאָפישן און סאָציאַלן אַספּעקט — האָט דער מחבר צום סוף, אין זיינע „דעמאָקראַטישע האַריזאָנטן״, אליין געמאַכט די נייטיקע קאָרעקטור און דעמענטי:

„ס׳איז אפשר קיינמאָל נישט געווען מער לײדיקייט פון האַרץ ווי איצט, דאָ, אין די פאַראייניקטע שטאַטן... מיר לעבן אין אַן אַטמאָספערע פון היפּאָקריזיע ...אַ סך קירכעס, סעקטעס אאַוו. אוזורפירן דעם נאָמען פון רעליגיע... די אָפיציעלע אַמטן פון אַמעריקע, אויסער די געריכטלעכע, זענען דורכגעזאָפּט מיט קאָרופּציע... די גרויסע שטעט — פול מיט רויבעריי און כוליגאַניזם. אין דער בעסערער געזעלשאַפט... קליינע צילן, אָדער איבערהויפּט נישט קיין צילן, נאָר צו פּטרן די צייט. אין געשעפט... דער איינציקער ציל... געלט־געווינס. דעם מכשפס שלאַנג אין דער פאַבל האָט אויפגעגעסן אַלע אַנדערע שלאַנגען; און געלט־מאַכן איז אונדזער מכשפס שלאַנג... איך זאָג, אַז אונדזער „נייע וועלט״־דעמאָקראַטיע ...איז ...אַ כמעט פולשטענדיקער דורכפאַל אין איר סאָציאַלן אַספּעקט...״

*

דאָס ווערטפולסטע ביי וויטמאַנען איז, צווישן אַנדערן, זיין מוטיק לאָזן זיך אַליין אין זיין אייגענער ווערטער־ווילדעניש.

די פּאָעזיע, אָט דער וווּנדערלעכער זינגפויגל, איז געפאַנגען אין איר אייגענער שטייג, אַרומגעקראַטעוועט מיט סימעטרישע גאָלדענע קראַטעס; גאָלדענע קראַטעס, אָבער דאָך קראַטעס.

אָבער אין זיין ווילדן שורות־דזשונגל האָט וויטמאַנס גאָלדענער זינג־פויגל זיך גאָר פאַרבלאָנדזשעט. —

וואָלט וויטמאַן איז אויך סימפּאַטיש מיט זיין נאָוואַטאָרישן אויס־שטרייכן פון דער פּאָעטישער לאַנדקאַרטע די אַרכאַישע מיטאָס־דזשונגלס און מדבריות.

ער איז בלי ספק געווען גערעכט מיט זיין דרענאַזש פון מיטישן

זומפּ. און ס׳איז טאַקע אַ חידוש, וואָס זינט יאָרטויזנטער ווערן נאָך אַלץ באַנוצט אויף דער דיכטערישער סצענע די מאָנסטרועזע רעקוויזיטן פון באַרבאַרישן עבר.

אָבער, ווי דאָס טרעפט אָפט מיט רעוואָלוציאָנערן, האָט וויטמאַן בלויז אָפּגערוימט דעם אַלטן שימל, כדי צו מאַכן פּלאַץ פאַר אַ נייעם. און דאָס נייע ביי אים — אַחוץ זיין בכלל ריכטיקן און עכט־רעליגיעזן אַפּאָטעאָז פון מין מענטש — איז באַשטאַנען אין אַ גוזמהדיקער אידעאַלי־זירונג פון ווירקלעכן, אַקטועלן — אפילו פון מעטאַל־מכשירים. ער האָט מיט רעכט אָפּגעפרעגט די נוצלעכקייט פון אַ געוויסן מין ראָמאַנטיק, אָבער ער האָט קוים געקאָנט איבערצייגן מיט דער ראָמאַנטיק פון די נוצלעכע, וואולגאַרע זאַכן.

פאַראיידלען די מאַטעריע מיט אַ טראַנסצענדענטאַלן הויך — איז זיכער אַן עובדא; אָבער פאַרקערפּערן די איידלקייט, געשטאַלטיקן דאָס טראַנסצענדענטאַלע — איז איינס פון די הויפּט־אַספּעקטן פון דער שיינ־קייט־רעליגיע: קונסט.

ביי אַלע זיינע סתירות, עקסטראַוואַגאַנצן, געקינצלטע פּרימיטיווע שורשדיקייטן, דעם ווירבל פון איינפלוסן וואָס האָט זיך נישט אָפט אויפ־געלייזט אין אַ זינגנדיקן האַרמאָנישן שטראָם — איז דאָך דאָס וויטמאַנישע געזאַנג אַ ווייטער הויך, אַן אָטעם פון אַ מעכטיקן פּאַנטעיסטישן בת־קול. וואָלט וויטמאַן איז דער מעגאַפאָן פון דער נשמה.

עדגאַר פּאָ

(1809 — 1849)

עדגאַר פּאָ איז דער דיכטער פון איין גרונט־אַספּעקט פון מענטש־לעכן געמיט — שרעק. ער איז אין די אומענדלעכע נשמה־געביטן געווען אַ „רעגיאָנאַלער״ אויספאָרשער, וואָס האָט זיך פאַרנומען בלויז אויף דעם שטח פון גרויל; אָבער אין דעם שמאָלן שטח האָט ער געגראָבן טיף

און אַרויסגעבערענגט פון אונטן דעם געהיימנישפולן עפּעס, וואָס שלומערט זייט אומצייליקע דורות אויפן דנאָ פון מענטשלעכע עמפּינדונגען. ער האָט אַרויסגעבערענגט, געשטאַלטיקט דעם כאַאָטישן פּחד מיט לאָקאַלן קאָלאָריט, מיטן ריח פון אויפלייזונג.

לייענט מען זיינע אויסערגעוויינלעכע דערציילונגען, איז ווי מען וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזן אין אַ טיפער, אומהיימלעכער הייל — די שרעק, דאָס סודותדיק פאַנטאַסטישע נעמט אַרום „אַטמאָספערישׂ" און אָטעמט־אויס די דומפּע אַראָמאַטן פון אומבאַקאַנטן, די טענער פון גרוי, בלייערן, חושך. געוויס, פּאָ איז געווען קראַנק, ווי זיינע געשטאַלטן און טיפן; אָבער ווי געזונט, מיט וואָס פאַר אַ טיטאַנישן כוח האָט דער קינסטלער אונדז געוויזן דאָס אומגעזעענע! ווי יהושע, וואָס האָט געזאָגט: „שמש בגבעון דום", האָט ער באַוויזן, אין מיטן העלן אינדוסטריאַליסטישן 19־טן יאָרהונדערט, אָפּצושטעלן די ראַציאָנאַליסטישע זון און איינצוהיטן די וועלט אין אירע געשפּענסטיקע טונקעלקייטן.

עס גייט נישט אין דעם, צי פּאָ איז קראַנק; עס גייט אין דעם, וואָס דער „קראַנקער פּונקט" איז אַ יש וואָס וואָרצלט אין אונדזער וועזן זייט ס'עקזיסטירן לעבן און טויט, פרילינג און האַרבסט, בליאונג און פאַרגאַנג, און בלוטנדיקע זונען ראָלן אַראָפּ אין באַנגע ווייטן. — —

פּאָ איז אומפאַרגלייכלעך אין זיין מייסטערישן „באַפאַרבן" די נאַטור, די לאַנדשאַפט, מיט זיינע דעמאָניש־מאַקאַברישע טענער. בערג, ימים, אָזיערעס, פליינען, בנינים — אַלץ ווערט דורך זיין וואָרט פאַרוואַנדלט אין געשפּענסטיקע אומגעהייערס, אין סימבאָלן פון דעם אומענדלעכן „מאָרע טענעבראָרום" אַרום אונדז און אין אונדז... אין זיין וועזן און ווערק איז פאַראַן די טיפע מעלאַנכאָליע פון האַרבסטיק פאַרנעפּלטע נאָרדישע פייזאַזשן...

אוודאי זענען שוין פאַר פּאָ געווען גרויל־פּלאַסטיקער, ליטעראַרישע גאָיאַס, אַ דע־קווינסי. א. ע. ט. האָפמאַן און אַנדערע; אָבער ערשט דער דערציילער פון די איבערנאַטירלעכע געשיכטעס האָט געעפנט א פענצטערל צום „צפון" — צום אומבאַקאַנטן. ס'ציט פון דאָרט אַ געשפּענסטיקער צוג, די סימפּאָניע פון יחידישן און קאָסמישן פאַרגיין. האָפער־

דיקע עסטעטן פאַרשפּאַרן דאָס פענצטערל, פאַרהענגען עס מיט ראָז־קאָלירטע טיולן. אָבער די שרעק איז ווי די פאַ־געשפּענסטער — זי דרינגט דורך די דיקסטע מויערן...

רינגלט אונדז נישט אַרום (און אַלץ וואָס רינגלט אונדז אַרום) דאָס אומפאַרשטענדלעכע, מיסטעריעזע?

יעדעס לעבעדיקע וועזן ווערט געבוירן מיט אַ טויט־אורטייל — „מיט אַפּלייגן"...

פּאָ האָט אין זיין קאָשמאַר־דערציילונג, „דער אונטערגאַנג פון הויז אַשער", טיף כאַראַקטעריזירט דאָס וועזן פון זיינע העלדן: „...נישט די געפאַר מאַכט מיר זאָרגן, נאָר איר רעזולטאַט — די מורא".

ער האָט, אין אומצייליקע וואַריאַציעס, אויף אַ געוואַלדיקן אופן אויס־געזונגען און אויסגעמאָלן דעם פּחד פאַרן טויט, און טויט־אַנגסטן אין די פאַנטאַסטישסטע פאַרהעלטענישן; אָבער זיין גרעסטע קינסטלערישע און דיכטערישע דערגרייכונג איז, דאַכט זיך, דאָס שילדערן דעם פּחד פאַרן פּחד...

*

מאַנכע שרייבערס, וועמען ס'איז פרעמד די ביזאַרע און קרענקלעך פאַנטאַסטישע פּאָ־וועלט, ווילן אים פאַרקלענערן, און דערקלערן אים גרויסמוטיק אַלס פאָטער פון מאָדערנעם קרימינאַל־ראָמאַן. אָבער דאָס איז — ווי עמיצער וואָלט געלויבט די נוצלעכקייט פון גוטן ווייַן, ווייל מען קאָן מאַכן פון אים עסיק... (גיכער לאָזט זיך זאָגן, אַז פּאָ איז געווען דער פּסיכאָלאָגישער דעטעקטיוו פון געהיימע געמיט־לאַבירינטן).

אין פּאָס שאַפן מערקן זיך צוויי הויפּט־אייגנשאַפטן — און סתירות־דיקע אייגנשאַפטן — פון זיין פּערזענלעכקייט: אַ בונטע, אומגעצוימטע און וויזיאָנערישע פאַנטאַזיע און שאַרף־אַנאַליטישע באַגאַבונג. (און זיין אַנאַליטישע נייגונג נידערט אָפט אַראָפּ צו די פלאַכקייטן פון פּלפּולדיק מאַטעמאַטישע רעבוסן און שאַראַדעס). צו דעם ערשטן טייל שאַפונגען געהערן אַזעלכע נאָוועלן ווי „אונטערגאַנג פון הויז אַשער"; „די מאַסקע פון רויטן טויט"; „דאָס האַרץ אַלס פאַרעטער"; „דער וואַסער־גרוב און

דער זייגער״; „איןווירבל פון מאַלסטראָם״ און אַנדערע. אויך אין זיי איז פאַראַן, אַ חוץ דעם אומגעווייגטלעכן פאַנטאַזיע־פלי, אַ גרויסע אַנאַלי־טישע קראַפט; אָבער דער אַנאַליז איז דאָרט מער פון אַ העכערער מדרגה, פון אַ קינסטלעריש־פּסיכאָלאָגישן כאַראַקטער. דאַקעגן דער צווייטער טייל, פון סענסאַציאָנעל־קרימינאַליסטישן כאַראַקטער, ווי „דער גאָלד־אינזעקט״; „דער טאָפּל־מאָרד אין מאָרג־גאַס״ א״אַ, זענען אייגנטלעך שפּאַנענדיקע נאַראַטיווע רעטענישן, וואָס זענען באַזירט אויף אַ ראַפי־נירטן מאַטעמאַטיש קאַלטן און טרוקענעם אַנאַליז. די פּוענטע פון אַזעלכע דערציילונגען לייענט זיך טאַקע ווי די אויפלייזונג פון אַ שפּאַנענדיקער רעטעניש. אָבער קיין באַזונדערע קינסטלערישע באַדייטונג האָבן זיי נישט.

פּאָס באַדייטונג איז מער ווי אַ ריין קינסטלערישע.

ער איז אַ פאָרלויפער פון דער מאָדערנער טיפן־פּסיכאָלאָגיע.

זשול־ווערן איז געווען דער נביא פון דער טעכניק. פּאָ איז געווען דער וואָרענער, וואָס האָט מיט דער קרענקלעכסטער עמפּינדלעכקייט, אין זיינע גרויל־פאַנטאַסמאַגאָריעס („דער וואַסער־גרוב און דער פּערפּענ־דיקולאַר־זייגער״) געוויזן אַן אוישוויץ אין מיניאַטור. ער האָט געאַנט אויף וואָס „מענטשן״ זענען קאַפּאַבל.

נעמט זיין „מאַסקע פון רויטן טויט״; מיט איר אומהיימלעכער מאַיעסטעטישקייט, אומגעווייגטלעכן פאַרנעם פון בילד און סוגעסטיווע פון טאָן איז דאָס זיכער איינס פון די מייסטערווערק אין מיניאַטור.

אָבער די נאָוועלע האָט אַ חוץ דעם עמאָציאָנעלן קינסטלערישן באַדייט, אויך נאָך אַ דימענסיע — פון דער געניאַלער סביבהדיקער אַלעגאָריע. פאַראַן אין דער ליטעראַטור ווייניק שאַפונגען מיט אַזאַ הויך־קינסטלערישן, באַפליגלטן משל אויף דאָס סאָציאַלע קרומעניש וואָס רופט זיך „מענטשלעכע געזעלשאַפט״, ווי די אויבנדערמאָנטע דערציילונג. דער „רויטער טויט״ איז דער סימבאָל פון הונגער, מלחמות, רעוואָלוציעס און אַנדערע סאָציאַלע קאַטאַסטראָפעס. פּרינץ פּראָספּעראָ, וואָס שליסט זיך איין מיט זיין עליטע אין דעם פּרעכטיקן פּאַלאַץ, איז דער סימבאָל פון די

וועלט-פּירערס (אָדער פאַרפירערס), וואָס האָפן אויסצומיידן דעם גורל דורך זייער אַנטלויפן פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

„פּרינץ פּראָספּעראָ איז געווען הייטער, אומדערשראָקן און קלוג. ווען אַ האַלבע באַפעלקערונג פון זיין לאַנד איז שוין אויסגעשטאָרבן...״ וואָס פאַר אַ טראַגישע איראָניע אויף די פּראָספּעראָס!

*

פּאָס אייגענטלעכער כוח ליגט נישט אין ליד; אָבער אויך דאָ פאַר-מאָגט ער גענוג — נישט ווייניקער פון מאַנכע, וואָס לייקענען אין זיין פּאָעטישן זשעני. אין אַזאַ ליד ווי אַנאַבעל-לי קומט צום אויסדרוק גאָר די נאָבעלע ראָמאַנטיק און די פערלדיקע בענקשאַפט פון אַט דעם לעצטן פון די באַרדן.

זיין סימבאָלישע „קראָ״ שוועבט דאָך ממש אין אַלע דיכטער-חדרים. איז פאַראַן נאָך אַזאַ פּאָעטישער רעקוויזיט וואָס זאָל אַזוי „אויסגעבאָרגט״ ווערן?

פּאָס לעבן איז אייגנטלעך דער פּראָטאָטיפּ פון זיינע אויסטערלישע געשיכטעס — ניין; ס׳איז אַליין אַן אויסערגעוויינלעכע „מיסטעריעזע געשיכטע״, וועמענס דערציילער ס׳איז דער פאַרבאָרגענער, ביזאַרער מחבר מיטן פּסיידאָנים: „פּאָטום״.

אַלץ אין אים איז — נאָך פאַר אים — געווען אויסערגעוויינטלעך טראַגיש און פאַנטאַסטיש. דער לעצטער אָפּשטאַמיקער פון אַן אַוואַנטור-ריסטיש רומרייכער נאָרמאַנדישער און אַנגלאָ-זאַקסישער אַדל-פאַמיליע איז געבוירן געוואָרן פון אַ גענעראַלס אַ זון, אַ שיכור, וואָס איז געוואָרן אַן אַקטיאָר און געשטאָרבן יונגערהייט. זיין מוטער, אויך אַן אַקטיאָרשע, איז אויך געשטאָרבן יונגערהייט (פון שווינדזוכט). די זון פון דעם אומ-גליקלעכן עדגאַר האָט אויפגעשיינט אין דער געשטאַלט פון זיין קוזינע ווירדזשיניע קלעם, דעם 14-יעריקן צאַרטן ווען, מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאַט, און וועלכע איז אויסגעגאַנגען פון שווינדזוכט אין עלטער פון 25 יאָר.

איז ווירדזשיניע, די יוגנטלעכע געליבטע — די מאָדערנע בעאַטריטשע, און איר נאָסטאַלגישער באַזינגער און עלעגיקער — דער מאָדערנער

דאַנטע, די עטערישע ווירדזשיניע־געשטאַלט טויכט אויף מאַגיש, מיט אומאויסשעפּלעכן צאַרטן רייץ און טראַגישן גורל, אין מערערע פון זיינע נאָוועלן און לידער. די וווּנדערבאַרע באַלאַדע „אַנאַבעל־לי", ווי פיל אַנדערע לידער און אין פּראָזע־געשריבענע שיר השירימס („ליגעיאַ", „מאָרעלאַ" א"א), זענען אייביקע מאָנומענטן נאָך דער געהיימנישפול עטערישער און טראַגישער ווירדזשיניע־געשטאַלט.

און פּאָ, דער נאָבעלער ראָמאַנטיקער מיט זיין לופטיקער ווירדזשיניע וועלן אַריין אין אוצר פון דער וועלט־דיכטונג ווי אַן אומשטערבלעכע באַלאַדע: „עדגאַר און ווירדזשיניע".

הענרי דייוויד טאָראָ

(1817 — 1862)

הענרי דייוויד טאָראָ, דער נזיר פון קאָנקאָרד, איז איינער פון די זעלטנסטע גאונים פון דער וועלט־ליטעראַטור.

אויסערגעוויינטלעך אלס שרייבער און אַלס מענטש.

ער איז געווען אַ גלענצנדיקער און זעלטענער ביישפּיל פון אַ באַשיימפּערלעכער אידענטישקייט פון מענטש און ווערק. נאָכמער, זיין גאַנצע שעפערישקייט איז געווען אַ סוביעקטיוו־עקספּרעסיווע; זיין גאַנצע רייכע מענטשלעכקייט האָט אים געדינט ווי אַן אומדערשעפּלעכער קוואַל פאַר זיינע אינספּיראַציעס, ווי אַ שטאָף פון וועלכן ער האָט אויס־געמייסטערט אומפּאַרגייענדיקע שיינקייט.

און דאָס אויסערגעוויינטלעכסטע איז געווען דווקא, וואָס טאָראָס לעבן איז געווען אָרעם אין „אַבענטויערס" און פאַרשידענע ראָמאַנטישע אַטריבוטן פון „לעבנסרייכקייט": וועלטרייזעס, שווינדלדיקע קאַריערעס א. א. וו. טאָראָ האָט געטאָן עפּעס אינטערעסאַנטערס — ער האָט געמאַכט די געוואַגטסטע, באַלערנדיקסטע עקספּעדיציע אין דער וועלט — די וועלט־רייזע אין זיך...

י. גאָלדקאָרן

טאָראָ האָט זיין גאַנץ לעבן — אַחוץ א באזוך אין קאַנאַדע און אין די מערב־שטאַטן — פאַרבראַכט אין און אַרום זיין היימשטאָט קאָנקאָרד, מאס. און אָט די געווייַנטלעכע טעג און נעכט פארבראכטע אין זיין שטוב און זיין אומדערמידלעכע אויספלוגן אין דער אומגעגנט ; די אָבסערוואַציעס פון וועלדער, פעלדער, טייכן מיט זיין פאונע און פלאָרע, זענען געוואָרן אויסערגעוויינטלעך איבערגעלעבט און אויסערגעוויינטלעך איבערגעגעבן מיט דער מאַגישער וואָרט־מוזיק און בליציקן אורבילד פון אַן אומפאַר־גלייכלעכן זעער און זינגער.

צוויי יאָר האָט טאָראָ פאַרבראַכט אין אַ וואַלד נעבן קאָנקאָרד, אין אַן אַליין אויסגעבויטער שטוב, נעבן אַ קליינער יעזשאָרע, וואַלדען און דעם נאָמען האָט ער געגומען פאַר זיין גרויס ווערק, אין וועלכן ער האָט פאַר־פיקסירט די דאָרט איבערגעלעבטע צייט.

צוויי יאָר פאַרבראַכטע אין באטראכטן דעם רויש פון ווינט, דעם גאַנג פון וואָלקנס, דעם אָנבליק פוןביימער און גראָזן ; אין אָבסערווירן דעם האָז, די וועווירקע, דעם פיש אין וואַלדען־סטאַוו...

אָ, לפי ערך, קורצער און אייגנאַרטיקער עקספּערימענט אין זיין קורצן לעבן.

אָבער איין סעקונדע אייביקייט איז מער באַדייטנדיק ווי אַן אייביקייט מיט סעקונדערע מאָמענטן...

און ביי טאָראָ דערפילט מען דעם אַראָמאַט פון אייביקייט.

זיין גאַנץ ווערק — איבערגעלאָזענע 18 בענדער, און קודם־כל וואַלדען — איז ממש די ביבל פון פּאַנטעיזם.

ער האָט זיך צוגעזען און צוגעהערט צום גרויסן געהיימניש־פולן אָרקעסטער פון דער נאַטור ; צו אירע ברואים, צמחים, צו די צייטן, שטחים — און דערזען דאָס פאַרכטיקע מאַיעסטעטישע וווּנדער מיט דעם אויסגעוועבטן סוד־אוניווערז מיט נעבולאָס און מילכוועגן — ביז צום קלענסטן גרעזל און אינזעקט — איין מעכטיקע, ריטמישע, קלאַנג־און פאַרב־רייכע מיסטעריע...

שלמה המלך זאָל האָבן פאַרשטאַנען די שפּראַך פון חיות, בהמות און עופות...

טאַראַ איז געווען אַ גרעסערער לינגוויסט, ער האָט פאַרשטאַנען עפּעס וויכטיקערס — די שפּראַך פון אַ גרעזל אין וואַלד... פון זיינע שריפטן בליצט אַרויס מער ווי מענטשלעכער זשעני. עס ווייעט אַרויס דער אָטעם פון רוח הקודש, ווי פון די שענסטע בלעטער פון די אופּאַנישאַדן, פון די נביאים און אַנדערע דערהויבנסטע וויזיאָנערן און זינגער פון אַלע ציַיטן.

זיין בליק איז אַ זון, וואָס באַלייכט און באַלעבט אַלץ וואָס ס׳טרעפט.

זיין עקסטאַז ביים באַטראַכטן די מינדעסטע נאַטור־דערשיינונג, אַ פאַלנדיק שנייעלע, געהערט, ווי פיל אומצייליקע אַנדערע באַטראַכטונגען און שילדערונגען זיינע, צו די טיפסטע איבערלעבונגען פון לעקטור:

„דאָס (דער שניי־פלאָקן) איז געווען איינער פון די פּערפעקטע קריס־טאַלענע, שטערן־פּאַרמיקע, זעקס־שטראַלנדיקע — ווי אַ פלאַך־ראָד מיט זעקס ספּריכעס... וואָס פאַר אַ וועלט, אין וועלכער מיר לעבן! ווו זענען די ביזשוטעריע־מאַגאַזינען? נישט פאַראַן עפּעס פּרעכטיקערעס ווי אַ שניי־פלאָקן און אַ טוי־טראָפּן. מיר מיינען, אַז דער ערשטער פאַראייניקט זיך מעכאַניש און דער אַנדערער פליסט איינפאַך צוזאַמען, אָבער אין אמת זענען זיי דער פּראָדוקט פון ענטוזיאַזם, די קינדער פון אַן עקסטאַז, אויס־געענדיקט מיט אַ קינסטלערס העכסטער געשיקטקייט.״

אָט איז אַ פּערלדיקע שילדערונג פון פּאַרזונקען זיין אין סוף:

„איך בין געוואַקסן אין די סעזאָנען ווי קאָרן ביינאַכט... איך האָב פאַרשטאַנען וואָס די מזרח־מענטשן מיינען מיט קאָנטעמפּלאַציע און אויפגעבן די אַרבעט. מערסטנטייל האָב איך זיך נישט געקומערט ווי אַזוי די שעהן זענען אַוועק... ס׳איז געווען פרימאָרגן... איצט איז אָוונט, און גאָרנישט געדענקבאַרס איז געטאָן. אָנשטאָט צו זינגען ווי די פייגל, האָב איך שטילשווייגנדיק געשמייכלט צו מיין אומאויפהערלעכער פאָרטונאַ... מיינע טעג זענען נישט געווען טעג פון דער וואָך...״ („וואַלדען״; קאַפּ. „קלאַנגען״).

„פאַרוואָס לאָזט דער תפיסה־וועכטער נישט אָפּן די תפיסה־טויערן — פאַרוואָס אנולירט נישט דער ריכטער דעם פּראָצעס — פאַרוואָס איז דער פּרעדיקער נישט משלח זיין קאָנגרעגאַציע! דאָס איז דערפאַר, ווייל זיי פאָלגן נישט דעם רמז, וועלכן גאָט גיט זיי״. (אויבן; קאַפּ. „פרילינג״).

„איך חלום צו זיין נאַטור וואָס בליקט אַריין אין נאַטור מיט אַזאַ לייכטער סימפּאַטיע, ווי דאָס בלאָ־אויגיקע גראָז בליקט אין פּנים פון הימל".

דער נזיר פון קאָנקאָרד איז מיסטיש פאַרליבט אין דער נאַטור:

„...נישט פאַראַן עפּעס מער רירנדיקס... און פּרעכטיקס... ווי דער אָנבליק פון נאַקעטן באָדן אין פרילינג... אָ, ווען איך וואָלט זיך געקאָנט באַרוישן מיט לופט און וואַסער!".

און ער איז מתפּלל צום גאָט פון דער נאַטור:

„איך ווינטש צו... האָבן אומשטערבלעכקייט איצט, אין דער קוואַליטעט פון מיין טעגלעך לעבן... איך וועל געבן אַלץ וואָס איך בין פאַר מיין נאָבלקייט... זאָל איך וואַגן, ווי כ'האָב דאָס קיינמאָל נישט באַוויזן... זאָל איך זיין אַ יעגער פון דער שיינקייט, וואָס וויל פון מיר אַנטרונען.... איך בין אייפעריק צו קאָמוניקירן די גלאָריע פון אוניווערז..." (טאָגבוך, 13 מערץ 1852).

טאָראָ, וואָס האָט אַזוי פאַראינערלעכט דאָס אויסערע, געגעבן אַ לירישן ריטעם דעם אַרומיקן, — האָט אויך פאַראויסערלעכט, פאַרפיקסירט זיינע זעלטענע איבערלעבענישן — פון גאַרנישט... ער שילדערט אין וואָלדען ווי ער זיצט על פתח ביתו, פאַרזונקען אין אַ ווונדערלעכן געמיט־צושטאַנד פון איבער צייט און שטח; עפּעס זעלטנס, וואָסערפאַל־אַרטיקס, אָקעאַן־כאַאָטישעס, ווי פון די כישופדיקע שורות פון אַ רוסאָ, אַ וויטמאַן, דאָסטאָיעווסקי — פלייצט אַרויס פון די שורות שילדערונגען און פאַרשלעפּט און שטראָמט צו די ברעגן פון הייליקן טייך, דאָרט ווו ס'האָט געוואַשן זיינע פיס, איינער פון די גרעסטע און לעבעדיקסטע פון אַלע שטערבלעכע — בודאָ.

די בהאַגאַוואַט־גיטאַ, ווי בכלל דער מיסטעריעזער אָריענטאַלישער וועלטבליק, ווערן אין זיין ווערק באַטאָנט און באַקומען אַ מעלאָדישן און רייצנדיקן עכאָ. („יעדן פרימאָרגן באָד איך מיין אינטעלעקט אין דער ווונדערלעכער און קאָסמאָגאָנישער פילאָזאָפיע פון דער בהאַגאַוואַט־גיטאַ... אין פאַרגלייך מיט וועלכער אונדזער גאַנצע ציוויליזאַציע און ליטעראַטור שיינט צו זיין שוואַך און טריוויאַל"...)

טאָראָ איז געווען אַ שאַרפער קעגנער פון מענטשלעכע דערפינדונגען, בתוכם די אָפיציעלע רעליגיעס.

ער האָט, צווישן אַנדערן, געזאָגט: „מענטשן רעדן וועגן די נסים פון דער ביבל, ווייל ס׳איז נישט פאַראַן קיין נס אין זייער לעבן״...

און טאָראָס לעבן איז אייגנטלעך געווען איין גרויסער נס.

ער האָט דעראָבערט די גרעסטע פעסטונג — דעם עגאָ... דעם גוף — דעם שקלאַף, וואָס הערשט אַלמעכטיק איבערן „קעניג־גייסט״...

די טיראַניע פון גוף, פון זיינע אומגעצוימטע תשוקות, מאַכט דעם מענטש נישט נאָר פאַר אַן עבד לעבד, נאָר אויך אַן אונטערטעניקן פון אַלערליי קליינלעכקייטן, פאַרקויפטקייט און קאַפּיטולאַציעס אויף אַלע פראָנטן; טאָראָ, וואָס איז פאַרבליבן אַ בחור, זיך גענערט פון ברויט און קאַרטאָפל און זיך ממש באַרוישט פון לופט און וואַסער, — האָט מורד געווען אין אַלע אָנגענומענע סטאַנדאַרטן און זיך פאַרבונדן מיט דער נאַטור — דער אַרומיקער און אין זיך גופא.

„...שטענדיק צו זיין אויף דער וואַך, צו געפינען גאָט אין דער נאַטור, צו קענען זיינע באַהאַלטענע ערטער, צו באַזוכן אַלע אָראַטאָריעס, אָפּערעס אין דער נאַטור״. (טאָגבוך).

איך ווייס נישט די סיבה פון טאָראָס פריצייטיקן טויט, צי ס׳איז געווען וועלכע נישט איז שייכות צווישן דעם און זיין אַסקעטיזם; אויב יאָ, וואָלט מען געקאָנט זאָגן, אַז די אָפּעראַציע איז געלונגען, אָבער דער פּאַציענט איז געשטאָרבן...

אָבער אין טאָראָס פאַל וואָלט מען בלויז געקאָנט זאָגן: דער פּאַציענט איז געשטאָרבן, אָבער די אָפּעראַציע איז געלונגען״...

די געשיכטע פון דער מאָדערנער ליטעראַטור — און פון ליטעראַטור בכלל — ווייסט זייער ווייניק אַזעלכע פאַלן: אַ נביא, אַ כהן פון זיין קולט, אַ דיכטער און טיפער דענקער אין איין פּערזאָן.

ער איז אפשר געווען דער גרעסטער, אוניווערסאַלסטער און עזאָטע־רישסטער אַנאַרכיסט פון אַלע צייטן.

ער האָט פיינט געהאַט חכמות: „ווי אַזוי קאָן אַ מענטש זיין באַפרי־דיקט מיט אַרויסזאָגן אַ מיינונג און געניסן פון דעם?״. קודם כל האָט

ער פּראָטעסטירט מיט וואָרט און טאַט קעגן דער עלטסטער מענטשלע־כער אינסטיטוציע — דער אַרבעט, אין איר מיסברויכטער און זינלאָזער פאָרם.

נישט קוקנדיק אויפן אַזוי־גערופענעם פּראָגרעס, רענעסאַנס, עפּאָכע־מאַכנדיקע פאַרענדערונגען, איז דער מענטשלעכער גייסט געבליבן קאָנ־סערוואַטיוו, אין זין פון היינעס גלענצנדיקן זאָג וועגן די קאָנסערוואַטיוון: אין זין פון קאָנסערווירן די אייגענע טיפּשות...

טויזנטער יאָרן זענען פאַרגאַנגען; קולטורן, ראַסעס, פעלקער זענען אונטערגעגאַנגען און אויפגעטויכט; פּראָדוקציע־ און טראַנספּאָרט־אופנים זענען געענדערט געוואָרן — פון סאַמע פּרימיטיווסטן אקער־אינסטרומענט ביזן טראַקטאָר און פונעם אייזעלע ביזן דזשעט־עראָפּלאַן; דער טעכנישער שם המפורש ווייזט ראַדאַרישע מופתים; סופּערסאָנישע „פייגל"; הייזער־בלאָקן ווערן אויפגעבויט ווי פאַלאַצן דורכן „זשעני" אין די „פעירי טעילס".

ס'כישופט די טעלעוויזיע — אָבער ס'בלייבט דער קורצער בליק: נישטאָ קיין וויזיע... דער מענטש איז אַלץ אַ שקלאַף צו דער אינסטיטוציע פון אַרבעט — ווי מיט טויזנטער יאָרן צוריק.

אַפילו די ראַדיקאַלסטע און רעוואָלוציאָנערסטע באַוועגונגען און אידעאָלאָגיעס פאַלט גאָרנישט איין צו חלומען וועגן מורד זיין קעגן דעם גרעסטן עקספּלאָאַטאַטאָר — דער כסדרדיקער טאָג־איין, טאָג־אויס אַרבעט...

טאָראָ שרייבט:

„דער סדר פון די זאַכן דאַרף היפּש געענדערט ווערן; דער ערשטער טאָג זאָל זיין אַ מענטשס אַרבעטסטאָג, פונוואַנען צו פאַרדינען אויף לעבן דורכן שוויס פון שטערן; און די רעשט זעקס טעג זאָלן זיין אַ שבת פון די געפילן און דער נשמה..."

אַזאַ רעוואָלוציאָנערער פּאָסטולאַט קאָן ווערן אַרויסגעשטעלט נאָר פון אַ גאון, וואָס גייט נישט אין די אָקסן־טריט פון דער מענטשהייט — מיט אירע פאַלשע נביאים, איינזייטיקע צדיקים, אָפּאָרטוניסטישע רעוואָלו־ציאָנערן און שמאָטע־לאַטע לייגנדיקע רעפאָרמאַטאָרן.

און ביז וואָס־ווען, האָט טאָראָ דערוויל אַליין דורכגעפירט זיין מאָדעל־רעוואָלוציע, און מיט דער הילף פון אַ געגויעם בודזשעט־בילאַנס באַוויזן, אַז ער האָט געגוג געהאַט זעקס וואָכן אין יאָר צו אַרבעטן, כּדי צו האָבן אַ גאַנץ יאָר זיינע הצטרכותן. פאַרשטייט זיך, אַז אַנגעמען אין אַלגעמיין דעם טאָראָשן מאסשטאב, וואָלט געווען אַ נאָנסענס: די וועלט קאָן נישט באשטיין פון נזירים און אַסקעטן. אָבער זיין שוווּנג און עלע־מענטאַרער אמת לאָזט זיך נישט אָפּלייקענען.

ביי די מיטלען פון דער מאָדערנער טעכניק וואָלט מעגלעך געווען צו פאַרווירקלעכן טאָראָס „אַרבעטסוואָך" פון איין טאָג, — אַפילו נישט בלויז פאַר נזירים און אַסקעטן, — ווען די מענטשהייט וואָלט נישט געווען געפאַנגען אין דעם פאַן־דעמאָניזם פון מלחמות, רויבגיריקייט, פאַרשווענ־דערישקייט.

ער זעט די וווּלגאַריזירונג און פאַרביליקונג פון מענטשלעכן לעבן אין אַ גרויסער מאָס צוליב דעם אַרבעט־פעטיש.

„מאַנכע שיינען ליב צו האָבן אַרבעט לשמה, ווייל זי פאַרהיט זיי פון אַן ערגערן שאָדן; צו אַזעלכע האָב איך איצט גאָרנישט וואָס צו זאָגן... די וואָלט איך געראָטן צו אַרבעטן טאָפּלט אַזוי שווער... דער טאָג פון שכיר־יום ענדיקט זיך מיטן אַראָפּנידערן פון דער זון... אָבער זיין באַלעבאָס, וואָס שפּעקולירט פון חודש צו חודש, האָט נישט פון איין סוף־יאָר ביז צום אַנדערן... נישט נויטיק, אַז אַ מענטש זאָל פאַרדינען אויף זיין אויסקום דורכן שוויס פון זיין שטערן, סיידן ער שוויצט לייכטער ווי איך... אַ מענטש איז רייך אין דער פאַרהעלטעניש צו דער צאָל זאַכן, אָן וועלכע ער קאָן זיך דערלויבן צו באַגיין".

ער רעדט מיט פאַראַכטונג וועגן פאַרמער:

„איך רעספּעקטיר נישט זיין אַרבעט, זיין פאַרם, וווּ אַלץ האָט זיין פּרייז, אים, וואָס וואָלט געטראָגן זיין לאַנדשאַפט, זיין גאָט צום מאַרק... ווּעמענס פעלדער האָבן נישט קיין בלומען, ווּעמענס ביימער האָבן נישט קיין פּרוכטן, נאָר דאָלאַרן..." („וואָלדען")

און מיט זיין באַזונדערער פעיקייט צו זען און זאָגן שאַרף, טיף און

קלאָר, ווייזט ער אָן — „דער רוב פון די וואָס טרעטן אַריין אין וועלכן נישט איז פאַך, זענען פאַרמשפּטע מענטשן".

און:

„איך האָס די איצטיקע אופנים פון לעבן און פאַרדינען צום לעבן. פאַרמעריי און קרעמעריי, אַרבעט און פּראָפעסיעס — זענען אַלע עקלהאַפט פאַר מיר.

*

האָבנדיק זיך באַפרייט פון אַלגעמיין אָנערקענטן פעטיש — דער אַרבעט — דער אַרבעט אין געצוווּנגען־ברוטאַלער פאָרם. (פרייע אַרבעט, אויך פיזישע, האָט ער דווקא ליב געהאַט) — האָט טאָראָ זיך גענומען צו צעשמעטערן די אַנדערע געטשקעס — פאַרשידענע סטאַנדאַרטן, אָבער־גלויבנס, חוקים און מנהגים פון סדר העולם:

„ס'איז אומזיכער זיך צוצופּאַסן צו... די מיינונגען פון דער געזעל־שאַפט, ווייל זיי זענען... געצנדינערייש און באַרבאַריש... אַ קלוגער מענטש זעט די געצנדינערישקייט און באַרבאַרישקייט פון זיינע אייגענע לאַנדסלייט, ווי פון די פעלקער, צו וועלכע זיי שיקן מיסיאָנערן. מיינע פאָלקס־אָנגעהעריקע זענען צו מיר אויסלענדער..."

טאָראָ האָט נעגירט דעם שטאַט, די הערשנדיקע רעליגיע, די פּרעסע, וכדומה.

ער דערציילט אין „וואַלדען", ווי ער איז איינמאָל אַרעסטירט געוואָרן פאַר נישט צאָלן שטייערן.

וואָס שייך דער רעגירונג האָט ער געהאַט זיין שטעלונג: „איך אַקצעפּ־טיר פון גאַנצן האַרצן דעם מאָטאָ: „די בעסטע רעגירונג איז די, וואָס רעגירט צומווייניקסטנס... די בעסטע רעגירונג איז די וואָס רעגירט איבערהויפּט נישט"...

זיין אָפּנייגונג קעגן דער רעגירונג פון זיין לאַנד איז, מן הסתם, טיילווייז, באַדינגט געווען דורך דער שקלאַפעריי־אינסטיטוציע, אַ באַשטאַנד־טייל פון דער דעמאָלטיקער אַמעריקאַנער ווירטשאַפט...

דער זוניקער גייסט האָט געוואַשן דעם שוואַרצן פלעק אויפן פּנים

פון פאָלק, וואָס האָט זיך אָקערשט באַפרייט פון אונטערטעניקייט. זיינע פּלאָמיקע שריפטן קעגן דער שענדלעכער פאַרשקלאַפונג פון פיר מיליאָן מענטשן, זענען אויפטרייסלענדיק מיט זייער נביאישן געוויסן, פּאַטאָס און עלאָקווענץ.

ווער ווייסט, צי נישט טאָראָ האָט דער ערשטער געוווּנען די מלחמה מיט די דרום־פּלאַנטאַטאָרן (אויפן גייסטיקן פעלד) פאַר די לינקאָלנס?

און אָט זענען זיינע סינע־קוואַ־נאָן־באַדינגונגען פאַר אַן אמתדיקער דעמאָקראַטיע: „איז די דעמאָקראַטיע, ווי מיר קענען זי, די בעסטע.... רעגירונג? ס׳וועט קיינמאָל נישט זיין קיין אמתדיק פרייער און אויפגע־קלערטער שטאַט, אַזוי לאַנג ווי ער וועט נישט אָנערקענען דעם יחיד ווי אַ העכערע און אומאָפּהענגיקע קראַפט, פון וועלכער ס׳קומט זיין גאַנצע... אויטאָריטעט — און וועט אים נישט אַנטשפּרעכנדיק באַ־האַנדלען“.

*

אַ כאַראַקטעריסטישע דערשיינונג: טאָראָס ווערק, וואָס איז אַזוי אָנגעזאַפּט מיט דערהויבענער, דערהויבנדיקער רעליגיעזיטעט, איז געווען אַ דעקלאַרירטער קעגנער פון אָפיציעלע רעליגיעס.

ווערנדיק אַמאָל אויפגעפאָדערט צו צאָלן קירכן־שטייער, האָט ער איבערגעגעבן דעם שטאַטישן באַאַמטן אַזאַ שריפטלעכע דערקלערונג: איך, הענרי טאָראָ, וויל נישט זיין באַטראַכט ווי אַ מיטגליד פון וועלכער נישט איז אינקאָרפּאָרירטער געזעלשאַפט, צו וועלכער כ׳בין נישט צוגע־שטאַנען...“

ער האָט באַטראַכט די „קאַנאָנען“, רעליגיעזע דאָגמעס, מיט זייערע אַנטראָפּאָמאָרפישע טריוויאַלקייטן און ריטואַלן — א גיגאַנטישע זאַמלונג פון „פעירי טעילס“ פאַר דערוואַקסענע...

נישט נאָר פעלקער דאַוונען צו גאָט אויף פאַרשידענע שפּראַכן; אויך יחידים פון דער זעלבער עטנישער גרופּע בעטן יעדער צו זיין גאָט, און אויף זיין שפּראַך...

טאָראָ האָט נישט געקאָנט אַקצעפּטירן די דאָגמעס, וואָס האָבן וואָלגאַ־

ריזירט דאָס העכסטע; וואָס האָבן מיט זייערע כלומרשטע „אַנטפּלעקונגען״ פון דער געטלעכקייט — גאָר אַרויפגעוואָרפן אויף אים אַ דיקן שלייער; וועלכע האָבן די געטלעכע עקזיסטענץ באַוויזן מיט אומצייליקע נסים — פונקט ווי עקזיסטענץ גופא וואָלט נישט געווען קיין געוואַלדיקער נס...

יעדער פּרט פון עקזיסטענץ, עלעמענט; דער וווּנדערלעכער ציקלישער גאַנג פון סעזאָנען, צייט און „גאַלאַקסיס״ איז אַ פּאַרקערפּערטע רעטעניש, אַ טייל פון דעם געוואַלדיקן גאַנצן, פון דער גראַנדיעזער רעטענישפולער מיסטעריע, וואָס מיר באַצייכענען מיט אוניווערז, אין־סוף...

אַ מענטש מיט אַ פיינער ראיה און שמיעה, וואָס באַטראַכט אַן אויס־געשטערנטן סעפּטעמבער־הימל אויף דער נאַטור און ווערט אַנגעפילט מיט אומבאַשרייבלעכן אין אַנבליק פון קאָסמישן פּרוכת, זעט, אַז די שטערן זענען נישט קיין וועלט־לאַמטערנעס צו לייכטן ביינאַכט...

מיר קאָנען נישט קוקן אין פּנים פון דער זון — מיר פילן איר ווירקונג; אַזוי איז אויך מיטן זין פון זיין...

האָט טאָראָ געשריבן:

„זיי מיינען, אַז זיי ליבן גאָט! דאָס זענען נאָר זיינע אַלטע בגדים, וועלכע זיי מאַכן אַלס סטראַשידלעס פאַר קינדער״. (טאָגבוך)

ער רופט אָן דאָס זונטיק־געבעט און פאַרברענגען — „דער פּאַסיק־סטער שלוס פון אַ שלעכט פאַרברענגטער וואָך, און נישט דער פרישער און בראַווער אָנהויב פון אַ נייער״.

דער זעלבער אפּיקורס האָט אָבער אין זיינע שריפטן אומצייליקע שטעלן, וואָס וואָלטן געקאָנט דינען ווי אני מאמינס פאַר יעדן גאָט־עקזאַלטירטן גייסט:

„איך ווייס, אַז ס'איז פאַראַן אַן אַנדערער... וועמענס שאַפונג איך בין... איך ווייס אַז די אונטערנעמונג איז ווערטפול... איך האָב נישט געהערט קיין שלעכטע נייעס.״ („היימישע בריוו״).

„דאָס אומבאַוווּסטזיין פון מענטש איז דער באַוווּסטזיין פון גאָט — דער סוף פון דער וועלט״.

אין די און אַנדערע געדאַנקען אַנטפּלעקט זיך טאָראָ ווי אַ טיפער

דענקער און פאָרגייער פון מאָדערנעם טראַנסצענדענטאַליזם און אינטו־איציאָניזם.

פאַראַן ביי אים אַ גייסטיק־בעמישע פאַראייניקונג מיטן אַל. אַ טיפער פאַנטעיזם, ווי ביי וואָלט וויטמאַנען, אָבער מער אַ געלייטערטער. ער לייזט אויף דעם טאָג אין דעם אומגעהויערן אָקעאַן פון דער אייביקייט. ער האָט זיך אויסגעליידיקט, אין דער גרעסט־מעגלעכער מאָס, כדי צו מאַכן פלאַץ פאַרן מיסטישן שטראָם פון אינטואיציע, וואָס דרינגט דורך זיין וועזן און לאָזט זיך אויס אין זיין בליציקן וואָרט.

פאַראַן אַ תלמודישער זאָג: אילמלא קול המונה של רומי, זעלטן צו געפינען אין דער ליטעראַטור — אַחוץ אין די אַלטע אינדישע שריפטן — נאָך אַזאַ אויסגעטוענקייט פון קליינלעכן צייט־רויש, ביי טאַראַן הערט מען ממש די געהיימנישפולע, דינע וועלט־מוזיק, דאָס קרייזן פון די „גלגלים״:

„וואָס פאַר אַ האַרפע איז די וועלט צו אויערן וואָס זענען אויסגע־ברייטערט... פאַראַן אַן אומשטערבלעכע מעלאָדיע, וואָס קאָן געהערט ווערן אינדערפרי מיטאָג־צייט און ביינאַכט!...״

*

טאָראָס אומשטערבלעכקייט אין דער קוואַליטעט פון טעגלעכן לעבן, זיין אידעאַליסטיש־העראָישער בליק אויפן מענטשלעכן לעבן, קומט באַזונדערס שאַרף צום אויסדרוק אין זיין נעגאַציע פון דער פרעסע.

די „צייטונג״ פון שעפערישן מענטש איז דאָס „אַלטע״, דאָס נישט־געשעענע, וואָס בלייבט שטענדיק פריש, ניי; די נייעס פון טאָג ווערן געבוירן אַלט און זיי ענדיקן זייער „רומפולע״ עקזיסטענץ אויף אַ באַשטימטן פלאַץ.

די צייטונגען זענען „בערזעס״, וווּ די ווערטן־וואַלוטע ווערט טעגלעך געשאַצט לויטן קאָניונקטור־קורס.

די פרעסע איז דער קאַנאַל פון די פּאַסירונגען; אַ מלוכה, ווו צופאַל, פאַרפאַל — זענען געזעץ.

אויב די פרעסע איז דער שפיגל פון לעבן — איז וויי צום פּנים...

פאַרשטייט זיך, אַז ס׳איז איבערטריבן צו פאַראַלגעמיינערן, אָבער דער דורכשניטלעכער טיפּ פון זשורנאַליסט איז דאָך דער „לאַנדסקנעכט״ פון דער עפנטלעכער מיינונג, וואָס איז גרייט צו פאַרגיסן זיין טינט אויפן באַפעל פון זיין מאַיעסטעט דעם פעבל.

בלויז דער קעמפערישער גייסט, דער נביא, דער פובליציסט פון אייביקע אמתן גייט צום אידעאַלן בארג־שפּיץ, פון וואַנען זיין וויזיאָנע־רישער בליק נעמט אַרום די וויטע צוקונפט־האָריזאָנטן און זיינע אויערן פאַרנעמען די „נייעסן״ פון עטערישע כוואַליעס...

די צייטונג איז די פאַבריק ווו ס׳ווערט אויסגעאַרבעט די טעגלעכע מיינונג.

אָן שום ספק האָט די פּרעסע איר נוצלעכע זייט; אָבער איר שאָטן־און שאָדן־זייט! — —

זענען נישט די פּרעסע־אָרגאַנען די קאַנאַלן, דורך וועלכע ס׳פליסן די סם־אַגיטאַציעס פון אַלערליי מלחמה־העצערס, וועלט־אונטערצינדערס און דעמאַגאָגן?

איז אינטערעסאַנט וואָס טאָראָ האָט צו זאָגן וועגן דעם:

„פאַר אַ פילאָזאָף זענען אַלע נייעסן... פלוידעריי, און די וואָס פאַר־עפנטלעכן און לייענען זיי, זענען אַלטע ווייבער איבער זייער טיי״.

„לייענט נישט די „טיימס״ — לייענט די אייביקייט״.

„קוקט צו די רעדאַקטאָרן פון פּאָפּולערע זשורנאַלן... זיי האָבן מורא צו דרוקן אַ גאַנצע סענטענץ, אַ געזונטע סענטענץ, אַ פריי אַרויסגעזאָגטע סענטענץ״.

„אויב איך האָב צו זיין אַ טראַנזיט־פונקט, וויל איך דאָס ליבער זיין פון באַרג־טייכן, פאַרנאַס־שטראָמען, און נישט פון שטאָטישן אָפּפאַל־שטראָם („סיוער״).

*

טאָראָ איז אַ מעין המתגבר פון לויטערע געדאַנקען, אַן אָריגינעלער דענקער־פּאָעט, וועמענס געדאַנקען זענען דורכגעזאַפּט מיט אַ זעלטענעם פּאָעטישן אַראָמאַט און וועמענס בילדער און שילדערונגען האָבן אַ טיפן

רעיונדיקן אונטערטאָן. זיכער קאָן ער נישט באַטראַכט ווערן ווי אַ פילאָ־זאָף אין זין פון האָבן אַ געשלאָסענעם געדאַנק־סיסטעם. מאַנכע פון זיינע געדאַנקען זענען סתירותדיקע; אָבער די סתירות שאַפן דאָס גאַנצע בילד פון אַ מאָנומענטאַלער געשטאַלט.

ס׳שטראַלט פון אים אויס אַן אומגעווײנטלעכער חן און אַ ווילדע שיינקייט. אָט איז אַ פאַרביק־שימערירנדיקער בוקעט פון זיינע געדאַנקען און אפאָריזמען וועגן ליטעראַטור און לעבן:

„קיין שום דעפיניציע פון פּאָעזיע איז נישט צוטרעפנדיק, סיידן זי איז אַליין פּאָעזיע.״

„נישט פאַראַן אַזאַ זאַך ווי ריין־אָביעקטיווע אָבסערוואַציע. כדי צו זיין אינטערעסאַנט, ד״ה באַדייטנדיק, מוז מען זיין סוביעקטיוו.״

„מיר געדענקען... נישט, אַז... ס׳איז שטענדיק די ערשטע פּערזאָן וואָס רעדט.״

„איך וואָלט נישט באַדאַרפן צו רעדן אַזויפיל וועגן זיך זעלבסט, אויב ס׳וואָלט געווען עמיצער אַנדערש, וועמען איך וואָלט אַזוי גוט געקענט... פון מיין זייט פאָדער איך פון יעדן שרייבער... אַ פּשוטן און אויפריכטיקן באַריכט פון זיין אייגענעם לעבן...״

„צו זיין אַ פילאָזאָף איז... צו ליב האָבן חכמה... צו לעבן לויט אירע פאָדערונגען — אַ לעבן פון פּשטות, אומאָפּהענגיקייט, איידלקייט און ביטחון.״

„פאַרוואָס זאָל איך זיך פילן איינזאַם — איז נישט אונדזער פּלאַנעט אין מילכוועג?״

טאָראָ לאַכט פון די מענטשן, וואָס „פאַרווענדן די בעסטע צייט פון... לעבן פאַרדינענדיק געלט, כדי צו געניסן אַ ספּקדיקע פרייהייט אין משך פון דעם צום ווינציקסטנס ווערטפולן טייל פון דעם...״

און דער חכם פון קאָנקאָרד האָט געלעבט לויט זיין לערע; זיין לעבן איז געווען אַ לערע און זיין לערע האָט די געזונטע פּשטות פון קאָרן און אומבאַשרייבלעכן רייץ פון אַ לויטערן טראָפּן טוי אויף אַ בלימל אין פרי־מאָרגן.

י. גאָלדקאָרן

*

דאָס פּראָבלעם פון גוטס און שלעכטס — איינער פון די הויפּט־אַספּעקטן פון פילאָזאָפישער באַטראַכטונג — געהערט צו די קאָמפּלי־צירטסטע און סתירותדיקסטע ביי טאָראָ.

אייגנטלעך איז פאַראַן אין אים עפּעס פון אַ פּרע־ניטשעאַנישן איבער־מענטש: דאָס העראָישע גובר זיין די מענטשלעכע נויטן, די שוואַכע טוגנטן און רשעותן, וואָס קומען פון מענטשנס שוואַכקייט; דאָס בלינדע אונטער־וואַרפן זיך צו דעם באַפעל פון די העכערע און טיפערע קרעפטן אין און אויסער אונדז... די פאַראַכטונג פון יעדן מין אוטיליטאַריזם... דאָס פאַר־וואַנדלען זיך אין אַ לעבעדיקער בריק פאַר דער מיסטישער צוקונפט...

אָבער טאָראָס מאָראַלישע יסודות זענען געווען אָן אַן ערך פיל שטאַר־קער ווי ניטשעס.

ביי זיין גאַנצער עזאָטערישער דערוויטערונג פון די קליינע און קליינלעכעליידן און פריידן פון מענטשלעכן דאַזיין;

ביי דער גאַנצער נעגאַציע פון דער גראָשנדיקער פילאַנטראָפּיע, וואָס נעמט אַוועק מער ווי זי גיט... ביי דעם נאָכפאָלגן דעם ספּערישן בת קול פון די הויכע רעגיאָנען — איז ער אַלץ, מיט זיין לעבן און זיין וואָרט, געבליבן איינער פון די פּאַטעטישסטע נביאים פון אייביקן יושר און צדק, פון מאָראַלישער אומבאַפלעקטקייט.

טאָראָ, דער תלמיד פון רוסאָ, האָט איבערגעשטיגן זיין רבין אין דער אייגנשאַפט פון אַ כהן גדול צו דער נאַטור, צום קאָסמאָס. אין זיינע אומ־אויפהערלעכע אָבסערוואַציעס פון דער אומענדלעכער עקזיסטענץ האָט ער דערקענט די באַגרענעצטקייט פון אונדזערע באַגריפן; דעם געהיימען דואַליזם פון ליכט און פינצטערניש, פון גוטס און שלעכטס, פון געזעץ און צופאַל אַרום אונדז און איבער אונדז...

דער בלוט־באַקכאַנאַלישער טיגער און די צאַרטע גאַזעל: די מיטיש־גרויליקע שלאַנג און דאָס פערד, דער נאָבעלער אַריסטאָקראַט־האָרעפּאַש־ניק... זענען איידלקייט און גרויזאַמקייט צוויי אַספּעקטן פון אַ סודותדיקן סדר? מיריאַדן וועלטן קרייזן אין אַ גראַנדיעזן ריטם (און אפשר אויך

מיט אַ געהיימען „גראַם״ ?) מיט אַ גראַנדיעזער מאַטעמאַטישער פּרינציפּ־פינקטלעכקייט; אָבער אין דעם גרענעצלאָזן סיסטעם, אין דעם אַל־געזעץ דערשיינען דאָך אַפּווייכונגען, צוזאַמענשטויסן, אויסגליטשן זיך פון די הימלישע רעלסן — קאָסמישע „עקסידענטן״... איז אונדזער ערד אַליין אַזאַ קאָסמישער עקסידענט?

איז דאָס געזעץ — דאָס קאָסמישע — ווי די מאַטעריאַליסטן ווילן האָבן, — אַן אַספּעקט פון אַ קאָלאָסאַלן צופאַל, אָדער איז דער צופאַל — ווי טאָראָ און אַנדערע אידעאַליסטן ווילן האָבן — פּראַגמענטאַרער און עפּיזאָדישער אַספּעקט פון גאָט־געזעץ?

געטריי זיין אינטואיטיוון באַנעמען די נאַטור, — אין דער קאָנצעפּציע פון זען מיט פאַרמאַכטע אויגן, — איז טאָראָ אין זיין פאַנטעאיסטישער עבודה דערגאַנגען ביז אַקצעפּטירן ביידע אַנטיפּאָדישע ליכט און פינצ־טערניש־דערשיינונגען און געבן זיי פּלאַץ אין זיין ווערק; אין זיין לעבן איז טאָראָ געווען אַ קדוש און פאַרנעמט אַן אָרט אין גייסט־פּאַנטעאָן פון דער מענטשהייט — מיט די נאָבלסטע און עטערישסטע זינגערס און זעערס.

עס איז פיינלעך צו לייענען די שטעלן, ווו ער רעדט מיט באַגייס־טערונג וועגן קאַמף, אַפילו וועגן קריג, הגם ער גרענעצט זיך שאַרף אָפּ פון מלחמה ווי זי ווערט פּראַקטיצירט ביי די פעלקער; און דאָס ווערט ביי אים פאַרוואַנדלט אין עפּעס אַ מיסטיש־העראָישן קולט פון קאַמף פאַר יחידישן און מין־אויסדויער.

אָט דעם סתירותדיקן מאָמענט אין טאָראָס שריפטן האָט טעאָדאָר דרייזער צופיל אַקצענטירט און איבערבאַטאָנט.

ווי נייטראַליזירט, און אפילו פאַקטיש אַנולירט, ווערן די סתירותדיקע שטעלן דורך דער קאָנפראָנטאַציע מיט זיין לעבן און זיין שרייבערישער טעטיקייט (פּלאַמיקע שריפטן קעגן שקלאַפעריי, און זיינע מאָראַלישע מאַקסימעס, וואָס האָבן דעם נביאישן שווונג פון אַ בודאַ, ישעיה און קאָנ־פוציוס!).

נאָך מער: אין איינעם פון זיינע ווערק, „אַ פאַרטיידיקונג פון קאַפּיטאַן דזשאָן בראַון״, זעט מען בולט וואָס פאַר אַ מין „מלחמה״ ער פאַרטיידיקט און וועלכע מיליטאַריסטן ער גלאָריפיצירט. (דזשאָן בראַון איז געווען

אַ זעלטענע העלדישע פּערזענלעכקייט, וואָס האָט מיט אַ געקליבענער עליטע — זיינע זין און נאָענטע מענטשן — געפירט אַ פּאַרטיזאַנישן קאַמף מיט די פאַרשקלאַפערס פון די נעגערס. די עבדא פון קאַפּיטאַן בראַון און זיין גרופּע איז געווען צו באַפרייען אויף אייגענער האַנט — און מיט געווער אין דער האַנט — די שוואַרצע שקלאַפן פון זייערע טונקעלע פאַר־שקלאַפערס. דאָס איז געווען אַ זעלטענע עפּאָפּייע פון פּערזענלעכער העלדישקייט, געהייליקט און באַלויכטן פון אַ הומאַניסטישן אידעאַל. די שקלאַפן־באַזיצער איז סוף כל סוף געלונגען צו כאַפּן דעם העלד מיט זיינע זין און אים פאַרמשפּטן צום טויט אויף דער תליה.) אָט אַזעלכע „קריגס"־העלדן, ווי קאַפּיטאַן בראַון, האָט טאַראַ באַזינגען...

אין טאַראַס געניאַלער פּערזענלעכקייט האָבן זיך פאַראייניקט מאָראַ־לישע פּערפעקציע, אינטעלעקטועלע טיפקייט און וויזיאָנערישער שווונג. און דאָס אַלץ האָט אַרויסגעשטראַלט אין וועלטרוים מיט מאַגנעטישע כוואַליעס פון זיין לייכטנדיק לעבן און זיין גראַציעזן באַפליגלטן וואָרט...

פראנצויזישע
ליטעראטור

מישעל מאָנטען

(1533 — 1592)

מאָנטען ווערט אַלגעמיין אָנערקענט אַלס דער פאָטער פון עסיי. דאָס איז נאָך פּראָבלעמאַטיש, אויף וויפל ס'זענען שוין אין אַלטערטום געשריבן געוואָרן אַזעלכע עסייען ווי די ווערק פון פּלוטאַרך, סענעקאַ און אַנדערע. זיכער איז אָבער אַז מען קאָן מאָנטען אָנרופן דעם שעפער פון דער ליטעראַרישער באַצייכענונג. עסיי אין פראַנצויזיש באַדייט: אַ פּרווו, אַ שטודיע. אונטער דעם נאָמען האָט ער, אין יאָר 1580, פאַר־עפנטלעכט זיינע שריפטן, — אַ נאָמען וואָס איז פאַרבליבן ווי אַ שם התואר פאַר אַ גאַנצן זשאַנער אין דער וועלט־ליטעראַטור.

מאָנטענס עסייען זענען געבליבן מוסטער־ווערק פון דעם זשאַנער, צוליב אַ ריי כאַראַקטעריסטישע מעלות, וואָס האָבן זיין ווערק געגעבן דעם רום פון אַ שלימותדיקן שעדעווער. קודם כל איז אין די עסייען פאַראַן אַ ספּעציפישע אַטמאָספערע פון געמיטלעכקייט, ווי אין אַ וואָרע־מער, געדעמפט ליכטיקער און מיט געשמאַק איינגעאָרדנטער שטוב, אינמיטן אַ שטורעמדיקן דרויסן... דער לייענער ווערט גלייך אָנגעהויכט פון אָט דער זעלטענער געמיטלעכקייט פון דעם גאַסטגעבער און זיין סביבה. פסיכאָלאָגישע וואָרהאַפטיקייט פון זעלבסט־אַנאַליז. דער מחבר נעמט זיך אַליין אַלס מעדיום פאַר זיין שאַרפער מענטש־פאָרשערישקייט, און מיר באַקומען אַן אינטראָספּעקטיוון מענטש־פּאָרטרעט פון אומפאַר־גלייכלעכע ליניעס און קאָנטורן. ער באַווייזט די קונסט פון רעדן טיף און ערנסט אין אַ לייכטן — אָפט לייכטזיניקן — טאָן וועגן די סאַמע ערנסטע ענינים פון מענטש און וועלט. העראַקליטס טעזע: „אַלץ פליסט" —

האָט אין די עסייען באַקומען אַ ווונדערבאַרע קינסטלערישע געשטאַל־טיקונג, וואָס איז איינציקאַרטיק אין דער גאַנצער עסייאיסטישער ליטע־ראַטור. מיט זיין אויסערגעוויינטלעכער זעלבסט־קענטשאַפט, וואָס איז נאָך אונטערגעשטראָכן מיט צאָללאָזע ביישפּילן פון דער ליטעראַטור און געשיכטע, — און מאַנטען איז געווען אַ קאַפּאַציטעט פון ערודיציע, — באַווייזט ער די טעותים פון די וואָס גלויבן צו האָבן געפונען אַ באַשטימטן יסוד פאַר אונדזערע מעשים. מחשבות — פון אונדזער גאַנץ וועזן. אַ ווונדערבאַרער אַנטיק־פילאָזאָפישער שמייכל שימערירט ווי אַ פאַר־ביקער רעגנבויגן איבער זיין האָריזאָנט. ער איז סקעפּטיש צו דאָגמעס, גלויבן, אָבער ער גלייבט נישט אין סקעפּסיס... ער אָנערקענט נישט די לאָגיק פון דאָגמע און נישט די דאָגמע פון לאָגיק... זיין באַרימטע לאָזונג „וואָס ווייס איך?״ — איז נישט די פלאַכע קאַפּיטולאַנטישע סקעפּסיס וואָס דעזערטירט פון די גייסט־פראָנטן; פאַרקערט, אַ קרעאַטיווע, אָנרעגנדיקע קראַפט, וואָס נעמט אַוועק די פאַראורטייל־בעלמע פון אונדזער בליק און צענעמט דאָס אילוזיע־בריקל איבערן תהום, באַווייזנ־דיק ווי אַלץ איז גרונדלאָז און גרונטלאָז... „מיר גייען נישט, מיר ווערן געשלעפּט ווי זאַכן וואָס שווימען... נישטאָ קיין שום סטאַבילע עקזיס־טענץ — נישט פון אונדזער וועזן און נישט פון די אָביעקטן; און מיר, און אונדזער אורטייל, און אַלע שטערבלעכע זאַכן פליסן און דרייען זיך אומאויפהערלעך; אַזוי, אַז ס׳קאָן נישט גרונטפעסטיקן קיין שום זיכערעס פון ערשטן און אַנדערן, ווייל דער באַאורטיילער און דאָס באַאורטיילטע זענען אין דויערנדיקער באַוועגונג אין שווונג״. דאָס זענען מאָנטענס סטאַבילע סענטענצן וועגן דער אומסטאַבילקייט פון מענטש און וועלט. אין די עסייען איז דאָ אַ שמץ פון ביבלישער פשטות און געפּרעסטקייט פון געדאַנק און בילד. עלעמענטאַרע אמתן און סובטעל־אַנאַליטישע אַקסיאָמעס וועגן אונדז סוגערירט מיט אַ שפּראַך־שטראָם וואָס ווירקט ווי נאַטור־עלעמענטן...

אַ טיפער גייסט און כאַראַקטעררייכער מענטש האָט — מיט דער אָביעקטיוויטעט פון אַ וויסנשאַפטלער, מיטן מוט פון אַ פאָרשער און מיט דער חכמה פון אַן אָריגינאַל־נאָוואַטאָר — געבליקט, גענישטערט

אין אַלע ווינקעלעך פון אינדיווידועלן און אוניווערסאַלן; און אָט דעם סך־הכל פון זוכענישן־דערגרייכונגען האָט ער אונדז קאָנדענסירט אין זיין איינציקאַרטיקן סטיל. די געניאַלע נאַיוויטעט פון אַן אור־פילאָזאָף און די ראַפינירטקייט פון דער גערעמפּטער עלעגאַנץ; די פּשוטע מעטאַ־פאָר, אָן דעם אויפפלאַקער פון ענטוזיאַזם, אָבער אין דער סאָלידער טעמפּעראַטור פון אַ גייסטיקער צענטראַל־באַהייצונג... און ווי אַלץ איז אין דעם סטיל האַרמאָניש, ווי דורכגעזאַפּטיקט מיט אַן אומפאַרגלייכלעכן הומאָר — אָט דער כישופדיקער סובסטאַנץ, וואָס גיט דעם וואָרט זיין מאַגנעטישע קראַפט... ער אַנטפּלעקט אונדז אונדזערע טעותים, אָבער־גלויבנס, איינבילדונגען און תוך־לאָזע מיינונגען — ער אַנטפּלעקט אונדז דעם אָפּגרונט, אינערלעך און אויסערלעך. ער פירט אונדז אויפן ראַנד פון ספיקות — כאַאָס, אויף זיינע דערפאַרונגען, וואָס זענען באַלויכטן מיט דער שיין פון וואָר.

ווען מען פאָלגט־נאָך די שורות פון זיינע עסייען, זעט מען ממש דעם אידייען־בראשית פון גרויסע פילאָזאָפן און נשמה־פאָרשערס — פון אַ קאַנט, פרויד, און אַנדערע. אָבער ווי אַפאָריסטיש, עסענץ־שאַרף, היימיש־נאָענט זענען אונדז די מחשבות און בילדער פון דעם עסייען־מייסטער, אין פאַרגלייך מיט די אַנטדעקונגען פון אַנדערע, וואָס האָבן זיך אַליין פאַרבלאָנדזשעט אין זייערע סיסטעם־וועלדער און פאַרפלאָנ־טערט דעם קנויל וואָס זיי האָבן זיך באַמיט — און אָנגעהויבן — אויפ־צופלאָנטערן...

מאָנטענס וואָרט איז פאַר אונדזער גייסט סיי ברויט, סיי געווירצן — עס איז געשמאַק, אומבאַדינגט און זעטיקט; עס איז פיקאַנט־אָנרעגנ־דיק און העלפט אונדז אינטעלעקטועל פאַרדייען...

פראַנסואַ לאַראָשפוקאָ

(1613 — 1680)

דער מענטש ביי אים איז אַ רייצנדיק שיינער עפּל — אינעווייניק טאָטשעט אַ וואָרעם...

דאָס האָפענונגסלאָזע אין דער מענטשלעכער נאַטור באַשטייט, לויט אים, נישט אַזוי אין דער נטיה צום שלעכטן, ווי אין דער טענדענץ, אַלץ איינצוהילן אין אַ מאַנטל פון הייליקייט.

זיין שאַרפער אויסשפּירונגס־חוש, וואָס האָט „פאַרפאַלגט" די שפּורן פון יעדער האַנדלונג, האָט אים געפירט צו דער אַנטפּלעקונג פון די צוויי באַהאַלטענע „פאַרברעכערס" — די אייגנליבע און די אייטלקייט.

לאַראָשפוקאָ איז — נאָך פאַר מאָליערן — דער „מחבר" פון דער טראַגי־קאָמעדיע; „דער היפּאָקריט". — דער אוניווערסאַלער טיפּ איז שעדלעך און שענדלעך, ווייל אַחוץ זיינע מיטמענטשן, באַשווינדלט און גענאַרט ער אויך זיך אַליין... דער מענטש־צבועק איז דער „פּרייער", דער „יאָלד" („dupe") פון זיין אייגענער צביעות און קליינלעכער כיט־רעקייט...

מען האָט טענות צום מחבר פון די „מאַקסימעס", אַז ער פירט צו יאוש און פאַראַכטונג פון מין האנושי בכלל (לויט סענט־בעווס טרעפלעכן זאָג, אַז „די וואָס וואָס ווילנען אויפן אויבערשטן עטאַזש פון דער אייגנליבע, האָבן אים נישט מוחל געווען וואָס ער האָט געוויזן דעם געהיימען גאַנג, וואָס פירט צום פאַרטער").

אָבער לאַראָשפוקאָ, אַלס מאָראַליסט, איז געגליכן צו יענעם דאָקטאָר, וואָס שטעלט דעם ריכטיקן דיאַגנאָז ביים פּאַציענט, נישט פאַרשרייבנדיק קיין רעצעפּט. מען קאָן אים דאָס פאַרוואַרפן; אָבער מען דאַרף נעמען אין באַטראַכט, אַז פאַרן חולה איז נאָך אַלץ בעסער אַ ריכטיקער דיאַגנאָז אָן רעצעפּטן, ווי פאַרשידענע רפואות פון מאָראַל־דאָקטוירים, וואָס

זענען זיך טועה ביים פעסטשטעלן די קראַנקהייט, אָדער באַטראַכטן דעם קראַנקן ווי געזונט.

דער טיפער זין און מוסר השכל פון לאַראָשפוקאָס מאַראַל באַשטייט אין דעם, וואָס זי ווענדט דעם מענטשנס בליק צו זיך און אין זיך; זי רופט אים צו כסדרדיקער וואַכזאַמקייט און חשד צו די אייגענע האַנד־לונגען און מחשבות. דער מענטש וואָס אַבסאָרבירט אין זיך די פּרעוועג־טיווע מאָראַל פון זיינע „סענטענצן", האָט שטענדיק פאַר די אויגן אַ וואָרנענדיקע אויפשריפט, ווי אין די וואַרט־זאַלן פון עפּנטלעכע אינסטיטוציעס: „היט זיך פאַר גנבים!..."

דער ריקזיכטלאָזער נשמה־פאָרשער האָט אונדז געוויזן די מענטש־לעכע מענטאַליטעט ווי אַ בינע, אויף וועלכער ס'שפּילט זיך אָפּ דער גרויסער קווי־פּראָ־קוואָ־פּאַרס פון טריב און אינטעלעקט. אַנשטאָט דעם שכל פון דער ליידנשאַפט, וואָס פאַרטונקלט די קלאָרסטע מוחות, דער־וועקט ער אין אונדז די ליידנשאַפטן פון שכל.

דער אַפאָריזם בכלל, און לאַראָשפוקאָס בפרט, איז אַ שאַרפע פייל פון גייסט, אָנגעשפּאַנט אויף קאָנצענטרירונג און אָבסערוואַציע קאַפּאַ־ציטעט. די טרעפלעכקייט פון אָט דער פייל איז זעלטן פעלבאַר. זי טרעפט אין האַרץ פון שונא — דעם פאַרפירערישן שקר.

דער מהות פון יעדער מאַראַל באַשטייט נישט אַזוי אין אויסבעסערן דעם מענטשנס אינסטינקטן און נטיות, — וואָס איז אַ גאַנץ שווערע אויפ־גאַבע, — ווי אין צעטיילן דעם מענטשן אין אַ האַנדלענדיקן און אָבסער־ווירנדיקן וועזן. דער אָבסערוואַטאָר — אומפּאַרטייאיש און אומאַפעק־טירט — ווערט אַ באַטירלעכער „האַמולעץ" קעגן אונדזערע ליידנשאַפטן, און זאָרגט דערפאַר, אַז אונדזערע האַנדלונגען זאָלן זיך נישט פאַרוואַנד־לען אין עקסצעסן.

צו איינעם פון די אויסגעפּרובירטסטע מיטלען פון מענטאַלער היגיענע געהער דאָס עלימינירן די גאווה פון אונדזערע געפילן־דיעטע. אין דער הינזיכט זענען די „מאַקסימעס" אַ קלאַסיש בוך פון דער גייסט־מעדיצין. ס'זענען דאָרט פאַראַן אַזעלכע אַפאָריזמען:

„דער אמתדיק אָרנטלעכער מענטש רעדט זיך גאָרנישט איין".
„דער רום פון גרויסע מענטשן דאַרף געמאָסטן ווערן לויט די מיט־לען, מיט וועלכע זיי האָבן אים דערגרייכט".

אויב אונדזער וויסן באַשטייט הויפּטזעכלעך אין דעם וויסן, וויפל מיר ווייסן נישט, און אונדזער „רייכטום" — אין וויסן ווי אָרעם מיר זענען, — איז אונדזער געזונט — אין וויסן, ווי קראַנק מיר זענען...

בלעז פּאַסקאַל

(1623—1662)

בלעז פּאסקאל איז אייגנארטיק ווי אַ גרויסער וויסנשאפטלער וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע ערדישע ענינים, איבערגעריסן מיט זיינע גרונטלייגנדיקע פאָרשונגען און זיך געווידמעט אויסשליסלעך צו נשמה־דיקע וויסנשאַפטן: רעליגיע, מאָראַל, פילאָזאָפיע.

נאָך נישט קיין 20 יאָר אַלט, איז שוין פּאַסקאַל געווען באַקאַנט ווי אַן אָנגעזעענער מאַטעמאַטיקער און פיזיקער; צו 30 יאָר — דעם ווענד־פונקט פון זיין לעבן — האָט ער שוין געהאַט הינטער זיך אַ ריי ווערק און אַנטדעקונגען אין מאַטעמאַטיק און מעכאַניק, וואָס האָבן געשטעלט זיין נאָמען צווישן דער וועלטס גרויסע וויסנשאפטלער־דערפינדערס.

צו 30 יאָר האָט פּאסקאַל איבערגעריסן מיט דער מאַטעמאַטיק און זיך גענומען צו דער „העכערער מאַטעמאַטיק" — מה למעלה ומה למטה... און דאָ, אין די העכערע רעגיאָנען פון מענטשלעכן פאָרשן, האָט ער מיט זיין דרייסטן פלי, אַנטפּלעקט אַ סך נייע האָריזאָנטן און אויך — אַ נייעם פּאַסקאַל: אַ דענקער־פּסיכאָלאָג, קינסטלער און טראַ־גיש־דערהויבענע פּערזענלעכקייט.

זיינע ביידע מאָראַליש־פילאָזאָפישע הויפּט־ווערק, „די פּראָווינצער בריוו" און „געדאַנקען", וועלכע ווערן באַטראַכט ווי מייסטערווערק פון

טיפן פילאָזאָפישן געדאנק און קינסטלערישער פאָרם — האָבן זיין נאָמען אומשטערבלעך געמאכט אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור.

*

פאַסקאַל געהערט צו דער לייכטנדיקער פראַנצויזישער קאָנסטעלאַציע פון קינסטלער־עסייאיסטן, ווי מאָנטען, לאַראָשפוקאָ, לאַבריער, וועלכע האָבן געשאַפן אַ נייעם ליטעראַרישן זשאַנער, וואָס קאָן צומבעסטן באַצייכנט ווערן מיט לאַראשפוקאָס אַפאָריזם — אין פאַראַפראַזירטער פאָרם: „פונקט ווי ס'איז דער שטייגער פון קליינע גייסטער צו רעדן אַ סך און צו זאָגן ווייניק, אַזוי איז דער דרך פון גרויסע גייסטער צו רעדן ווייניק און זאָגן אַ סך"...

דער סטיל פון די אויבנדערמאָנטע מייסטערס (מיטן אָפטן אויסנאַם פון מאָנטען) איז קורץ, דעפיניטיוו: פאַראַגראַפן פון עטלעכע שורות וואָס פאָרמירן געדאַנקען, דערקענטענישן און באַטראַכטונגען. יעדער איינער פון זיי האָט אַ ספּעציפישן רייץ און אייגנאַרט; און זייער כאַראַק־טעריסטישע אייגנשאַפט איז דער שאַרף גלענצנדיקער זאַץ, וואָס לייכט און שניידט ווי אַ דימענט...

מאָנטען, דער באַרעדעוודיקסטער פון אַלע, האָט אינגאַנצן געשאַפן איין ווערק אין דריי טיילן: „עסייען".

ער שפּיגלט זיך אין זיך, און אויך דעם שפּיגל פּרוּווט ער אָפּשפּיג־לען... פאַראַן ביי אים אַ זוניקע מתיקות פון באַלייכטן, וואָס וואַרעמט דעם לייענער.

און ביי זיין גאַנצן אומענדלעכן סקעפּטיציזם איז ביי אים פאַראַן עפּעס פון אַ פעלדז אויפן ברעג פון אַ שטורעמדיקן ים.

לאַראָשפוקאָ איז אַ בייזער חכם, וואָס רייסט אַרונטער אַלע פּסיכאָ־לאָגישע פּרוכתן פון קאָנווענציאָנעלע הייליקייטן און אַנטדעקט אינעם מענטשן אַ וויסטן חלל.

לאַבריער, דער מייסטער־סקולפּטאָר, האָט מיט וווּנדערלעכער פּרע־ציזקייט אויסציזעלירט זיינע „כאַראַקטערן". ער האָט אין קורצע שאַרפע שטריכן כאַראַקטעריזירט פיל טיפּן פון זיין צייט און סביבה. און מיט זיין

פּיקאַנטן סטיל, צוגעווירצט מיט קאָנצענטרירטן סאַרקאַזם און קינסט־לערישער קאַריקאַטור אַלאַ אָנאָרע דאָמיע, בלייבט ער אַ קלאַסיקער ווי אַ ליטעראַרישער פּאָרטרעטיסט.

פּאַסקאַל, וואָס פּאַרמאָגט, ווי זיינע פּאָרגייערס און מיטצייטלער, פילאָזאָפישע טיפקייט, פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז און פאָרם־מייסטערשאַפט, האָט אויך נאָך דעם שטריך פון עמאָציאָנעלן שווונג, וואָס גיט זיין וואָרט און פּראָזע אַ באַזונדערע דימענסיע.

פּאַסקאַלס גאַנצער מהות איז טאַקע אָן אינטערעסאַנטער געמיש פון צוויי הויפּט־אייגנשאַפטן — אומפּאַרגלייכלעכע אַנאַליטיק און תהום־טיפע עמאָציאָנעלישקייט.

אַ גרויסער געאָמעטער און אַ גרויסער קינסטלער האָבן זיך אין אים פאַרייניקט, זעליש צוזאַמענגעשמעלצט.

און דער רעליגיעז־נזירישער לעבנס־שטייגער, וואָס ער האָט געפירט די לעצטע 9 יאָר פון זיין לעבן, האָט געגעבן דעם לעצטן כאַראַקטער־שטריך פון אָט דער זעלטענער פּערזענלעכקייט.

אָנהויבנדיק פון זיין 30טן לעבנס־יאָר, האָט פּאַסקאַל פאַרוואָרפן נישט בלויז די וועלטלעכע פאָרשונג, נאָר אויך דעם וועלטלעכן שטאַנד: ער האָט געפירט דאָס לעבן פון אַ נזיר, וווינענדיק בשכנות פון דעם באַרימטן קלויסטער „פּאָרט־ראָיאַל" — אַ פעסטונג פון דער דאַן טעטיקער קאַטוילישער סעקטע „זשאַנסעניסטן". זיין ערשט גרויס ווערק, די „פּראָווינצער בריוו", איז געווען אַ פּאָלעמיש ווערק, אַפּאָלאָגעטיש פאַר דער זשאַנסעניסטן־סעקטע און זייערע טעזעס, און שאַרף קריטיקירנדיק זייערע קעגנער — די יעזואיטן.

איז די אייגנטלעכע צענטראַל־טעמע פון בוך — דער וויכוח פון צוויי קאַטוילישע סעקטעס אַרום די פּרטים פון זייערע גלויבנס־דאָגמעס — איצט, אַפילו אין קאַטוילישן פראַנקרייך אַ פאַרשטויבטער ענין צו וועלכן קיינער רירט זיך נישט צו. אָבער די אויסגעצייכנטע ליטעראַ־רישע קוואַליטעטן פון פּאַסקאַלס סטיל, האָבן דאָס בוך דערהאַלטן פריש ביזן היינטיקן טאָג — אַ דאַנק זיין סודותדיקער ליטעראַרישער באַלזאַ־מירונגס־קונסט.

אין די „בריוו" האָט זיך פּאַסקאַל אַרויסגעוויזן ווי איינער פון די גרעסטע וואָרט־דועלאַנטן, וואָס בלענדט און באַזיגט מיט שאַרפער דיאַלעקטיק, דינער איראָניע און גלענצנדיקן סטיל.

אָבער די וויכטיקסטע ליטעראַרישע ירושה האָט פּאַסקאַל איבערגעלאָזן אין דער פאָרם פון זיינע „געדאַנקען", וואָס זענען דערשינען ערשט נאָך זיין טויט.

די „געדאנקען", וועלכע האָבן געזאָלט זיין אן אפּאָלאָגיע פון קריסטנטום, זענען איבערגעריסן געוואָרן מיטן מחברס פריציייטיקן טויט. און הגם בלויז אַ רייע סקיצן, ווערן זיי גערעכנט פאַר זיין קרוינווערק. מיט זיי האָט דאָס דער מחבר געוואָלט אויפשטעלן די געביידע פון גלויבן, פון דער קריסטלעכער אמונה. און, ווי פאר יעדן גרויסן בנין, האָט דער אַרכיטעקט געלאָזט אויסגראָבן אַ טיפן חלל פאַרן „פונדאמענט": ער האָט טיף געגראָבן אין מענטשן גופא, אויסגעהוילט אים — און ערשט דאָ געפּרוווט צעמענטירן דעם פעסטן פונדאַמענט פון זיין גלויבן.

און דער בנין איז געבליבן נישט פאַרענדיקט.

און אויך דער פונדאַמענט איז בלויז אַזעלכער נאָר פאַר די וואָס גלויבן אין „אותו האיש", אַז ער איז געווען גאָט וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מענטש. אָבער דער פלאַץ פאַרן פונדאַמענט איז גרויסאַרטיק און טיף אַפילו פאַר די, וואָס האַלטן, אַז ער איז געווען אַ מענטש וועמען מען האָט געמאַכט פאַר אַ גאָט...

פּאַסקאַלס כוח באַשטייט אין טיפן גרונטעווען אין די פּלאָנטערנישן פון דער מענטשלעכער נשמה. ער פאַרמאָגט אויך דעם קורצן, בליציקן אויסדרוק, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט תהומישער עמאָציע, ספּאָנטאַנישקייט און וויזיע.

ער איז געווען פאַרצווייפלט פון צווייפלען, זעענדיק העל דעם מענטש שפּאַנענדיק אויף דער קורצער צייט־בריק צווישן צוויי אומענדלעכקייטן; ער האָט זיך, ווי אַ טרינקענדיקער, אָנגעכאַפּט אין שאָטן פונעם קרייץ...

ווען ער טראַכט זיך אַריין אין די אַספּעקטן און סיבות פון דער

מענטשלעכער גייסטיקער נויט, זעט ער דעם טראַגישן דואַליזם פון זיין נאַטור:

„זיי האָבן אַ געהיימען אינסטינקט וואָס פירט זיי... צו צעשטרייונג און באַשעפטיקונג אויסער דער היים, וואָס קומט פון ווידערגעפיל צו זייער דויערנדיקן עלנט; און אַ צווייטן געהיימען אינסטינקט... אַז... גליק איז נאָר אין רו און נישט אין רויש. און פון די צוויי... פאַרמירט זיך ביי זיי אַ כאַאָטישער פּלאַן... פאַרבאָרגן אין די טיפענישן פון זייערע נשמות, וואָס באַוועגט זיי צו שטרעבן נאָך רו דורך באַוועגונג און אין פאַרשטעלן זיך... אַז די צופרידנקייט וועלן זיי דערגרייכן דורך איבערקומען געוויסע שוועריקייטן... עפענענדיק דורך דעם די טיר צו רו.

„אַזוי אַרום פאַרגייט דאָס לעבן. מען זוכט רו באַקעמפנדיק מאַנכע מניעות. און ווען מען איז זיי גובר, ווערט די רו אומדערטרעגלעך; ווייל אָדער מ׳טראַכט וועגן די נויטן וואָס מען האָט, אָדער וועגן די וועלכע באַדראָען אונדז. און ווען מען געפינט זיך אַפילו שוין גענוג געזיכערט... וועט די לאַנגווייל... אַרויסגיין פון האַרץ... ווו זי האָט נאַטירלעכע וואָרצ־לען און אָנפילן דעם גייסט מיט איר גיפט.

„דער מענטש איז דעריבער אַזוי אומגליקלעך, אַז ער וועט זיך לאַנגווייליקן אַפילו אָן שום סיבה פאַר לאַנגווייל — דורך דעם פשוטן צושטאַנד פון זיין נאַטור; און... אַזוי אייטל, אַז דיענדיק פול מיט טויזנט סיבות פאַר לאַנגווייל, וועט די קלענסטע זאַך, ווי אַ ביליאַרד אָדער אַ באַל וואָס ער שטויסט, — גענוגן כדי אים צו צעשטרייען.

די אור־סיבה פון די אַלע פאַרפלאָנטערטע סיטואַציעס און פאַרכי־שופטן קרייז פון די סיבות־רעזולטאַטן זעט פּאַסקאַל, אויף זיין טיפזיניקן אופן, אין דעם:

„...נאַטירלעכן אומגליק פון אונדזער שוואַכן אופן וואָס איז אַזוי עלנט אַז גאָרנישט קאָן אונדז טרייסטן ווען מיר דענקען דערפון פון דער נאָענט״.

פּאַסקאַל, דער מאַטעמאַטיקער־פילאָזאָף, געפינט שטאַרקע אויפ־טרייסלענדיקע באַצייכענונגען פאַר גאָר דעם מענטשלעכן עלנט אינעם גרויסן כף הקלע וואָס עס שטעלט מיט זיך פאַר דער אַזוי גערופענער

אוניווערז. קודם באַווייזט ער די באַגרענעצטקייט פון גאָר דער מענטש־לעכער פאַרנונפט, וואָס קאָן נישט תופס זיין סיי די אומענדלעכקייט אינעם וועלט־אַל און סיי די אומענדלעכקייט אין דעם קלענסטן אַטאָם. ער ווייזט אָן אַז דער קלענסטער אבסטראַקט געטיילטער אַטאָם מוז דאָך אויך געטיילט ווערן אין דער אומענדלעכקייט, ווייל מען קאָן דאָך נישט „פון 2 זעראָס שאַפן אַ סומע״; וכדומה. ער ווייזט אָן אויף דער קרענק־לעכער נטיה פונעם מענטשן „צו גלויבן, אַז ער באַזיצט דעם אמת אויף אַ דירעקטן אופן״, און אַז דער מענטש איז „שטענדיק גענייגט צו נעגירן אַלץ וואָס איז אים אומפאַרשטענדלעך״. ער באַטאָנט אַז דער לעצטער טריט פון דער וויסנשאַפט איז צו אָנערקענען, אַז עס זענען פאַראַן אָן אומענדלעכקייט פון זאַכן, וועלכע זי קאָן נישט משיג זיין; און אויב די נאַטירלעכע ענינים איבערשטייגן איר השגה, וואָס זאָל מען נאָך זאָגן פון די איבערנאַטירלעכע?

און דער וווּנדערלעכער דיאַלעקטיקער אַרגומענטירט:

„...וואָס איז דען דער מענטש אין דער נאַטור? אַ גאָרנישט לגבי דער אומענדלעכקייט און אָן אַל אין באַציאונג צום גאָרנישט, אַ מיט צווישן גאָרנישט און אַל. אומענדלעך דערווייטערט פון פאַרשטיין... איז דער סוף פון די זאַכן און זייערע פּרינציפּן פאַר אים פאַרבאָרגן... גלייכ־צייטיק אומפעיק צו זען דעם נישטזיין, פון וואַנען ער קומט, און די אומענדלעכקייט, אין וועלכער ער ווערט פאַרשלונגען״.

„אַלע זאַכן זענען אַנטשטאַנען פון גאָרנישט, געטראָגן ביז אומענד־לעכקייט... דער שעפער פון די זאַכן פאַרשטייט זיי״...

אינטערעסאַנט זענען פאַסקאַלס אומברחמנותדיקע אַנטדעקונגען וועגן דער מענטשלעכער אייטלקייט:

„די אייטלקייט איז אַזוי פאַרוואָרצלט אין מענטשלעכן האַרץ, אַז אַ סאָלדאַט... אַ קוכער, אַ טרעגער, רימט זיך און וויל האָבן באַווונ־דערער... און די וואָס שרייבן קעגן (דער אייטלקייט) ווילן האָבן דעם רום פון גוט געשריבן... און איך, וואָס שרייב דאָס, האָב אפשר די זעלבע תשוקה״...

אַ סך מאָל דערגייט פאַסקאַל אין זיין פּסיכאָלאָגישן באַשולדיקונגס־

אַקט צו בפירושע איבערטרייבונגען, וואָס וואָלטן אפשר געווען צופיל אַפילו פאַר אַזאַ ביטערן נשמה־פראָקוראָר, ווי לאַראָשפוקאָ:

„נייגיר איז נישט מער ווי אײטלקייט. מערסטנטייל וויל מען נאָר וויסן, כדי דערפון צו רעדן"...

אָדער:

„...מיר פאַרלירן נאָך דאָס לעבן מיט פרייד, אַבי נאָר מען זאָל דערפון רעדן".

אין זיין אומפאַרגלייכלעכער אַנאַליטישער פאַסיע רירט זיך פאַסקאַל אפילו צו צום סאַנקטואַריום פון דער מענטשלעכער טואונג: די דערהויבענע מעשים פון די הצנע לכת, פון דער איידלקייט וואָס ווערט געטאָן פאַרבאָרגן, כדי קיין בייז רעקלאַמע־אויג זאָל דערויף נישט שולט זיין...

„די באַהאַלטענע מעשים טובים זענען די צום מערסטן ערנהאַפטע אָבער סוף כל סוף זענען זיי נישט געווען אינגאַנצן באַהאַלטן, ווייל מ'האָט וועגן זיי געוווּסט... דאָס שענסטע אין זיי איז וואָס מען האָט זיי געוואָלט באַהאַלטן".

ס'איז אינטערעסאַנט, אַז פאַסקאַל אַליין איז, אין זיינע לעצטע יאָרן, געווען אַ מין „פאַרבאָרגענער צדיק". נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס ער איז געווען אַ גרויסער בעל יסורים, האָט ער נאָך, ווי אַ צולאָג געטראָגן אויף זיך אַ פייניקונג־אינסטרומענט — אַן אייזערנעם רימען מיט שאַרפע שפּיצן.

ווי עס גיט איבער זיין ביאָגראַף, פלעגט ער בעת געשפּרעכן, מורא האָבנדיק פאַר הנאה־האָבן פון אַרויסגעזאָגטע שיינע געדאַנקען, זיך שטויסן מיטן עלנבויגן אויפן גאַרטל...

פאַסקאַלס צויבער באַשטייט אין אויסדריקן עמפּינדונגען, אויף־טרייסלענדיקע אין זייער אָפּגרונטיקער טיף:

„...מען וועט שטאַרבן אַליין, מען דאַרף דעריבער האַנדלען, ווי מען וואָלט געווען אַליין".

און אַלע זיינע באַפליגלטע אַפאָריזמען, האָבן אין זיך אַן אייגנטימלעכן מאַגישן רייץ:

„דאָס אייביקע שווייגן פון די דאָזיקע אומענדלעכע שטחים פּילט מיך אָן מיט שרעק״ (וועגן מענטש און אוניווערז). „דער איך איז ווערט געהאַסט צו ווערן״ (וועגן עגאָאיזם); „דאָס האַרץ האָט זיינע גרונדן, וואָס דער שכל קען נישט״ (וועגן געפיל און אמונה); „ווען קלעאָפּאַטראַס נאָז וואָלט געווען קירצער, וואָלט דאָס פּנים פון דער ערד געווען געענדערט״.

*

פּאַסקאַל איז געווען אַ גרויסער מאמין, אָבער אויך אַ גרויסער צווייפלער. קאָן זיין אַז וואָס גרעסער דער צווייפל, אַלץ גרעסער מוז זיי די „דאָזע״ אמונה ביי אַ רעליגיעז־געגויגטער נאַטור. און: ווי מיר האָבן דאָס פריער באמערקט: ער האָט געצווייפלט און פאַרצווייפלט. און טרינקנדיק זיך אינעם „מאַרע טענעבראַרום״, זיך אָנגעכאַפּט אין שאָטן פונעם צלם.

און אין פּאָזיטיוון גלויבן איז, דאַכט זיך, די שוואַכערע זייט פון דער פּאַסקאַלישער פילאָזאָפיע — הגם נישט פון זיין פּערזענלעכקייט. פאַר די וואָס גלויבן, זענען באַווייזן איבעריק... און אויך פאַר די וואָס גלויבן נישט זענען באַווייזן איבעריק... דער איינציקער באַוויז איז — די אומבאַווייזבאַרקייט און דאָס האָט דער גרויסער זוכער טאַקע באַוויזן. און דאָס פאָדערן באַווייזן איז דער שוואַכער פונקט פון ראַציאָנאַליסטישן וואָלטעריאַניזם.

פּאַסקאַל איז געווען דער געאָמעטער פון די פינצטערע קאָסמישע מרחקים. אַ מיסטעריעזער ציטער שטראָמט פון זיין וואָרט. זיין איידל געהער האָט פאַרנומען דאָס „אייביקע שטילשווייגן״ פון דער סודותפולער אומוועלט.

ער, דער געניאַלער רעכענער, וועגער און מעסטער, האָט מיט זיין רעזיגנירן פון דער וויסנשאַפט, אויף אַ ביישפּיללאָזן אופן דעמאָנסטרירט די האָפענונגסלאָזיקייט פון דערגרייכן דורך דעם וועג די העכסטע און טיפ־סטע סיבות: ער האָט דערוויזן, אַז די רעאַליטעט — פון אַ זעמדל ביז שטערן־קאָנסטעלאַציעס, און אַלע זאַכן — זענען נאָר אַ רמזים־שריפט,

אונטער וועלכע ס׳ליגט דאָס וועזן — דאָס אומדערגרייכבאַרע, דער סוד און יסוד. אין אים, איינעם פון די דערהויבענע פּערזענלעכקייטן, זענען געווען ניצוצות פון דער אומענדלעכקייט, וואָס האָבן געגאַרט צו מקור. אין פּאַסקאַלס פּערזענלעכקייט, מיט אַלע בלאָנדזשענישן, איז אַ רמז, אַז אין מענטשן ווי ער, זוכט די געטלעכקייט זיך אַליין...

פון אור־ווייטע צייטן, דורך דעם אומענדלעכן שיפּברוך פון דער מענטשהייט, שטייגן זיי כסדר אַרויף אויף די העכסטע וואַך־טורעמס, די גרויסע לעגענדאַרישע געשטאַלטן — זוכערס און זעערס — און שיקן אין דער אייביקער נאַכט זייערע פייערדיקע סיגנאַלן: „ראַטעוועט אונדזערע נשמות״ און — „ראַטעוועט אייערע נשמות״...

און פינצטערע, קאַלטע כוואַליעס פונעם „נישט״ פאַרשלינגען דורות נאָך דורות; און אויף די וואַך־טורעמס שטייגן די זוכערס און זעערס און פונקען אויס זייער צייכנשריפט... און ס׳לייכטן אויף אין כאַאָס קאָלירטע פרעג־צייכנס — און די פייער־סיגנאַלן שטראַלן אויף און זינקען, זינקען און שטראַלן־אויף...

זשאַן לאַפאָנטען

(1621 — 1695)

פון זיינע העכער צוויי הונדערט קלאַסיש געוואָרענע משלים האָט לאַפאָנטען בלויז 17 אייגענע; די רעשט זענען איבעראַרבעטונגען, פּאָעטישע וואַריאַציעס פון קורצע, אין פּראָזאַישער פאָרם געשריבענע מעשהלעך — פון עזאָפּ און אַנדערע פאַבל־מחברים.

איז דאָס אַ וווּנדערלעכע דערשיינונג: דער אימיטאַטאָר האָט ווייט איבערגעטראָפן די אייגנטלעכע משל־קלאַסיקער. ביי עזאָפּן און אַנדערע פאַבוליסטישע ראשונים איז טאַקע דאָ דער אָריגינעלער גרונט־געדאַנק, בילדלעכער סיפּור המעשה מיטן בליציקן מוסר־השכל — אָבער אין זיין אינטעלעקטועלער און טרוקן־דערציילערישער פאָרם. ערשט לאַפאָנטען

האָט די רויע אבנים טובות געלאָזט שלייפן, רייניקן און געשטאַלטיקן פינקלענדיקע דימענטן, וואָס פאַרכאַפּן דאָס אויג, די פאַרשטעלונגס־קראַפט.

ביי עזאָפּן, פעדרוסן, א״א, איז פאַראַן אומגעהייערע חכמה און אָריגינעלע דערפינדערישקייט; אָבער ערשט לאַפאָנטען האָט אין זיינע שאַפונגען אַריינגעהויכט אַ פּאָעטישן רוח חיים, געגעבן זיי ריטמישע דראַמאַטיק, קלאַנגפולע האַרמאָניע, לייכטע גראַציע — אַלע חנ׳ען פון זיין פאַבלהאַפטן סטיל.

דער משל איז, אין זיין תוך, אַ גלייכעניש צו די מענטשלעכע קרומ־קייטן — זיינע אינסטינקטן, שוואַכקייטן, ליידנשאַפטן און פאַרשידענע סיטואַציעס באַדינגטע פון זיי.

דער משל איז אַ קרומער שפּיגל פון דער וועלט און מענטשנס דעפאָרמירטקייטן. לאַפאָנטענס „זאָאָלאָגישער גאָרטן״ איז פול מיט כּלערליי חיות, בהמות און שרצים — סימבאָלישע פאַרקערפּערונגען פון מענטשלעכע כאַראַקטערן און סיטואַציעס...

דער יידישער געניוס איז אין זיין פריער אַנטוויקלונג געווען אַ מאָראַ־ליש מוכיחישער, וואָס האָט דערגרייכט זיין הויכפּונקט אין דער נביאישער דינאַמיק; דער גריכיש־לאַטיינישער — אַ זעלבסט־רעוועלאַטאָרישער; עזאָפּ און סאָקראַטעס, האָראַץ, און סענעקאַ — ביז צו זייערע אייניקלעך: מאָנטען, לאַראָשפוקאָ, לאַבריער און לאַפאָנטען.

עס געהערט צו די איינדרוקספולסטע עקסקורסיעס — אַדורכצושפּאַ־צירן אין דעם אַלעגאָרישן „זאָאָ״ לאַפאָנטענס.

וואָלטער

(1694—1778)

וואָלטער איז אַן אומענדלעכער אָקעאַן — אָבער אַ פלאַכער...
ער איז אַ זעלטענער טיפּ פון קאָנטראַסטן. אין דעם קליינעם, מאָגערן

און שוואַכן קערפּער איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע וויטאַליטעט. ער האָט געשריבן אין אַלע מעגלעכע זשאַנערס — צו צענדליקער ווערק אין יעדן פון זיי. אָבער טראָץ די פילע מעלות — למשל, זיין אומגעהויערן שאַרפן, איראָנישן, קרישטאָל־קלאָרן און ענערגישן סטיל — האָט ער דאָך נישט קיין אָריגינעל־שעפערישע פּאָעטיש־קינסטלערישע דערגריי־כונגען.

איין אויסנאַם — זיין „קאַנדיד".

זיינע דערציילונגען, מעשהלעך פאַרמאָגן אַ סך וויץ, סאַטירע און שפּרודלדיקן שאַרפזין — אָבער נישט קיין לעבעדיקע כאַראַקטערן.

אין זיינע פילאָזאָפישע ווערק איז פאַראַן ווייניק פילאָזאָפיע.

אין זיינע פּאָעטישע ווערק איז פאַראַן אַלץ — חוץ פּאָעזיע.

זאָל מען אָבער דאָס וואָרט „פילאָזאָף" (און אויך די ווערטער „קינסטלער", „פּאָעט" אא"וו. פאַרבייטן מיטן וואָרט „פּובליציסט" — און מיר האָבן פאַר זיך, אָן שום ספק, דעם גרעסטן, אוניווערסאַלסטן פון אַלע פעלקער און צייטן — סיי לויט דעם פאַרנעם פון זיין מעכטיקן שריפטום, סיי לויט דעם אומגעהויערן איינפלוס, וואָס ער האָט אויסגעאיבט אויפן גאַנג פון דער געשיכטע.

מיט דער דאָזיקער באַצייכענונג ווערט וואָלטער אויס ליטעראַרישער מאַנסטער. ער ווערט דער ערשטער און גרעסטער כוח אין אַ זשאַנער פון צווייטן גראַד — אַנשטאָט דער צווייטער אין די שרייב־פאָרמען פון ערשטן גראַד.

וואָלטער האָט כסדר אָנגעוויזן אויף די אומשכלדיקייט פון די רעלי־גיעס, אָבער ער האָט נישט געקאָנט פאַרפעסטיקן זיין עוואַנגעליע — די רעליגיע פון שכל: דער אָבערגלויבן איז אַן אומפאַרניכטבאַר ווילדגראָז אין דעם גאָרטן פון מענטשלעכן גייסט.

ער איז געווען גלייכצייטיק דער גייסטיקער און פינאַנציעלער באַנקיר פון איירָאָפּע. זיין ריזיק פאַרמעגן האָט ער דערגרייכט דורך אַלע מעגלעכע און אוממעגלעכע מאַכינאַציעס און שפּעקולאַציעס. אין דעם זין איז ער טאַקע געווען דער גרעסטער ספּעקולאַטיווער פילאָזאָף פון אַלע צייטן...

ער האָט פאַרמאָגט אַן אומגעווײנלעכע רעטאָריק, געשליפענע עלעגאַנץ, מעכטיקן סאַרקאַזם און שנײַדנדיקע איראָניע — די לײכטע אַרטילעריע פון גײַסט... אים האָט געפעלט בלויז: אינספּיראַציע, דער עמבריאָ פון יעדער אמתדיקער שעפערישקײט.

וואָס איז — אין טיפערן זין — די שײַכות צווישן רעליגיע, אין איר אורשפּרונגלעכער פאָרם, און קונסט (און אפשר אויך פילאָזאָפיע)? — די התפעלות, דאָס שטוינען און דאָס שפּילן פון קינדער בײַם ברעג פון גרויסן ים פון דער מיסטעריע.

וואָלטעריאַניזם איז אַן עסענץ, וואָס לײזט אויף דעם זשאַווער פון פאַראורטײלן, די פאַרקאַלעכונג פון דאָגמע; אָבער קאָנסטרואירן מיט דעם קאָן מען נישט...

וואָלטער איז געווען אַ סאָציאַלער רעפאָרמאַטאָר אין דעם פראַנקרײַך פון 18טן יאָרהונדערט — אַ פּוילנדיקן סאָציאַלן בנין הינטער דער גלענצנדיקער פאַסאַדע פון קעניגלעכן גלאַנץ; ווי אַ סאָציאַלער רעפאָרמאַטאָר איז ער געווען אַ קעמפער קעגן ווילקיר, פאַנאַטיזם און מיסברויך פון מאַכט. ער האָט אָבער נישט פאַרמאָגט די וויזיע, דעם פאַרמעסט פון אַן אמתן רעפאָרמאַטאָר. זײַנע פּאָליטישע רעצעפּטן זענען פּילן, וואָס פאַרלײכטערן די סאָציאַלע קראַמפּן, אָבער הײלן נישט די קראַנקהײט. ער איז אַ לאַטוטניק וואָס לײגט לאַטעס אויף דער פּאָליטיש־עקאָנאָמישער סטרוקטור פון אַ געזעלשאַפט — אַנשטאָט זי צו באַקלײדן מיט אַ נײַעם מלבוש...

*

וואָלטער איז געווען אַ מענטש פון אומגעהויערן אײַנפלוס נישט בלויז אַדאַנק זײַן קאָלאָסאַלן שריפטטום, נאָר אויך מיט זײַן פּערזענלעכקײט. זײַן אַלזײַטיקע גוואַלדיקע אַקטיוויטעט האָט אין זיך געהאַט דעם אַספּעקט פון אַ וועלט־באַצווינגערס דינאַמישקײט. און אין אָט דער טעטיקײט זײַנער לאָזט זיך זען אַ רעטענישפולע צווייִדײַטיקײט: גוטס און שלעכטס, אײדלקײט און אײטלקײט, הומאַניזם און גײַציקײט און אַנדערע כאַראַקטער־אַנטיפּאָדן שפּילן אויס אַן אײַגנאַרטיקע קאָמפּאָזיציע פון ליכט און שאָטן.

וואָלטערס ביאָגראַפן דערציילן וועגן אים אַן אינטערעסאַנטן פּרט. אַלס יינגל פלעגט ער זיך לערנען אין אַ שול פון גלחים־יעזואיטן. די קינדער פלעגן אין ווינטער זייער ליידן פון קעלט, ווייל דער אויפזעער פלעגט באַהייצן דעם בנין נאָר דאַן, ווען דאָס וואַסער אין דעם וואַנט־בעקן איז געפרוירן געוואָרן... אָבער דאָס קליינע יינגל איז געפאַלן אויף אַן המצאה און איבערגעכיטרעוועט די קאַרגע אויפזעערס: ער האָט בגנבה אַריינגעלייגט אייז אינעם הענגנדיקן וואַשבעקן...

דאַכט זיך, אַז אין דעם פּרט ווייזט זיך שוין דאָס קערנדל פון דעם צוקונפטיקן וואָלטער — אַ מענטש וואָס זיין כיטרעקייט און ערמהדיקע דערפינדערישקייט האָט איבערגעשטיגן אַלע פאַרשטעלונגען...

פון איין זייט איז די מעשה מיטן „קינסטלעכן אייז" אַ גוטע טאַט פון אַ חכם אַ יינגל, וואָס האָט באַשיצט זיך און זיינע חברים שילערס קעגן דער נשמהדיקער קעלט פון די שול־אויפזעערס און קעגן דער פיזישער קעלט פון ווינטער; אָבער פון דער אַנדערער זייט זעט מען דאָ אַ דערפינדערישן עגאָיזם, וואָס איז נישט איבערקלייבעריש אין מיטלען, און ס'בלייבט די רעטעניש — וואָס איז געווען דער ערשטער באַוועגער אין די אומענד־לעכע כיטרע דערפינדונגען אין זיין לאַנגן לעבן — אידלקייט, אָדער איטלקייט...

וואָלטער איז אין זיינע שריפטן (אין זיין „פילאָזאָפישן ווערטערבוך") אַרויסגעטרעטן קעגן מלחמה, אָבער ער האָט אויסגעלאַכט רוסאָס פּאַצי־פיזם, דערקלערנדיק, אַז מלחמות זענען אומפאַרמיידלעך. ער האָט אויך געמאַכט אַ פאַרמעגן מיט זיין באַטייליקן זיך אין אַ מיליטערישן פּאָדריאַד...

אין דער אומגעהויערער אַלזייטיקייט פון וואָלטערן קאָן מען אַריינ־טייטשן פּראָ און קאָנטראַ; ס'וועגדט זיך אין דעם צוגאַנג, ווייל ביי אים איז געווען אור וחושך משתמשים בערבוביא... וואָלטער, דער רייכער פּריץ, גרויס־אינדוסטריעלער, גרויס־פּובליציסט און טאָגגעבער אין פינאַנציעלע, פּאָליטישע און גייסטיקע ענינים, האָט זיכער געטאָן אַ סך גוטס, אָבער ער האָט געדינט צו דערפאָלג. זיין רעליגיע איז געווען געגנוס און זיינע

כהנים — זיין ריזיקע וויטאַליטעט, דער עספּרי, דער שפּרודלדיקער וויץ און זיין דערפינדערישקייט...

אין זיין דער „טרומפּייט פון זיין אייגענעם רום״ איז וואָלטער געווען פונקט אַזוי דערפינדעריש, ווי אומאיבערקלייבעריש און חניפהדיק. ער האָט אַוועקגעשאָנקען צו די אַקטיאָרן די ריזיקע הכנסות פון זיינע צאָלרייכע דראַמען.

בעת אַן אויפפירונג פון זיינער אַ דראַמע אין אַ פּאַריזער טעאַטער האָט ער פון זיין לאָזשע דערמוטיקט דעם עולם צו אַפּלאָדירן: „קוראַזש, אַטענער, דאָס איז פון דעם אמתן סאָפאָקלעס!״. ער, דער גרעסטער אַראָפּ־רייסער פון רעליגיע בכלל און פון קריסטנטום בפרט, ווילנדיק אויסגעוויילט ווערן אין דער פראַנצויזישער אַקאַדעמיע, האָט אָנגעשריבן אַ בריוו צום פּויפּסט ווי אַ פרומער גלויביקער, ענדיקנדיק מיטן פאָרמעלן נוסח, אַז ער קושט דעם פּויפּסטס הייליקע פּיס... אַן ענלעכן בריוו צום ראש פון דעם יעזואיטישן קאלעדזש, ווו ער האָט באַקומען זיין דערציאונג.

אַפילו די וועלטבאַרימטע פאַרטיידיקונג פון די קרבנות פון דעם פאַנאַטישן פראַנצויזישן קלער פון יענער צייט, שמעקט אויך מיט אַ שפּאָר ביסל רעקלאַמע. מען דאַרף אויך נישט פאַרגעסן, אַז וואָלטער האָט זיין קאַמף געפירט פון אַ פאַרזיכערטער, עלטנישמעסיק זיכערער פּאָזיציע — פון אַ מין „אימיעניע״ אויף דער גרענעץ פון פראַנקרייך און שווייץ, אַ מין קיינעמס־לאַנד.

— אידעאָלאָגיש געבומען פאַרמאָגט וואָלטער אין זיין פילאָזאָפיע אַ קריטישן סקעפּטיציזם, בוכהאַלטערישן דעיזם און אַ מין קאָמערציעלע טאָלעראַנץ. אָט די באַשיידענע אַרמיי פון עטלעכע „סאָלדאַטן״ באַנוצט ער אָבער, אַ דאַנק זיין געניאַלער מאָביליזאַציע־קראַפט און שאַרף־קלאָרער דיאַלעקטישער פעכטקונסט, — אַז ס׳באַקומט זיך דער איינדרוק פון גאַנצע דיוויזיעס...

זיין פענאָמענאַלער אוניווערסאַליזם אויף אַלע געביטן פון גייסטיקן און מאַטעריעלן לעבן, האָט אים געמאַכט פאַרן אַזויגערופענעם „מאָנאַרך פון אייראָפּע״.

אָבער נישט קוקנדיק אויף זיינע פּראַקטישע אויפטוען, האָט זיין גוואַלדיקע ליטעראַרישע ירושה — צענדליקער ווערק אין יעדן מעגלעכן זשאַנער — ביי איר גאַנער פילפאַרביקייט, קוועקזילבערדיקער דינאַמישקייט און קלאָר־טרעפלעכער עלעגאַנץ, דאָך עפּעס פון אַן ערזאַץ־פּראָדוקציע — הגם פון דער גראַנדיעזסטער ערזאַץ־שאַפונג; גראַנדיעז סיי אין קוואַנטיטעט און סיי אין באַדייטונג.

פראַנקרייך האָט אין וואָלטערן, זינט דורות, אַ גייסטיקן עקספּאָרט־אַרטיקל, ווייל ער איז דורך און דורך, מיט זיינע מעלות און חסרונות — אַ פאַרקערפּערונג פון דער פראַנצויזישער מענטאַליטעט. אָבער דער ראָסט פון דער צייט האָט שוין באַדעקט אַ גרויסן טייל פון זיין גלענצנדיקער מאָנומענטאַלער פיגור.

זשאַן זשאַק רוסאָ

(1778 — 1712)

אינמיטן פון אומרויקן און שטורעמדיקן 18טן יאָרהונדערט אין פראַנקרייך. ס'בייטן זיך די אינטעלעקטועלע וואַכן. אין הינטערגרונט טרעטן אָפּ די הויף־פּאָעטן און מעטאַפיזישע דענקערס, מאַכנדיק פּלאַץ פאַר די נייע, וואָס זענען געקומען מיטן פאַראַל פון געזונטן פאַרשטאַנד, סאָציאַל פּראָגרעסיוו, אָבער דיכטעריש ווייניקער גלאַנצפול ווי די פריערדיקע פראַנצויזישע ליטעראַרישע עפּאָכעס.

צווישן דעם ענציקלאָפּעדישן רענעסאַנס שיילט זיך אויס די געשטאַלט פון אַ מאַן, וואָס האָט איבערגעוואַקסן זיין צייט און סביבה און וועמענס דינאַמישע פּערזענלעכקייט האָט פאַראורזאַכט אַ רייע רעוואָלוציעס אויף פיל געביטן פון גייסט און לעבן — זשאַן זשאַק רוסאָ.

אויב אַ מענטש איז אַ פּראָדוקט פון זיין נאַטירלעכער אומגעבונג, איז רוסאָ אַ בולטע אילוסטראַציע דערפון. די ווילד־שיינע לאַנדשאַפט

פון דער שווייץ: הימל־הויכע בערג, שטורעמדיקע וואַסערפאַלן און זינ־גענדיקע קוואַלן — דאָס איז אַלץ פאַראַן אין זיין פּערזענלעכקייט און שאַפן.

רוסאָ שטאַמט פון אַ זשענעווער פּראָצויזישער פאַמיליע, וועמענס אורעלטערן האָבן זיך באַזעצט אין דער רעפּובליק־שטאַט צוליב די רדיפות קעגן די הוגענאָטן. זיין פאָטער איז געווען אַ זייגערמאַכער.

ער איז געוואָרן אַ יתום עטלעכע טעג נאָך זיין געבורט. אין דער קינדהייט און אין דער פריער יוגנט האָט ער שוין דורכגעמאַכט די שווערע גילגולים פון אינטערנאַטן און לער־וואַרשטאַטן. ביז אין איינעם אַן אָוונט, צוריקקערנדיק זיך פון אַן אויספלוג אין דער אומגעגנט, האָט ער געפונען די שטאָט־טויערן פאַרמאַכט, לויט דעם אַמאָליקן מנהג פון שליסן די טויערן אין אָוונט.

ער האָט זיך אָוועקגעלאָזט וואַנדערן — דער ערשטער עטאַפּ פון אַן אומאויפהערלעכן ציקל, ווייל זיין גאַנץ לעבן איז געווען אַ קייט פון וואַנדערונגען, פרייוויליקע און געצוווּנגענע.

פון די אָרעמע זשענעווער אַרבעטס־געסלעך, פון די איינזאַמע סאַ־וואָיער שטעגן איז אויפגעטרעטן אויף דער אַרענע פון דער וועלט־געשיכטע און פון דער וועלט־ליטעראַטור איינער פון די קאָמפּליצירטע, נשמה־רייכע העלדן פון דער מענטשהייט, ער, דער זון פון זייגערמאַכער איזאַק רוסאָ.

זיין ערשט ליטעראַריש ווערק איז געווען אַן ענטפער אויף אַ קאָנקורס פון דער דיזשאָנער אַקאַדעמיע: צי דער פּראָגרעס פון קונסט און וויסנ־שאַפט האָט געווירקט צו אויסבעסערן אָדער פאַרערגערן די זיטן?

דער 37־יאָריקער וואַגאַבונד האָט דעם קאָנקורס געלייענט אין אַ צייטונג אין אַ הייסן זומערטאָג, אויפן וועג צו אַ באַזוך צו זיין לערער און פריינט דידראָ, וואָס איז דאַן געזעסן אין טורמע פאַר אַ פּרעסע־עבירה.

אין זיין ווידוי („קאָנפעסיעס”) דערציילט אונדז רוסאָ די דראַמאַטישע אומשטענדן, ביי וועלכע ס'איז אַנטשטאַנען זיין ערשטלינג־ווערק. ער איז צוגעפאַלן צו אַ בוים אין אַן אויפברויז פון טראַכטן, אַנען און התגלות.

אויפשטייענדיק, איבערפלייצט מיט טרערן, האָט ער דערזען אַ נייעם אוניווערס, און זיך — אַ נייעם מענטשן.

שוין זיין ערשט ווערק, דער ענטפער אויפן קאָנקורס, האָט געמאַכט אַ טיפן רושם. דרייסט, נאַוואַטאָריש האָט ער פּראָקלאַמירט נייע אמתן; די ציוויליזאַציע פאַרשקלאַפט, אַנשטאָט צו באַפרייען דעם מענטשן.

ער איז געקומען מיט פייער און פלאַם פון טיפן גלויבן פון אַ נביא, אַ האַרץ פול דערבאַרעמונג פון אַ בודאַ און מיט דער טיפער חכמה פון אַ קאָנפוציוס. איינס פון די עמפּינדלעכסטע און וואַרעמסטע הערצער, וואָס האָבן ווען נישט איז געקלאַפּט אין אַ מענטשלעכער ברוסט. ער איז געקומען מיט אַלע כלי־זיין פון אַ זשעני. דאָס טיפע געפיל פון מענטשן־ליבע און דער אומגעצוימטער פּראָטעסט פון אַ פרייער נאַטור קעגן יעדער פאַרקנעכטונג; אַ געטלעכער אָטעם פון אינספּיראַציע, אַן אומגעזעענע עלעגאַנץ פון אויסדרוק — דאָס אַלץ האָט זיך פאַראייניקט אינעם מאַ־דערנעם נביא, וואָס האָט די אַלטע הומאַניסטישע אמתן געפּרעדיקט מיט אַ נייעם פייער.

*

עס איז אמת, אַז אַ סך פון זיינע פילאָזאָפישע און היסטאָרישע אמתן אונטערליגן אַ גרויסן פראַגע־צייכן.

איז דער מענטש פון נאַטור־אויס גוט?

איז די נאַטור „גוט״?

גענוג אַ קוק צו געבן אויף דעם קאַמף פון די מינים, אויף די רייס־ציין און נעגל ביי די רויב־חיות, אויף דער בלוט־וואַקכאַנאַליע אין די אור־וועלדער, דזשונגלס, מדבריות — מקומות וואָס די ציוויליזאַציע האָט נישט „פאַרדאָרבן״; אויף דעם קאַניבאַליזם פון די ווילדע פעלקער און פון די — ווען די קולטור האָט נישט ציוויליזירט...

עס גייט אָבער אין דער הויך פון טיפער מענטשלעכקייט, פון פּאַטעטישער וויזיע, פון נאָבעלער ברודערשאַפט; עס גייט אין דער פּראָקלאַמאַציע: „יהי אור!״ אין דעם בלינדן געסל פון סאָציאַלן, מאָראַלישן און אינטעלעקטועלן כאַאָס פון דער מענטשהייט, וואָס רוסאָ האָט מיט פייערדיקע אותיות איינגעקריצט אין די הערצער פון דורות!

דאָס פראַנקרייך פון 18־יאָרהונדערט האָט געזיפצט אונטערן דרייפאַכן יאָך פון די דעגענערירטע בורבאָנישע מלכים, די רויבערישע „אַדעליקע" לאַנדאייגנטימער און פון דער טיראַניש־פאַנאַטישער קאַטוילישער קירך. וואָלטער איז געווען דער ראש פון די אויפקלערערס, וואָס האָט זיינע פיילן געצילט אויסשליסלעך קעגן רעליגיעזן פאַנאַטיזם. אָבער רוסאָ האָט גע־דונערט קעגן דער מאָנאַרכיע און קעגן דעם פּריצים־קלאַס, וואָס האָבן, צוזאַמען מיטן קאַטוילישן קלער, געהאַלטן דאָס פאָלק אין עקסטרעמער אָרעמקייט און אונטערדריקונג.

זעענדיק דאָס גאַנצע סאָציאַלע שלעכטס ווי אַ רעזולטאַט פון דער רויבערישער גיריקייט און באַרבאַריזם — אונטער פאַרשידענע הויך־קלינגענדיקע נעמען — פון די אויבערשטע קלאַסן, האָט ער געפונען די ישועה אין דעם „סאָציאַלן קאָנטראַקט", אין דער הערשאַפט פון פאָלק. רוסאָס שטורעם האָט געהאָלפן איינוואַרפן דעם אויסערלעך־אימפּאַזאַנטן, אָבער אינערלעך־צעפוילטן פראַנצויזישן לעבנס־סדר.

אָבער מען האָט טענות צו רוסאָן פאַר דער שעדלעכער אויסווירקונג פון זיינע אידייען אויף דער אַנטשטייאונג פון פאַרשידענע מאָדערנע טיראַ־נישע סיסטעמען, אַנהייבנדיק מיט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אַליין. מען געפינט אין זיין „סאָציאַלן קאָנטראַקט" געדאַנקען און פּרינציפּן, וואָס זאָלן האָבן געדינט ווי באַזיס פאַר דער אַנטשטייאונג פון די מאָדערנע טיראַנישע סיסטעמען.

איז טאַקע אמת, אַז רוסאָ האָט צופיל אידעאַליזירט די מאַכט פון פאָלק. אָבער ער האָט נאָך נישט געהאַט די 200 יאָר דערפאַרונג מיט פּאָפּולערע טיראַנישע רעזשימען. דאָס שלעכטס איז דאַן געווען אויסשליס־לעך פון רעכטס, פון די אויבערשטע קליקעס; האָט ער זיך גייסטיק אָנגעלענט אויף לינקס — אויף דעם פאָלק.

מיר ווייסן וועגן די שוידערלעכע בלוט־קאַשמאַרן און פאַרברעכערישן טעראָר בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, צו וועלכן ס'פּאַסט זיך דער הויך־מאָראַלישער זאָג פון „פּרקי אבות": „על דאטפת — אטפוך, וסוף מטיפיך — יטופון."

אָבער נישט קוקנדיק אויף דעם, איז די פראַנצויזישע רעוואָלוציע געווען אַ וועלט־היסטאָרישע געשעעניש, און מיר אַלע געניסן ביז היינט צו טאָג פון די אַלע אומציילבאַרע זכויות און פרייהייטן, וואָס זענען געווען קאָנצענטרירט אין איר אומשטערבלעכער לאָזונג: „פרייהייט, גלייכהייט, ברודערלעכקייט". הייסט דאָס, אַז מיר דאַרפן פילן דאַנקבאַרקייט צו די גרויסע פאָרלויפערס, די שטורעם־פייגל פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע — מיט רוסאָ בראש — פאַר אונדזער גאַנצן דעמאָקראַטישן לעבנס־סדר.

וואָס איז שייך דער אויסווירקונג פון רוסאָס אידייען אויף די מאָדערנע טיראַנישע דיקטאַטורן, קאָן מען יאָ אויסגעפינען שפּורן פון פאָלק־אַבסאָלוטיזם, פון המון־טיראַניע אין רוסאָס „קאָנטראַקט". אָבער, פאַרשטייט זיך, רוסאָ וואָס איז געווען אַזאַ גרויסער קעמפער קעגן יעדער אונטערדריקונג — און די אונטערדריקונגען פון 18טן י״ה זענען געווען „קינדערשפּילן" קעגן די פאַרברעכנס פון 20סטן י״ה, — וואָלט געווען דער גרעסטער און אומברחמנותדיקער קעמפער קעגן אַלע פאָרמען פון מאָדערנעם קאַניבאַליזם.

מעגלעך, אַז די הויפּט־יניקה־וואָרצלען פון די מאָדערנע המונישע דיקטאַטורן דאַרפן געזוכט ווערן אין אַן אַנדערער ריכטונג; אָבער קודם כל — אין די מאָראַליש־דעגענערירטע טעאָריעס פון מאַקיאַוועלי און ניטשע. ס׳איז אפשר סימבאָליש וואָס ביידע פון די ערגסטע, העסלעכסטע דיקטאַטאָרן־מאָנסטערס זענען געווען „לאַנדסלייט" פון די „פּרינץ" און „איבערמענטש" טעאָרעטיקערס.

געטע האָט ריכטיק זיך אויסגעדריקט: „מיט רוסאָ הויבט זיך אָן אַ נייע וועלט". און דאָס אונטערגייענדיקע ראַיאַליסטישע פראַנקרייך האָט באַשטעטיקט מיטן מויל פון אַרעסטירטן לואי דעם 16טן, וואָס האָט געזאָגט, אָנווייזנדיק אין דער טעמפּל־תפיסה, אויף די ווערק פון וואָלטער און רוסאָ: „די צוויי מענער האָבן חרוב געמאַכט פראַנקרייך".

אויפן געביט פון פּעדאַגאָגיק — די זעלבע נאָוואַטאָרישקייט. אַראָפּרעכענענדיק געוויסע פּאַראַדאָקסאַלע מיינונגען, געהערן די דערציונג־פּרינציפּן פון זיין „עמיל" צו די פונדאַמענטן פון מאָדערנעם דערציונג־וועזן.

און ראַמען ראָלאַן, אין זיין פּיעטעטפולן עסיי וועגן רוסאָ, ווייזט אָן, אַז רוסאָס השפּעה איז אַריינגעדרונגען אַפילו אַזוי ווייט, ווי יאַפּאַן.

*

אמת, אין רוסאָס מענטאַליטעט איז געווען עפּעס קראַנקהאַפטיקס — דאָס וואָס וויסנשאַפטלער רופן אָן „אויטיזם״, אויסערגעוויינלעכער עגאָ־צענטריזם. ער איז געווען פול מיט קאָמפּלעקסן, און דאָס האָט ביי אים אַרויסגערופן די סתירות. אָבער אויפן גרונט פון די אַלע טונקלקייטן לייכט נאָך בולטער דער גרויסער בליץ.

ער איז געבוירן געוואָרן אַלס „מערדער״ בשוגג (עטלעכע טעג נאָך זיין געבורט איז זיין מוטער געשטאָרבן). וואָס פאַר אַ שווערע און פּאַלגנ־רייכע קאָמפּליקאַציעס האָבן צוליב דעם געמוזט אַנטשטיין אין באַ־ווּסטזיין — און אין אונטערבאַוווּסטזיין — פון דעם אומגליקלעכן יינגל ?

ער האָט מיט זיין פּערזענלעכן לעבן געגעבן דער וועלט אַ האַרטע נוס צו צעקנאַקן. זיין לעבן איז — אויסער אַ קורצן גליקלעכן פּעריאָד (די דריי יאָר וואָס ער האָט געוווינט מיט מאַדאַם דע וואַרען) און געוויסע מאָמענטן פון גליקזעליקייט, פון גייסטיקער דערהויבונג — געווען אַ לאַנגע קייט פון קראַנקהייטן, פאַרפאַלגונגען, אומגליקן, וואָס האָבן זיך איבער־געריסן ערשט מיטן לעצטן שלאָג פון זיין האַרץ. פון דער אַנדערער זייט איז זיין לעבן געווען אַ ציקל פון טעותים, משונהדיקייטן, פון וועלכע דאָס פאַטאַלסטע איז געווען — זיין פאַרבינדונג מיט טערעזע לעוואַסער, אַן אומקולטורעלע פרוי, וואָס האָט מיט שוועריקייטן געקענט זיך אונ־טערשרייבן. רוסאָס גורל האָט אים צוגעטיילט — נישט געטעס „אייביק ווייבלעכע (וועזן), וואָס ציט אונדז אין דער הייך״...

איבער רוסאָס שטערן איז אויפגעגאַנגען אַ טונקעלע כמאַרע: די מעשה מיט די פינף קינדער, וועלכע זיין פּלגש זאָל האָבן געהאַט פון אים און ער זאָל האָבן אָפּגעגעבן אין אַ היים פאַר אונטערגעוואָרפענע קינדער. די באַשולדיקונג איז נישט ווייניקער מיסטעריעז ווי מאָנסטרועז, ווייל ס'איז געווען אַ יש אומרים, אַז די קינדער זענען נישט געווען זיינע. און אויב דאָס איז אמת, האָט רוסאָ אין זיין „ווידוי״, אַנגעבנדיק פאַרשיידענע

שוואַכע תירוצים פאַר דער אומהיימלעכער טאַט, בעסער אויסגעקליבן דעם וועג פון מאַכן זיך שולדיק, ווי מאַכן זיך לעכערלעך...

דאָס, און אַנדערע רעאַלע און פאַבריצירטע פאַקטן, איז די „אָפּגע־ריבענע" זייט פון דער רוסאָ־מטבע.

די צווייטע זייט איז — אַ לעבן פול מיט דערהויבענע מאָמענטן פון דראַמאַטישן העלדנטום: רוסאָ האָט זיך אַליין „געשפּילט" אין דער גרויסער דראַמע פון זיין לעבן.

ער, דער דערפאָלגרייכסטער שריפטשטעלער, וואָס האָט געשטעלט אין שאָטן דעם אינטעלעקטועלן פּאַטריאַרך פון אייראָפּע, וואָלטערן; ער, דער מחבר פון די צום מערסטן געלייענטע און אויפּבּרויזנדיקע ווערק — ער האָט געלעבט פון איבערשרייבן נאָטן, נישט וועלנדיק זיין אָפּהענגיק פון קיינעם.

נאָך דער אויפפירונג פון זיין דערפאָלגרייכער אָפּערע „דער דאָרפס־זנאָכער" פאַרן קעניגלעכן הויף און פאָנטענבלאָ, צו וועלכער ער איז — אין דער אָנוועזנהייט פון קעניג — געקומען נישט ראַזירט און אין אַן אָפּגעלאָזענעם הולך — האָט געהאַלטן דערביי, אַז ער זאָל באַקומען אַ לעבנסלענגלעכע רענטע פון לואי דעם 15טן. רוסאָ איז אָבער נישט געקומען צו דער געפּלאַנטער פּערזענלעכער פאָרשטעלונג צו דעם קעניג — און פון דער רענטע איז גאָרנישט געוואָרן.

אין יאָר 1762, נאָך דעם פאַרעפנטלעכן פון זיין „עמיל" און „סאָ־ציאַלער קאָנטראַקט", האָט זיך אָנגעהויבן פאַר אים אַ תקופה פון רדיפות און נע־ונד זיין. אין דער צייט וואָס ער איז געיאָגט געוואָרן פון איין אָרט צום צווייטן, האָט אים דער פּרייסישער קעניג גאַראַנטירט אַן אַזיל. ער האָט אים געשיקט אַ סומע געלט און אים פאַרגעלייגט אַ ווילע און אויסהאַלטונג. אָבער רוסאָ האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם. ער האָט דער־קלערט, אַז ס'וואָלט געווען אוממעגלעך פאַר אים צו שלאָפן אין אַ הויז, געבויט פון אַ קעניג. ער האָט בכלל שטענדיק אָפּגעזאָגט מתנות.

ער איז געווען דער „כהן", וואָס האָט פאַרווירקלעכט זיין אייגענע נביאות. אָט וואָס רוסאָ גופא זאָגט וועגן זיין אויסגעקליבענעם וועג:

פון וועלט־קוואל

„איך האָב אויף תמיד זיך אָפּגעזאָגט פון יעדן ווילשטאַנד... דעצידירט צו פאַרברענגען דאָס ביסל צייט, וואָס איז מיר נאָך פאַרבליבן, אין אומאָפּהענגיקייט און אָרעמקייט, האָב איך אָנגעווענדט אַלע מיינע נשמה־קרעפטן, כדי צו ברעכן די אייזנס פון דער עפנטלעכער מיינונג און צו טאָן מיט מוט דאָס, וואָס איך האַלט פאַר גוט, גאָרנישט רעכנענדיק זיך מיטן אורטייל פון מענטשן"...

„איך האָב געפילט, אַז צו שרייבן כדי צו האָבן ברויט, וואָלט שנעל דערשטיקט מיין זשעני, וואָס ליגט וויניקער אין מיין פּעדער, ווי אין מיין האַרץ... גאָרנישט שטאַרקס, קיין שום גרויסקייט קאָן נישט אַרויסגיין פון אַ פאַרקויפטער פּעדער... אויב די באַדערפעניש פון דערפאָלג וואָלט מיך נישט פאַרזונקען אין אינטריגעס, וואָלט זי מיך געמאַכט זאָגן וויניקער די נוצלעכע... זאַכן, ווי די זאַכן וואָס געפעלן דער מאַסע. און פון אַן אויסגעצייכנטן שרייבער, וואָס איך וואָלט געקענט זיין, וואָלט איך געוואָרן נאָך אַ פּאַפּיר־שמירער. ניין, ניין: כ'האָב תמיד געפילט, אַז דער שטאַנד פון אַ שרייבער איז נישט, וואָלט נישט געקאָנט זיין באַרימט און אַכטונגסווערט... סיידן נאָר אויף וויפל עס איז נישט קיין פאַך. עס איז שווער צו דענקען איידל, ווען מען דענקט כדי צו לעבן. כדי צו קאָנען און צו וואָגן — צו זאָגן גרויסע אמתן, דאַרף מען נישט זיין אָפּהענגיק פון אייגענעם דערפאָלג. איך האָב געוואָרפן מיינע ביכער אין פובליקום מיט דער זיכערקייט פון האָבן גערעדט פאַרן אַלגעמיינעם וויל, נישט זאָרגנדיק זיך וועגן איבעריקן"...

(„ווידוי")

רוסאָ אויסערגעוויינלעך שטורמיש לעבן, וואָס האָט געדינט פאַר אַ צילברעט פאַר די פיילן פון אַזוי פיל פיינט און „פריינט" — פון זיין לעבנסצייט ביז היינטצוטאָג — האָט געפונען זיין פּתרון אין זיין „ווידוי", וואָס איז דאָס קלאַסישסטע בוך אין דער ליטעראַטור פון דעם זשאַנער, און איינס פון די מערקווירדיקסטע אין דער וועלט־ליטעראַטור. הגם, ווי רוסאָ האָט דאָס אַליין צוגעגעבן, זענען מאַנכע פאַקטן אַרויסגעקומען

אין דעם בוך, צוליב פאַרגעסן אָדער אַנדערע מאָטיוון, אַ ביסל רעטושירט. אָבער אין תוך איז עס אויטענטיש.

דאָס בוך איז אַן אוניקום מיט זיין נשמהדיקער אַנטבלויזונג, מיט זיין טיפער, רעליגיעזער נאַטור־פאַרערונג און איידעלן הומאַניזם. נישט ווייל ער האָט דאָרט אַזוי פיל אַנטדעקט, נאָר ווייל ער האָט אַזוי פיל אָפּגעדעקט...

ער האָט אונדז געגעבן דעם מענטש של מעלה און דעם מענטש של מטה.

ער האָט אונדז געוויזן הייכן פון נשמהדיקער איידלקייט, און די געפאַלנקייטן, באַדינגטע פון זיין קאָמפּליצירטן וועזן.

אַ זעלטן בוך, אין וועלכן ס׳קומען צו אַ פּערפעקטן אויסדרוק די קונסט פון אמת און דער אמת פון דער קונסט.

הגם דאָס לעצטע האָט דאָרט אָפּט די בכורה.

ס׳איז וווּנדערלעך צו לייענען די ביז אים אומגעשריבענע שורות, און בילדער פון זיינע נאַטור־שילדערונגען, דאָס אויפגיין פון זיין איך אין דער נאַטור און פון דער נאַטור אין אים. ווי אַ דורשטיקער צו אַ קוואַל, ווי אַ קינד צו אַ מאַמעס ברוסט, איז ער צוגעפאַלן אינסטינקטיוו, מאַגנעטיש, צו דער אָפענער און געהיימער וועלט. אין די נאַטור־שילדערונגען איז פאַראַן עפּעס אַן עלעמענטישע, ממש כעמישע צונויפגיסונג פון די צוויי נאַטורן אין איינער...

זיין געניאַלע פשטות פון דערקענען איינפאַכע אמתן, זיין העלדנמוט ביים פּראָקלאַמירן זיי; זיין געררייצט זעלבסטגעפיל און די קנאה־געפילן ביי די פען־קאָנקורענטן האָבן, אין צוגאָב צו פּרינציפּיעלע סיבות, צע־מענטירט קעגן אים אַ פאַראייניקטן פראָנט פון רעליגיעזן און אַטעאיס־טישן פאַנאַטיזם, ווי רוסאָ האָט טרעפלעך אָנגערופן דעם קאָנספּיראַציע־בלאָק פון גייסטלעכע און פילאָזאָפן.

רוסאָ ווערט, אַפילו פון זיינע פאַרערערס באַצייכנט ווי אַ מענטש מיט אַ פאַרפאָלגונגס־מאַניע — און נישט אינגאַנצן אָן רעכט.

אָבער ווען מען פאָרשט אינעם של דאָקומענטן, וואָס האָבן אַ שייכות צום פאַל רוסאָ, ווערט מען דערשטוינט פון דעמאַנישן האַס, פּרעפּאַרירט

מיט דער דעמאַנישער טאַקטיק פון זיינע ריקזיכטלאָזע שונאים. אַפילו וואָלטער האָט, פון דער שווייץ, געלענקט זיינע פיילן קעגן דעם אומגליקלעכן וואַנדערער. נישט געווען אַ מיטל פון דערנידעריקן, פּראָוואָצירן, וואָס זיינע מעכטיקע שונאים זאָלן נישט האָבן אָנגעווענדט קעגן דעם אומגליקלעכן וואַנדערער, דעם געיאָגטן און פאַרפאָלגטן רוסאָ.

אַ „חשוב״ אָרט צווישן די לעצטע פאַרנעמט אַ פּאַסקוויל־בריוו קעגן רוסאָ, געשריבן כלומרשט פון פּרייסישן קעניג פרידריך. רוסאָ, האָט באַשולדיקט דעם ענגלישן פילאָזאָף און היסטאָריקער יום אין האָבן געשריבן דעם בריוו. ס׳האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דער מחבר איז געווען האָרעיס וואָלפּאָל, אַן ענגלישער שרייבער, וועלכער האָט זיך שפּעטער אין דעם מודה געווען.

דאָס איז געשען אין דער צייט ווען רוסאָ, אַ געטריבענער פון פיל לענדער, האָט ענדלעך געפונען אַ צייטווייליקן מקום מנוחה אין ענגלאַנד.

די פעלשונג איז געווען אַ געמיינע פּראָוואָקאַציע, פאַררעטעריש דערלאַנגט פון פּראָטעקטאָרן צו אַ מענטש, וואָס האָט ענדלעך געזאָלט געפינען רו...

מען קאָן וועגן דער פאַרפאָלגונגס־מאַניע פון רוסאָ פרעגן: וואָס איז געווען מער רעאַל — די מאַניע אָדער די פאַרפאָלגונג? אפשר איז די פאַרפאָלגונג נישט געווען קלענער פון דער מאַניע...

רוסאָ, וואָס איז באַצייכנט געוואָרן ווי דער פילאָזאָף פון אייטלקייט, האָט ווי קיינער נישט פאַר אים דעמאַסקירט די פּוסטע אייטלקייט פון פון אונדזער ציוויליזאַציע. נישט בלויז איז ער געווען דער נביא, וואָס האָט אין זיין העלער וויזיע דערזען די סכנות פון דער גאַלאָפּירנדיקער ציוויליזאַציע. ער האָט געענדערט זיין הלבשה, באַזייטיקט דאָס שווערדל, די גאָלדבענדער, דעם לאַנגן פּערוק, און אָנגעטאָן פּראָסטע מלבושים (הגם עקסטראַוואַגאַנטע: אַרמענישע טראַכט).

דער מענטש, וואָס איז געווען עגאָצענטריש אין אַזאַ מאָס, וואָס זאָגט אָפן אין זיין ווידוי, אַז ער האַלט זיך פאַרן בעסטן מענטש אויף דער וועלט (אילוסטרירנדיק זיין זאָג, אַז אַפילו דער בעסטער מענטש אויף דער וועלט האָט אויך אַ באַהאַלטענעם חטא אין האַרץ), האָט אין

זיין ווערק זיך דערהויבן צום העכסטן הומאַניזם. זיין לײַדנשאַפטלעכער באַגער צו גערעכטיקייט, צו אײביקן שלום צווישן די פעלקער — האָבן אים דיקטירט די פּאַטעטישע פאָרמולעס און פּאָסטולאַטן, וואָס האָבן באַפליגלט רעוואָלוציעס און זענען געווען די אינערלעכע מוזיק, וואָס האָט אַרויסגעבראַוזט פון די מאַרסעליעזעס...

און ווי ס׳ווייזט מיט רעכט אָן אײנער פון זײנע שטרענגסטע קריטיקער, זשאָרזש דיהאַמעל, שוין די ערשטע שורה אין זיין „ווידוי" („איך שאַף אַן אונטערנעמונג, וואָס האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין ביישפּיל און וועמענס אויספירונג וועט קיינמאָל נישט האָבן קיין נאָכמאַכער") ברענגט צום אויסדרוק רוסאָס כאַראַקטעריסטישן פעלער — די איטלקייט.

דער פּאַראַדאָקס פון דער מענטשלעכער נאַטור: דער יצר־הרע פּאַראַזיטירט אויפן יצר־טוב; די איינגעוואָרצלטע גאווה געפינט אַ מיטל זיך אויסצודריקן מיט עניוות — אַ בולטע אילוסטראַציע פון די „פּראָקוראָרן" פון דער מענטשלעכער נשמה — פון דער ביבל ביז לאַראשפוקאָ: כי יצר לב האדם רע מנעוריו... אפנים, דערשטיקן אין זיך די אייגענע גרונט־אינסטינקטן און קאָמפּלעקסן קאָן מען אַזוי ווייניק ווי דעם אייגענעם אָטעם...

דער מענטש, וואָס איז פון זײנע אײגענע צײַט־חברים — וואָלטער און דידראָ — באַצײכנט געוואָרן אַלס אַ קוואַזי־גײַסט, האָט דער וועלט איבערגעלאָזט אַזאַ פילפאַרביקע אינטעלעקטועלע און קינסטלערישע ירושה; דער זעלבער, וואָס איז סיי פון זײנע שונאים, סיי פון „אָביעקטיווע" קריטיקער באַטראַכט געוואָרן אַלס באַגאַבטער פּסיכאָפּאַט, דער זעלבער האָט אונדז באַשאָנקען מיט אַזויפיל ווערטפולע גײַסט־מתנות, מיט אַזוי פיל געזונטע געדאַנקען, האָט אונדז געגעבן אַ בינטל שליסלען צו אַזוי פיל פאַרבאָרגענע קעמערלעך פון יחידישן און ציבורדיקן, אַזוי פיל טיפזיניקע פּתרונות צו אונדזערע מאַטערדיקע רעטענישן...

*

אין דער ליטעראַטור איז די ראָמאַנטישע שול אַ צווייג פונעם פרוכטבאַרן רוסאָ־בוים.

אַפילו דער אויסדרוק ראָמאַנטיק שטאַמט פון אים.

ער האָט דער ערשטער, זייט יאָרטויזנטער, איניצירט אין דער ליטע־ראַטור דעם פאַנטעאיסטישן נאַטור־אויפּברויז, מיט אַ מעלאָדישער און בילדערישער שפּראַך, וואָס איז אומפאַרגלייכלעך.

ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט איינגעפירט דעם איך־נוסח אין זיין גאַנצער, סיי דערהויבענער און סיי טראַגישער פאָרם; דער נשמה־אינספעקטאָר, וואָס האָט אָביעקטיוו געשילדערט דאָס סוביעקטיווע; דעם מענטש מיט זיינע עליות און מיט זיינע ירידות, וואָס זענען געווען ביי אים די געוויסן־ספּרוזשינעס צו גייסטיקער דערהויבונג.

ווי אַ באַפרוכפערנדיק קערנדל אויף שוואַרצער ערד איז געפאַלן די גייסטיקע זריעה פון דעם זשענעווער גאון אויף דעם געמיט פון דעם יונגן טאָלסטאָי, וואָס האָט ווי אַ 15־יאָריקער געטראָגן רוסאָס בילד ווי אַ קמיע אויפן האַלדז.

אין זיין טאָגבוך פון 8טן יוני 1853 שרייבט לעוו ניקאָלאַיעוויטש: „געלייענט די גלויבנסבאַקענטעניש פון סאַוואָיער וויקאַר און ווי שטענדיק געפילט זיך באַוועגן אין מיר אַן אָקעאַן פון אידעלע און גוטע געדאַנקען".

די ראַנגלענישן און פאַרוואַנדלונגען פון גרויסן רוסישן קינסטלער פירן באַשיינפּערלעך צו די שפורן פון זיין גרויסן פאָרגייער: די מרידה קעגן קונסט, דאָס אויסטאָן דעם ציוויליזאַציע־לבוש און די שליחות פון רעליגיעז־עטישער סאָציאַלישקייט.

טאָלסטאָי האָט מיט רוסאָס פייער אָנגעצונדן גאָרקין, ראָלאַנען; דער לעצטער — איסטראַטין.

מען קאָן זאָגן, אַז די גאַנצע מאָדערנע ליטעראַטור, באַזונדערס די סקאַנדינאַווישע, שטייט אונטערן איינדרוק פון דער רוסאָאישער אינ־טראָספּעקציע.

*

עפּעס ווי אַ געהיימער כישוף, אַ גייסטיקער מאַגנעטיזם האָט מיך, נאָך אַלס יינגל, באַווירקט, לייענענדיק זיין סוגעסטיווע „ווידוי". איך האָב דאַן אַרויסגעגעבענגט מיין באַגייסטערונג אין אומבאַהאָלפענע שורות:

י. גאָלדקאָרן

„זשאַן זשאַק רוסאָ, מיין פרייד, מיין לעבן,
פון פרייהייט און אמת דער סימבאָל״...

מיין יוגנטלעכער גלויבן אין זשאַן זשאַק רוסאָ איז מיר פאַרבליבן ביז איצט, נישט קוקנדיק אויפן שפּעטער דערוואָרבענעם באַוווסטזיין, אַז ער איז דאָס שלימותדיקע בילד פון מענטשלעכער אומפּערפעקציע...

אין רוסאָן איז אויפגעגאַנגען אַ גרויס ליכט און ער איז פאַרבלענדט געוואָרן פון זיין אייגענער ליכטיקייט...

פאַראַן אַ טרעפלעך וואָרט ביים פראַנצויזישן ליטעראַטור־קריטיקער ברינטיע: „צי אויסערגעוויינלעכע מענטשן דאַרף מען צוגיין מיט אויסער־געוויינלעכער נאָזיכטיקייט. צו רוסאָן דאַרף מען צוגיין מיט אויסער־געוויינלעכער — נישט פּראָפעסאָריש־פּעדאַנטישער — טאָלעראַנץ.״

איך גיי אים נאָך צווישן פיל זאַמדיקע שורות, צווישן זומפּן פון אַבסורדאַלע איינזייטיקייטן און דעקלאַמאַטאָרישער פּאַטעטיק. איך דראַפּע זיך אויף די שמאָלע באַרג־שטעגלעך, אונטער וועלכע ס׳אָטעמט אַ טיפער תהום — די דראַמאַטישע ווענדפּונקטן פון זיין לעגענדאַרישן שאַפן און פּראָבלעמאַטישער פּערזענלעכקייט; איין אויגנבליק — און ס׳דראָט די סכנה צו פאַרלירן דאָס גלייכגעוויכט און אַראָפּצוזינקען אין נעגאַציע. און נאָר אַ טיפער גלויבן האַלט דעם באַלאַנס. ענדלעך: ווי דורך אַ כישוף עפנט זיך אַ געבענטשטער פליין — די רוסאָישע לאַנדשאַפט. מען הערט, ווי פון זיינע וווּנדערלעכע לאַנדשאַפטן, אַ רוישן פון אַ טיפן תהום־שטראָם, אַ שטראָם פון גאָט־ און מענטש־בענקשאַפט, וואָס האָט אים אָפט אַוועקגעשלעפּט צו ברעגעס פון כימערעס און פּאַראַדאָקסן.

זילבערנע קוואַלן. פּאַשנדיקע שאָף. וועלדער־אָרגלען זינגען אַ טיף דממה־דקה־געזאַנג. ס׳פליִיצן געזאַנגען: בעטהאָווענס נאָבעלע מענטש־לעכקייט און טיפע נשמה־נאָסטאַלגיע; שאָפּענס נאָקטורנישע מעלאַנכאָליע און מאָצאַרטס עטערישע מוזיק. ס׳עפענען זיך די וווּנדערבאַרסטע זייטלעך פון די „קאָנפעסיעס״, פון די „טרוימערייען פון אַן איינזאַמען שפּאַצירער״ פון „די נייע העלאָיז״, פון די „דיאַלאָגן״ א. אַ.

מיר געדענקען, אַז רוסאָ האָט געעפנט דעם וועג צו דער נאַטור;

אַ וועג פאַר נשמהדיקער קאָנטעמפּלאַציע, פאַר אינטימער פאַרבינדונג פון יחיד מיטן אל.

מיר געדענקען, אַז ער האָט, ווי קיינער נישט פאַר אים אין דער אייראָפּעישער ליטעראַטור, נביאות געזאָגט וועגן די געפאַרן פון דער צבוע־ציוויליזאַציע...

רוסאָ איז געווען אַ גרויסער כוח: זיינע דונערן און בליצן האָבן געשטורעמט און צעשטערט די באַסטיליע.

אָבער דער טיפער מיין פון רוסאָס וועזן און וואָרט איז געווען — דאָס שטורעמען די פּוילנדיקע, טיראַנישע, גייסטיקע באַסטיליעס פון דער וועלט...

ניקאָלאַ לאָראַן זשילבער

(1751—1780)

מיט זיין טראַגישן טויט און זיין נישט ווייניקער טראַגישן לעבן, איז ניקאָלאַ זשילבער אַ סימבאָלישע פיגור. ער איז נישט בלויז אַ פאַרקער־פערונג פון דעם מאַרטירער־דיכטער, וואָס לעבט און שאַפט אין אַ פיינט־לעכער סביבה, — וועלכע פירט אים ענדלעך צום אונטערגאַנג, — ער איז אויך אַ סימבאָל פון דעם דיכטער־קעמפער, וואָס דערהייבט זיך איבער זיינע פאַרשרייערס אָדער פאַרשווייגערס, פאַרוואַנדלענדיק זיך אין אַ מעכ־טיקן אָנקלאָגער קעגן גאָר דער קליינלעכקייט און נישטיקייט פון דער סביבה.

זשילבערס צייט — די צייט ערב דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע — איז געווען אַ תקופה פון געשמאַק־פאַרדאַרבונג. די אויפקלערערס, די ענציקלאָפּעדיסטן א״אַ האָבן געהאַט גרויסע היסטאָרישע סאָציאַלע און קולטור־פאַרדינסטן צוליב זייער רעפאָרמאַטאָרישער ראָל אין פראַנק־רייך; אָבער אויפן געביט פון ליטעראַטור האָבן זיי אַנטוויקלט אַן עקסטרע־

מען ראַציאָנאַליזם און אוטיליטאַריזם. די טויזנטיאָריקע פּראַנצויזישע מאָנאַרכיע האָט געפּוילט. רוסאָ האָט זי געשלאָגן מיט זיינע פייערדיקע וואָרט־בליצן; וואָלטער האָט זי פּאַמעלעך, אָבער סיסטעמאַטיש אונטער־געגראָבן מיט זיינע שאַרפע סאַטירעס. נאָך זיי איז געקומען אַן אַרמיי וואָס האָט אַריינגעדרונגען אין „הויף״, געריכטן, סאַלאָנען אאַ״וו. די פילאָזאָפן האָבן פּאַריאָגט די געשפּענסטער פון מיטלאַלטער — די שווידערלעכע פייניקונגען און טויטשטראָפן פאַר אַפּיקורסים. ווי אַ רעזולטאַט פון דעם דערוויזענעם געריכט־מאָרד איבער קאַלאַ און אַנדערע, האָט לואי דער 15טער, ביים סוף פון זיין לעבן, ענדלעך אָפּגעשאַפט די אינקוויזיציע־פייניקונגען פון צעברעכן דעם באַשולדיקטנס אברים דורכן ראָד. די און אַנדערע רעפאָרמען האָט וואָלטער אויף זיין קרעדיט. אָבער זיין ליטעראַ־רישער שאָטן האָט זיך צעלייגט איבערן גאַנצן 18טן י״ה. זיין אויסער־געוויינלעכע ענערגיע איז אָנגענומען געוואָרן פאַר אינספּיראַציע; זיין מייסטעריש באַהערשן די פּראָזאָדישע פאָרמען — פאַר פּאָעטישע שעדע־ווערס. די שפּיצן פון ליטעראַרישן פּאַרנאַס זענען דאַן געווען אַ רייע שרייבערס וואָס זענען שוין מיט קנאַפּע 200 יאָר צוריק נישט געווען מער ווי אַרכיוו־מאַטעריאַל. און איצט האָבן זיי אַ שייכות מיט ליטעראַטור־געשיכטע, אָבער נישט מיט ליטעראַטור: אַ לאַמאָט, מאַרמאָנטעל, סען־לאַמבער, לאַהאַרפּ א״אַ, וואָס זענען דאַן געווען די „סנהדרין״ פון דער ליטעראַטור, מיטגלידער פון דער „אַקאַדעמיע פון די אומשטערבלעכע״, וואָס האָבן געפּסקנט די ליטעראַרישע שאלות. די אויפקלערערס, וואָס האָבן, ווי אַנדערע געביטן, אויך דאָמינירט די ליטעראַטור, זענען געווען אמתע אַפּאָסטאָלן פון טאָלעראַנץ צו... זייערע אייגענע מיינונגען און פּרינציפּן. צו קעגנזעצלעכע, און אפילו צו אַנדערשדיקע אויפפאַסונגען, זענען זיי געווען נישט ווייניקער פאַנאַטיש ווי די רעליגיעזע פאַנאַטיקער.

אין אַזאַ צייט און סביבה האָט זשילבער, אַ געצייכנטער מיטן חותם פון אמתן טאַלאַנט, געלעבט, געליטן, געשאַפן און געשטאָרבן.

זשילבער איז פון די דאַן הערשנדיקע ליטעראַרישע תקיפים נישט צוגעלאָזט געוואָרן; זיין „דער לעצטער משפּט״, וואָס ער האָט צוגעשיקט צו דער אַקאַדעמיע, איז אַפילו נישט געלייענט געוואָרן; ער איז פאַרשטויסן

געוואָרן פון יעדער פּאָזיציע פון קונסט און לעבן. זיינע 9 יאָר אין פּאַריז — די לעצטע יאָרן פון זיין יונג־פּאַרשניטן לעבן — זענען געווען אַ כסדר־דיקער געראַנגל מיט די ביטערסטע ליידן פון הונגער, עלנט און פּאַראַכ־טונג פון דער סביבה. אָט די ליידן פון דעם יונגן דיכטער זענען פּאַרענדיקט געוואָרן מיט זיין טראַגישן טויט צו 29 יאָר — אַ שווערער באַשולדיקונגס־אַקט קעגן די ליטעראַטור־אוזורפּאַטאָרן פון די פּאַרגאַנגענע ציַיטן און אַ וואָרענונג צו די קומענדיקע.

*

זשילבערס באַדייטונג איז נישט בלויז אַ ליטעראַריש־סימבאָלישע. ער האָט באַוויזן אין משך פון זיין קורצן לעבן אָנצושרייבן אַ רייע אויסגע־צייכנטע שאַפונגען אין פּאָעזיע און פּראָזע. פון די שאַפונגען זענען נאָר אַ קליינער טייל אויסגעצייכנט מיט זייערע מעלות. אָבער דאָס ביסל גוטע באַווייזט ערשט וואָס עס איז געווען פון אים צו דערוואַרטן. ער איז געבליבן אין דער פּראַנצויזישער ליטעראַטור מיט דעם וואָס ער האָט געשאַפן און נאָך מער מיט דעם — וואָס ער האָט נישט געקאָנט שאַפן. זיין ליד „אַדיע צום לעבן" איז, גלייב איך, אַן אומשטערבלעכע שאַפונג. און אָט דאָס טראַגישע ליד איז געשריבן געוואָרן 8 טעג פאַר זיין טויט!

„אויפן באַנקעט פון לעבן, אַ גאַסט אַן אומגליקלעכער,
„אין אַ טאָג כ׳בין דערשינען און כ׳שטאַרב אַליין.
„איך שטאַרב, און אויף מיין קבר, ווו כ׳קום פּאַמעלעך אָן,
„וועט קיינער נישט קומען פאַרגיסן זיין געוויין".

זשילבערס לידער זענען טראַגיש און גרויס מיט דער פּאַנאָראַמע פון זיינע ליידן אין אַ סביבה, וואָס איז געווען אַזוי האַרטנעקיק צו זיינע הילפסרופן. שוין די בלויזע נעמען פון אַ רייע לידער זיינע באַצייכענען דעם דיכטערישן און מענטשלעכן „ס.אָ.ס." אינמיטן פון אַ ים פון קעלט און גלייכגילט: „דער אומגליקלעכער פּאָעט", „די קלאָגערייען פון אַן אומגליקלעכן" א״אַ.

זשילבער, אַן אויסגעצייכנטער ליריקער, איז אויך געווען אַ שאַרפער

סאַטיריקער, וואָס האָט געגעבן אַ פּיקאַנט, אָבער ריכטיק בילד פון זיין סביבה. ער האָט מיט זיין גוואַלדיקן סאַטירישן טאַלאַנט און עקספּרעסיווער בילדלעכקייט, דעמאַסקירט די עסטעטישע — און טיילווייז זיטלעכע — געפאַלנקייט פון זיין דור און זיינע וואָרטזאָרגערס.

„גליקלעך איז דער, וואָס קאָן מיט געשיקטקייט
„חנפענען אַלע צדדים...
„נישט וועלנדיק געטאַדלט ווערן, טאַדלט ער קיינעם נישט,
„דערקלערט וואלטער פאר ווערגיל, און אפילו פאַר קריסטלעך"...
(„דער סוף פון יאָרהונדערט")

און אויף אַ צווייטער שטעל אין דער זעלבער שאַפונג:
„דער פּרוכטבאַרער שריפטשטעלער...
„אַרבעט אין פאַרגעסנקייט פאַר די נאָכקומענדיקע דורות".

אין יאָר 1778, אַ יאָר פאַר זיין טויט, האָט זשילבער געשריבן „מיין אפּאָלאָגיע", אַ פּאָלעמישן פּאַמפלעט ,וואָס שימערירט מיט אַ סך גייסט־רייכקייט און סאַטירישער דערפינדערישקייט. דאָס איז געשריבן אין דער פאָרם פון אַ דיאַלאָג צווישן דעם מחבר און איינעם „פּסאַפאַן":

פּסאַפאַן:

„איר וועט נישט האָבן קיין פריינט".

זשילבער:

„די שונאים באַערן".

פּסאַפאַן:

„גאָרנישט קיין לויבערס".

זשילבער:

„כ'וועל האָבן מיינע שריפטן פאַר לויבערס".

— — — — — — — — —

זשילבער:

„...איר ליבט פאָרטונאַ; איך — דעם אמת".

„אויב איך זע מיינע אַרבעטן באַצאָלט מיט אַ ביסל אַכטונג,

פון וועלט־קוואַל

„איז דאָס ביסל רום וויניקסטנס רעכטמעסיק;
„...מיין באַשיידענער דערפאָלג איז נישט קיין סקאַנדאַל,
„מיין מוזע איז צניעותדיק, און מיין נאָמען וועט מעגלעך
רעספּעקטירט און אַן אַ פּלעק אַריבער צו די קומענדיקע דורות!"

און זשילבער איז דערגאַנגען...

אינטערעסאַנט וואָס פּאַר אַן אויסגעצייכנטן סאַטירישן טאַלאַנט ס'האָט פאַרמאָגט אָט דער אין תוך רעליגיעזער דיכטער; צווישן זיינע געזאַמלטע שריפטן געפינען זיך עטלעכע אַזעלכע מיניאַטורן — מייסטערווערק פון סאַטירישן זשאַנער.

אין זיי שטייגט דער וויניק באַקאַנטער „פאַרשאָלטענער פּאָעט" איבער — לויט מיין מיינונג — דעם קלאַסיקער פון וויץ און סאַטירע —וואָלטער.

וואָלטער האָט „איינגענומען" פראַנקרייך און אייראָפּע מיט זיין אויסער־געוויינלעכער דינאַמיק, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט, הויפּטזעכלעך, אין דער בליציקער שלאַגפאַרטיקייט פון זיין גערעדטן וואָרט. אין דעם איז ער אפשר געווען דער גרעסטער מייסטער — אַ מין קאַבינעט דעמאָסטענעס אין שטעקשיך.

אָבער זשילבער, דער אָרעמער, פאַרשטויסענער און פרומער יונגער דיכטער, „שלאָגט" אַפילו וואָלטערן, איבערשטייגט אים אין איראָנישער עלעגאַנץ ,אין סאַטירישן בליץ — וואָס פּאַר אַ ווונדער!

איך האָב געלייענט וואָלטערס, אין זיין צייט באַרימטן „פּאַמפלעט פון ד"ר אקאקיא" — אַ ווערק וואָס האָט דאַן ממש געקערט וועלטן און וואָס איז געווען די גרעסטע ליטעראַרישע „באָמבע" אין אייראָפּע אין יענער צייט, — איך האָב געלייענט און — קוים דאָ און דאָרט אַ שמייכל געטאָן. מן הסתם איז דאָס טיילוויז צו דערקלערן מיט אָרט־ און צייט־קאָלאָריט, וואָס האָט זיך, אַזוי צו זאָגן, אויסגעוועפּט.

זשילבערס קליינע סאַטירעס אין פּראָזע: „פּאַמפלעט קעגן ליטעראַרישע פּרייזן", „אַ בריוו צו ה' אימבער" א"אַ, זענען אויסערגעוויינלעך מיט זייער שאַרפזין, עלעגאַנץ און טרעפלעכקייט — אויך מיט זייער אַקטועלקייט — נאָך היינט־צו־טאָג.

י. גאָלדקאָרן

נביאיש זענען די שלוס־אַקאָרדן פון זיין לעצטן געזאַנג:
„איך וועל אויפוועקן פאַר דיר דערבאַרעמונג, גערעכטיקייט.
„פון דער אומקאָרומפּירטער צוקונפט...‟
די צוקונפט האָט זשילבערן נישט פאַראַטן.

באַלזאַק

(1799—1850)

ווען באַלזאַק איז געשטאָרבן אין עלטער פון קוים 51 יאָר, האָט ער איבערגעלאָזט די פאַבלהאַפטע ציפער פון הונדערט ווערק, אַחוץ זיינע צאָלרייכע אַנאָנימע ליטעראַרישע חטאת נעורים.

ער איז געווען אומפאַרגלייכלעך אין זיין קוואַליטעט פון אַ ליטעראַרישן דעמיורג, אין פאַבלהאַפטן טעמפּאָ פון אויפבויען איבערנאַכט וואָרט־בנינים.

אַ קאָלאָס פון אומגעהויערער שאַפונגס־ענערגיע.

ער איז געווען אַ מיטצייטלער פון נאַפּאָלעאָנען. און עפּעס פון דעם קאָרסיקאַנער וועלט־באַהערשער איז געווען אין דער גוואַלדיקער פּראָדוק־טיוויטעט פון באַלזאַקן.

אַ ליטעראַרישער באָנאַפּאַרטיזם, אַ קינסטלערישער אימפּעריאַליזם.

הונדערט ווערק — דאָס איז נאָר אַ טייל פון ריזיקן ליטעראַרישן ווערק, וואָס דער קינסטלער האָט געוואָלט שאַפן א״נ „די מענטשלעכע קאָמעדיע‟, אַ ווערק, וואָס האָט געזאָלט אַרומנעמען דעם גאַנצן מענטשן־מין; אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, אַלע מעגלעכע טיפּן, כאַראַקטערן; אַן אומענדלעכער פילם פון פאַרשידענע סצענעס און פאַזן פון געזעלשאַפט־לעכן און יחידישן לעבן.

דורכצולייענען באַלזאַקן מיינט — דורכצושווימען אַן אומענדלעכן

וואָרט־שטראָם; און גאָר אָפט מוז מען — ווען די טיפע שטעלן ווערן זעלטענער — דורכגיין דורך פלאַכע שטחים, און אַפילו דורך זומפיקע...

אַ נאַטור־זשעני. אַ ליטעראַרישער גאָלדגרעבער, וועמענס ווערטפולער „אַרץ" איז אַ געמיש פון ווערטפולן מעטאַל מיט ליימיקן פסולת.

ער איז דער אַנטיפּאָד פון אַ צווייטן גרויסן גאון — פלאָבער, וואָס האָט געשאַפן אינגאַנצן זעקס ווערק — גינגאָלד פון סטיל און קאָמפּאָזיציע.

מיט רעכט באַצייכנט זשיל לעמעטר פלאָבערס מייסטערישע קאָנצענטראַציע ווי „אויסגעצייכנטע חכמה". און מיט רעכט קלאָגט זיך דער קריטיקער, אַז מיר ווערן פאַרפּלייצט מיט ווערטער...

אָבער נישט קוקנדיק אויף דעם איבערפלוס, לוינט זיך צו עקספּלואַטירן באַלזאַקס ליטעראַרישע שפע. ס'בלייבט נאָך אַלץ גענוג טייערער מעטאַל פון דעם דאָזיקן צוזאַמענגעזעצטן שטאָף.

*

די נישט־איינהייטלעכקייט אין באַלזאַקס גרויסן ווערק דריקט זיך אויך אויס אין קאָמפּאָזיציע. דאָס איז סטיל פון סטילן, אַ פאָרם פון פיל פאָרמען. עס קרייצן זיך דאָ אויסגעשפּראָכענער רעאַליזם מיט ראָמאַנטישער פאַנטאַסטיק; וויזיאָנערישע אינספּיראַציע און סצענעס פון קרימינאַל־ראָמאַן; אַנאַליטיש שאַרפע, גרויסאַרטיקע מיליאָנערישע קווערשניטן, קונסט־טראַנזאַקציעס און גראַשנדיקע דעטאַל־שילדערונגען. פון אַ ליטעראַרישן קליינקרעמער...

ער גייט אָפט אַראָפּ פון דערציילונגס־וועג און פאַרבלאָנדזשעט אין אומענדלעכע דיגרעסיעס; פאַלט אַריין אין אַ נוסח פון אַ צייטונגס־מאמר... פון אַ וואָכעדיקן רעפּאָרטאַזש און אַפילו פון אַ שונד־כראָניק...

אָבער אַז מען האָט געדולד דורכצומאַכן היפשע מדבריות, דערגייט מען ביי אים צו געבענטשטע לאַנדשאַפטן. זיינע לאַנדשאַפטן זענען ברייטע מאַסן־בילדער, די מענטשלעכע געזעלשאַפט און יחידישע אַזעס. ער איז דער פלייסיקסטער באַאָבאַכטער פון געזעלשאַפטלעכן מוראַשניק, וווּ יעדעס בריאהלע לויפט פלייסיק נאָך זיין חלק...

ער האָט געשילדערט מיט אַ גרויסן פאַרנעם דעם הינטערגרונט פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט —

פון די נידעריקע פונדאַמענטן ביז צום סאָציאַלן טורעם פון מאַכט און עשירות. ער האָט אויך אונדז געוויזן די שווינדלטרעפ, וואָס פירן צו אָט די „הויכקייטן״: אינטריגע, שקר, ריקזיכטלאָזיקייט און גרענעצלאָזע אַמביציע, וואָס שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר קיין שטערונגען...

באַלזאַקס שטאַרקער פונקט, זיין געניאַליטעט קומט צום אויסדרוק אין שילדערן די פּאַסיעס פון יחיד, מענטשלעכעליידנשאַפטן אין אַלע זייערע אַספּעקטן און ניואַנסן. אין די שילדערונגען דערשיינט דער רעזשי־סער פון דער „קאָמעדיע״ ווי אַ וווּנדערלעכער פּסיכאָלאָג, אַ געשטאַלטיקער פון פאַרכאַפּנדיקע נשמה־קרעאַציעס.

ליידנשאַפט, — צו געלט, צו פרויען. פּאַסיאָנירטע ליבע פון עלטערן צו קינדער און ליידנשאַפט אין אומצייליקע אַנדערע פאָרמען — דאָס איז דער עלעמענט, ווו באַלזאַק הערשט מיט מייסטערישער גאונות.

אָט האָט ער געשאַפן אין זיין ראָמאַן „אויזשעני גראַנדע״, דעם טיפּ פון אַ רייכן קמצן און גאָלד־שקלאַף — אַ מאָליערישער „קאַרגער״ אין פּראָזע. איז דאָס אַ מאָנומענטאַלע קרעאַציע, וואָס פאַרכאַפּט מיט דער פּלאַסטישקייט און לעבעדיקייט פון די שטריכן און טענער.

אָבער באַלזאַק גיט אונדז נישט בלויז די ליידנשאַפט פון גאָלד, נאָר אויך דאָס גאָלד פון דער ליידנשאַפט — איר גוואַלדיקע טיראַנישע קראַפט פון אַ נאַטור־כוח.

ער שליסט אויף אַ פאַרבאָרגענע טיר אין דער מענטשלעכער נאַטור, און עס גיט אַ ווייע מיט אומבאַקאַנטן — אָפט מאָדנע, עקזאָטיש, פאַנטאַסטיש.

עס איז די מיסטעריע פון נשמהדיקן צופלוס און אָפּפלוס מיט אירע געהיימע געזעצן. מיר ווערן מיטגעריסן מיט דעם מעכטיקן מענטאַלן הוראַגאַן.

ער עפנט אַ גיגאַנטישע פּערספּעקטיוו פון ליבע און ליידנשאַפט — דעם הינטערגרונט און אונטערגרונט פון אירע עמאָציעס.

אַפילו די טריוויאַלע אינסטינקטן ווערן אין אַ געוויסער מאָס דער־הויבן דורך דעם כישוף פון זיין פעדער.

אייגנטלעך זענען עס די אומבאַשרענקטע דעמאָנישע לײדנשאַפטן וואָס ווערן מיט אומגעוויינלעכער קראַפט אַרויסגעבערענגט דורך באַלזאַקן, הגם אויך צערטלעך־איבערגעגעבענע פאָטער־ליבע ווערט ביי אים מייסטער־האַפט געשילדערט.

ריין־אינטעלעקטועלע טיפּן, געשטאַלטן פון דערהויבענע כאַראַקטערן מיט פיינע אַספּיראַציעס און נאָבעלע נאַטורן קומען בײַ אים אַרויס וויניקער פּלאַסטיש און וויניקער איבערצייגנדיק. זיי זענען אָפט מטושטש און נעפּלדיק ווי די אידעאַלע געשטאַלט פון „אַלאָשע" אין דאָסטאָיעווסקיס „די ברידער קאַראַמאַזאָוו".

באַלזאַקס מולטי־פאַרעמדיקייט, זיין פּאַסיע צו פאַרפיקסירן די פּאַר־שידנסטע אַספּעקטן פון יחיד און דער געזעלשאַפט, זיין ריזיקע „ענציקלאָ־פּעדיע" פון טיפּן, זיין „לעקסיקאָן" פון לײדנשאַפטן — דאָס איז דער אויס־דרוק פון באַלזאַקס אויסערגעוויינלעך וויטאַלער פּערזענלעכקייט.

זיין ווערק — אַן אומענדלעכע גאַלעריע, ווו מען וואַנדערט פון זאַל צו זאַל — פון דער ליבשאַפט פון אַ „פאָטער גאָריאָ", צו דעם פלוידערנדיקן אַף, דעם „פריילעכן גאָדיסאַר".

פון „צעזאַר ביראָטאָ" ביז דעם קינסטלער אין „קוזין בעט"; פון דער טראַגיש־אומהיימלעכער „פרוי פון 30 יאָר" ביז די „קאָנט דראַלאַטיק" — 30 דערציילונגען אין וועלכע ס׳קומט צום אויסדרוק דער גראָטעסקער הומאָר פון אַ ראַבלע און די באַקכאַנאַלישע סצענעס פון אַ באָקאַטשיאָ (אין דעם לעצטן ווערק הערן מיר דאָס דונערנדיקע געלעכטער פון אַ היידניש־באַרבאַרישן ריז, אַ רוימישע אָרגיאַסטיק, נאַקעט און פרעך).

באַלזאַק איז געווען אַ מיטישער ריז פון וויטאַליטעט, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן צו געבן דעם מאָנומענטאַלסטן און אוניווערסאַלסטן פילם פון מין האנושי. אַלע שטאַנדן, פּראָפעסיעס ,עלטער־גרופּעס, געשלעכטער; אַלע מעגלעכע פיזישע, פּסיכאָלאָגישע און כאַראַקטער־אייגנשאַפטן פון כלל און פּרט.

קומט אָפט פאָר אין זיין ווערק אַ טאָפּלטע אַלטערנאַטיווע דערשיינונג: אַמאָל זעט מען נישט דעם וואַלד צוליב די ביימער (דאָס אַלגעמיינע בילד פאַרשווינדט אין אַ ים פון מינדערוועריקע פּרטים), און אַמאָל זעט מען

נישט די ביימער צוליבן וואַלד (דאָס אינדיווידועל־כאַראַקטעריסטישע ווערט מטושטש צוליב דעם סכעמאַטישן קווערשניט פון דעם גרופּנבילד). אָבער מיט אַלע זיינע גרויסע פעלערן, פאַרבלאָנדזשענישן און קאָמפּאָזיציאָנעלן כאַאָס, בלייבט דאָך די „מענטשלעכע קאָמעדיע" — אָט דער גוואַלדיקער ליטעראַרישער ציקל — איינער פון די גרעסטע פּאַרמעסטן, און טיילווייז אויך דערגרייכונגען, אין דער געשיכטע פון ליטעראַטור.

באַלזאַק, דער יאָוויאַלער, דינאַמישער גייסטיקער דעראָבערער, האָט אין זיין פּריוואַטן לעבן שפּעקולירט מיט פאַרשידענע ווערטפּאַפּירן; ער האָט אין זיין ברויזנדיקן אונטערנעמונגס־גייסט, געפּרוווט פיל געשעפטן. אָבער פון די אַלע שפּעקולאַציעס איז אים בלויז געלונגען זיין שפּעקולאַציע מיט זיינע ליטעראַרישע ווערטפּאַפּירן, וועמענס קורס איז אַ פאַרשידנאַר־טיקער, אָבער זיי וועלן אייביק בלייבן גוטע וואַלוטע אויף די בערזעס פון קונסט און ליטעראַטור...

שאַרל באָדלער

(1821 — 1867)

יעדע דיכטערישע פּערזענלעכקייט, יעדער דיכטערישער סטיל איז אַ פּירוש, אַן אויסלייזונגס־פּרווו פון גרויסן „רעבוס" — דעם לעבנס־רעטעניש; און די פילפאַרביקייט, פאַרשידנאַרטיקייט, קעגנזעצלעכקייט פון אָט די „ענטפערס" — זענען אַליין אַ טייל פון אָט דעם רעטעניש...

באָדלערס דיכטערישע פּערזענלעכקייט, זיין סטיל געהערט צו די ביזאַרסטע און פּראָבלעמאַטישסטע דערשיינונגען אין דער וועלט־דיכטונג, און וויפל מען זאָל נישט זוכן קיין דערקלערונגען, בלייבט מען אַלץ שטיין פאַר אַ גרויסן פרעגצייכן.

באָדלער איז קינסטלעריש אויסגעוואַקסן פון דער „פּאַרנאַסער" דיכטער־גרופּע, בראש מיט טעאָפיל גאָטיע און לעקאָנט דע־ליל — אַ

ריכטונג, וואָס האָט רעוואָלטירט קעגן דער עקסהיביציע פון שלאַבעריקע געפילן אויפן חשבון פון באַהערשטער פאָרם; קעגן סענטימענטאַלער פאַר־נעפּלטקייט.

אָבער דער תלמיד האָט ווייט איבערגעוואַקסן זיינע רביים. ווי רוסאָ, דאָסטאָיעווסקי, פּאָו און אַנדערע טראַגיש־קאָמפּליצירטע, קרענקלעכע, פון פּאַטום פאַרפּאָלגטע גאונים, איז דער גערטנער פון די „בלומען פון בייז" אַן אַטראַקטיווער מאַטעריאַל פאַר פּסיכאָלאָגן, פילאָזאָפן, וואָס „לערנען זיך שערן אויף זיין „באָרד". מען פּרוּווט דעשיפרירן, אויסטייטשן; אָבער, ווי ס'פּאַסירט אָפט מיט אַ קנויל, וואָס מער מען וויל אים אויפפּלאָנטערן — אַלץ מער פאַרפּלאָנטערט ער זיך...

דאָס יאָר 1857, ווען ס'איז דערשינען די לידער־זאַמלונג אונטער דעם מאָדנעם נאָמען, איז אַ היסטאָרישע דאַטע אין דער וועלט־ליטעראַטור. אין טיפסטן תהום פון קערפּערלעכער דעגענעראַציע און טעמאַטישע אָפּשיילעכקייטן, האָט ער באַוויזן די קונסט צוריק אויפצוטויכן מיט דעם רייכסטן פאַנג — מיט די שימערירנדיקסטע פּערל פון אומפאַרגייענדיקער שיינקייט, פון העכסטער דיכטונג.

וואָס איז דער רוים, אין וועלכן ס'שוועבט זיין מוזע? — טויט, קראַנקהייט, אָרעמקייט, זינד, פּערווערזע אויסגעלאַסנקייט — קערפּער־לעכע און מאָראַלישע אויפלייזונג.

פון אָט די גרויליקע אַספּעקטן האָט דער מאַגישער קינסטלער אויס־געכישופט זיין פאַרכאַפּנדיקע פּאָעטישע פּאַנאָראַמע.

איינס פון זיינע באַרימטע לידער הייסט: „די נבלה". ער האָט געוויזן דעם מענטש אין זיין פיזישער צעפאַלונג, אין דעם גרויל פון איבלדיקן אויפלייזן זיך; ער האָט אויך געוויזן דעם מענטש אַלס מאָראַלישן און עסטעטישן „בר מינן". אָבער זיין גרויסקייט באַשטייט אין קאָנען ווייזן אין דער סאַמע געפאַלנקייט — דעם אויפשטייג:

„אין דער שלומערנדיקער חיה דערוואַכט אַ מלאך".

אין זיין בוך קריטישע עסייען, „די ראָמאַנטישע קונסט", זאָגט באָדלער:

„...ס'איז איינס פון די וווּנדערלעכסטע פּריווילעגיעס פון דער קונסט, וואָס דאָס אָפּשיילעכע, ווען קינסטלעריש אויסגעדריקט, ווערט שיינקייט,

און וואָס דער ריטמישער און טאַקטמעסיקער וויטיק פּילט־אָן דעם גייסט מיט אַ רואיקער פרייד.״

דוכט זיך, אַז אין דער גאַנצער אייראָפּעישער פּאָעזיע, פון דאַנטע אָן, איז נישט פאַראַן אַזאַ פייערלעכע „דערנידערטקייט״, דערהויבנקייט און מאַגיש־פאַרכאַפּנדיקע מוזיק, ווי ביי באָדלערן.

ווייל באָדלער איז א מאַגישער „דיריגענט־קאָמפּאָזיטאָר״, וואָס האָט מיט אַ כישוף־שווונג געלאָזט אין גאַנג אַ מעכטיק פּאָעטישן אָרקעסטער. ער האָט אַנטדעקט דעם שפּרוך פון שפּראַך. ער האָט געעפנט אומגעוויינלעכע פּערספּעקטיוון פון וואָרט. זיין פּערז איז אַ מעכטיקער אַקאָרד מיט טיפע עכאָס, פול מיט אַסאָציאַציעס, אימאַזשן, עקזאָטישע פאַרבן און אַראָמאַטן. באָדלער האָט טיף געבויערט אין וואָרט. זיין ליד איז אַן „אַראָפּגאַנג״ צו טיף אינערלעכע נשמה־קוואַלן.

באָדלער האָט אויסגעמייסטערט קלאַנג־און־בילד־בריקן צום טראַנסצענדענטאַלן. ער האָט גאַלוואַניזירט די פּאָעטישע פּראָזע מיט אַ געוואַלדיקער ענערגעטישער מאַגנעטיק, וואָס רופט אַרויס אין דמיון פון לייענער אַן אומענדלעכקייט פון געהיימע וויברירונגען, סוגעסטיעס און אַנונגען — די וויברירונג פון אומענדלעכקייט...

באָדלער האָט געוואָלט קומען צו גאָט דורך אַן אונטערערדישן טונעל...

„...פלי אַרויף ווייט, ווייט פון די קראַנקע מיאַזמען,
גיי זיך רייניקן אין דער העכערער לופט
און טרינק, ווי אַ ריינעם געטלעכן געטראַנק,
דאָס קלאָרע ליכט, וואָס פילט־אויס די דורכזיכטיקע שטחים.
„...איבער טייכן, איבער טאָלן,
איבער בערג, וועלדער, וואָלקנס, ימים;
איבער דער זון, איבערן עטער,
איבער די סופן פון באַשטערנטע מרחקים״...

(„דערהייבונג״)

מאַנכע קריטיקער האָבן געהאַלטן, אַז באָדלער האָט געבעטן אויף זיך די ערגסטעליידן, אַז ער איז געווען באַזעסן פון „דאָלאָריזם". און באַשטעטיקונגען אויף דעם זענען פאַראַן גענוג אין די „בלומען פון בייז":

„זיי געבענטשט, מיין גאָט, וואָס גיסט די ליידן
ווי אַ געטלעכע רפואה צו אונדזערע אומריינקייטן
און ווי די בעסטע און ריינסטע עסענץ,
וועלכע גרייט צו די שטאַרקע צו הייליקע תענוגים!"

(בענטשונג)

טעאָפיל גאָטיע, זיין פאַרערטער מייסטער (וואָס איז, אַלס פּאָעט „נישט געקומען צו זיינע קנעכלעך", אָבער געווען אַ פיינער עסייאיסט און קונסט־טעאָרעטיקער), האָט גאַנץ טיפזיניק באַנומען דעם תלמיד, אין זיין שטודיע וועגן מחבר פון די „בלומען פון בייז": — „אין ערגעץ איז דער דורשט נאָך ריינער לופט, אומבאַפלעקטן הימאַלאַיִשן שניי... שטאַרקער און ליידנשאַפטלעכער ווי אין די לידער וואָס מען האָט באַצייכנט אַלס אוממאָראַלישע... אַזוי ווי איינער וואָלט געווען אַ פאַרגיפטער פאַר שרייבן וועגן דער גיפטיקער אַפטייק פון אַ באָרדזשאַ"...

איבערגעבן אין אַן איבערזעצונג דעם צויבער פון אַ ליד און זיין קאָמפּאָזיציע איז אפשר פונקט אַזוי מעגלעך, ווי איבערגעבן די ארכיטעקטאָנישע שיינקייט פון אַ בנין — דורך ווייזן זי אין דער „פאָרם" פון אַ צענומענעם הויפן ציגל...

אין באָדלערס כסדרדיקן „אויסטאָן" זיך, אין זיין וווּנדיקן עקסהיביציאָניזם און שטעלן זיך — דעם מענטש בכלל — צום שאַנד־סלופּ, איז פאַראַן אַ טיף מאָראַלישער אונטערטאָן — נישט געקוקט אויף דער שיינבאַר דאָמינירנדיקער און אויסגעשפּראָכענער אַנטי־מאָראַלישקייט, פּערווערזיטעט און דעמאָנישער גלאָריפיקאַציע.

אין תוך איז אפשר באָדלער געווען אַ הייליקער, אַ לויטער־דערהויבענע נשמה, וואָס האָט זיך (מיט דער „הילף" פון זיין טראַגישן גורל) מאַסקירט אַלס טייוול, פונקט ווי דער טייוול מאַסקירט זיך אָפט אַלס הייליקער... דער דיכטער האָט, צווישן זיינע פילע מאַניעס און שוואַכקייטן, געהאַט

דעם מיחוש פון ליגן; ער איז געווען — אַחוץ צו זיינע אינטימע פריינט — אַ קרענקלעכער ליגנער. אָבער אַ שיינער „ליגנער" איז דער, וואָס באַרימט זיך מיט זיין שקר!...

אין די „קליינע לידער אין פּראָזע", וואָס זענען אפשר די קלאַסישסטע שאַפונגען פון דעם זשאַנער, האָט באָדלער אַזאַ ליד:

„...ענדלעך אַליין!... די טיראַניע פון מענטשלעכן פּנים האָט אויפגעהערט... אַ שרעקלעך לעבן!... האָבן באַגריסט אַ 20 פּערזאָן... נישט האָבנדיק געגנוג פאַרזיכטיקייט צו קויפן הענטשקעס... אומצופרידן פון אַלע און זיך אַליין, וואָלט איך געוואָלט זיך דערליזן... אינעם שווייגן... פון דער נאַכט... נשמות פון די, וואָס כ'האָב געליבט... שטאַרקט מיך... דערווייטערט פון מיר דעם ליגן און די פאַרדאַרבנדיקע דאַמפן פון דער וועלט... מיין גאָט! טייל מיר צו דעם חסד צו שאַפן עטלעכע שיינע לידער..."

(„איינס אַזייגער ביינאַכט")

אַ זינדיק־הייליקער, וואָס ברענגט אַרויס שמוץ, כדי צו ווערן געלייטערט — —

אייגנטלעך איז זינד — ווי דער נאָמען פון זיין געניאַלן ווערק זאָגט דאָס שוין — די הויפּט־ספּרוזשינע, וואָס ברענגט אין גאַנג דעם מעכאַניזם פון פאַלן און שטייגן — אַ נשמהדיקער „ליוועי", וואָס שפּאַרט אַן אין תהום פון זינד און ליידן, און דערהייבט צו די העכסטע הימלען פון געוויסן:

„איך בין די ווונד און דאָס מעסער!\
איך בין דער פּאַטש און די באַק!\
איך בין די אבֿרים און דאָס ראָד,\
און דער קרבן און דער תליון."

באָדלערס דיכטונג איז אַן אָקעאַן, וואָס שפּרייט זיך אויס אין־סופיק און פול מיט אור־קראַפט; אָבער די גיגאַנטישע סטיכיע איז האַרמאָניש „געבונדן", געצוימט אין די ברעגעס פון שטרענגע פאָרמען. זיין מעטאַלענע מוזיקאַלישקייט דערגרייכט דעם עפעקט פון אַ קלאַנגען־„קאָנ־ווייער" — עפּעס אַ געהיימע קלאַנג־אַסאָציאַציע, וואָס באַוועגט אין אונדזער

פאַרשטעלונג אַ ווייטערדיקע מוזיקאַלישע וויבראַציע, אַפּהילכנדיק ווי אַ כישוף־פּייפיאַל טיף און לאַקנדיק — זיינע מעטאַפאָרן און סימיליעס זענען אויסערגעוויינלעך מיט זייער אומגעריכטן שווונג און בליציקייט, דערגייענדיק צו העכסטער דערגרייכונג פון בילד: פון קאָנקרעט באַגרענעצטן איינדרוק — צום אומענדלעך קאָסמישן, צו איבערדימענסיאָנעלע אנונגען, עמאָציעס און זעאונגען.

אַפילו ברינעטיע (נעבן עמיל פאַגע — זיין שאַרפסטער קעגנער) איז מודה אַז באָדלער איז דער פּאָעט פון אַראָמאַט־אַסאָציאַציעס. — אַ פאַרשיכורנדיקער עקזאָטישער אַראָמאַט הויכט אויס זיין בוקעט „בלומען". דאָ, ווי אין אַנדערע פון זיינע קונסט־מעדיומס, דערפירט ער די עמאָציע ביז צו זעלטנסטע וואַריאַציעס און ניואַנסן. — וויקטאָר הוגאָ האָט אין אַ בריוו צו באָדלערן באַצייכנט זיין אייגנאַרטיקייט: „איר שאַפט אַ נייעם ציטער". און דאָס איז אַ פיינע באַצייכענונג פאַר באָדלערס גרויסער קראַפט.

דער באָדלערישער „נייער ציטער" האָט זיך עלעקטריש איבערגעטראָגן צו די פיינסטע אויפנעמער — גרויסע אייראָפּעאישע דיכטער און קינסטלער.

דער גרויסער ענגלישער דיכטער און עסייאיסט סווינבורן איז געווען דער ערשטער, אויסער פראַנקרייך, צו דערזען זיין פּאָעטישן זשעני צום סוף 19 י״ה האָבן צו די פאַרערערס פון באָדלערן געהערט אַזעלכע דיכטער ווי אָסקאַר ווײַלד, ד׳אַנונציאָ, מעטערלינק, ווערהאַרען, רילקע.

אַלס דיכטער־מייסטער האָט באָדלער איבערגעלאָזט אַ קוואַנטיטאַטיוו קליינע ירושה: די „בלומען פון בייז" און „לידער אין פּראָזע". ווי אַ טיפזיניקער קונסט־קריטיקער האָט ער איבערגעלאָזט עטלעכע גלענצנדיקע עסייען און קריטיק־זאַמלונגען: „דער סאַלאָן", „עסטעטישע קוריאָזן" און „די ראָמאַנטישע קונסט".

דאַקעגן זענען אומבאַדייטנדיק זיינע דערציילונגען און נאַרקאָז־באַשרייבונגען אין „קינסטלעכע גן־עדנס" אין זיין נאָטיצן־זאַמלונג „ראַקעטן". (דאָס לעצטע ווערק, געשריבן קורץ פאַר זיין פריצייטיקן טויט, איז אַ זאַמלונג פון נאָטיצן — פאַרצווייפלטע קרעכצן פון אַ קראַנקן גייסט,

אַן ערב־גסיסה־כאָרכלען, וואָס דאַרף נישט צוגעשריבן ווערן צו זיין דיכ־טערישן בילאַנס).

באָדלער איז געווען אַן אַלכעמיקער, וואָס האָט פאַרוואַנדלט זיין ראָסטנדיק לעבן אין גלענצנדיקן פיינגאָלד פון לויטערן געזאַנג. ער האָט אויסגעלעבט זיין דיכטונג; אַריינגענומען אין זיך אַלע רוישן, תהום־ליידן און ליידנשאַפטן. די רעאַליטעט איז פאַר אים געווען ווי אַן אויס־געליידיקטע פלאַש וויין פאַר טרינקער. ער האָט אויסגעדיכטעט זיין לעבן, זיין „טאָג־טעגלעך שטאַפּלענווייז אַראָפּגלידערן אין תהום וואָס ריח׳ט״; זיינע קאָשמאַרנע טעג, וואונדיק צעגליטע נעכט — זיין גאַנצע מאַרטירע־רישע עקזיסטענץ איז אַקומולירט געוואָרן אין די הויך־געשאַפענע פערז־שטראָמען, וואָס וועלן עלעקטריזירן אומענדלעכע דורות.

ווי אבן־גבירול, נאָוואַליס, בייראָן, שעלי, לערמאַנטאָוו, און יעסע־נין, — די אויסערגעוויינטלעכע לעבנס־דיכטער, ליטעראַרישע „קאָמעטן״, שנעל אויסברענענדיקע, — האָט באָדלער מיט אַ פעיערישן ליכט אויפ־געפלאַקערט און — נישט פאַרזונקען.

ער לעבט אין דעם אָקעאַן פון קלאַנגען, פאַרבן, אַראָמאַטן, אימאַזשן און וויזיעס, וואָס שטראָמען אַרויס פון זיינע געניאַלע שורות.

פאָל ווערלען

(1844—1896)

ווערלען האָט אין זיינע ערשטע לידער („סאַטורנישע לידער״) זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ תלמיד פון די פאַרנאַסיסטן פון דער פאַריזער דיכטער־שול פון מיטן 19טן יאָרהונדערט, וואָס איז אויפגעקומען ווי אַ רעאַקציע קעגן דער געפילן־איבערשוימונג און סענטימענטאַלן עקסהיביציאָניזם פון די ראָמאַנטיקערס. די „פאַרנאַסיסטן״ האָבן דעם ראָמאַנטישן סענטימענטאַליזם אַנטקעגנגעשטעלט דעם אידעאַל פון דער קאַלטער שיינקייט, וואָס האָט

געפונען אַן אויסדרוק אין די געפּרעסטע, ענערגעטיש־געצוימטע לידער פֿון אַ לעקאַנט דעליל, אַ טעאָפיל גאָטיע — די וואָרטזאַגערס פון דער שול.

אַמבעסטן האָט די בענקשאַפט צו קאַלט־מאַרמאָרנער, קרישטאַלענער שיינקייט אויסגעדריקט באָדלער אין זיין מאַנאַלאָג פון דער שיינקייט:

„איך בין שיין, אָ, איר שטערבלעכע,
„ווי אַ חלום פון שטיין".

אָבער ווערלען דער דעקאַדענט האָט אין זיינע וויטערדיקע שאַפונגען זיך אַרויסגעוויזן ווי אַן אייגנאַרטיקער נעאָ־ראָמאַנטיקער, ספּעציעל אין די רעליגיעזע שאַפונגען, וואָס ער האָט געשריבן בעת זיין דראַמאַטישן איבער־ברוך־פּעריאָד — דעם 2יאָריקן אויפהאַלט אין אַ בעלגישער תפיסה.

הגם ווערלען האָט צום סוף פון זיין לעבן שוין פאַרנומען דעם אויבנאָן אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור, ווי דער אַנערקענטער מייסטער פון ליד, געהערט ער דאָך צו די „קאָנטראָווערסיע"־פּאָעטן. נישט נאָר מאַכט פון אים אַ „תל" ד"ר מאַקס נאָרדוי מיט זיין אייזערנער (און אייזיקער...) לאָגיק, נאָר אַפילו בענעדעטאָ קראָטשע, דער איטאַליענישער פילאָזאָף און גלענצנדיקער ליטעראַטור־קריטיקער — איז אים מבטל.

נו, אַוודאי פאַרמאָגט נישט ווערלען דעם געניאַלן פלי, די מאָנומענ־טאַלישקייט פון אַ באָדלער, וועמענס יעדע שורה איז אַ שעדעווער, אַ האַר־מאָניע פון פאַרבן, קלאַנגען, אַראָמאַטן און פאַרבליפט מיטן מאַיעסטעט פון אירע תהומישע דימענסיעס. ער פאַרמאָגט אויך נישט די פאַרביקע ווירטואָ־זיטעט — שוין אָפּגערעדט דעם אוניווערסאַליזם — פון אַ הוגאָ; דעם פּאַס־טאָראַלן חן פון לאַמאַרטינס זיסער מוזיק.

אָבער ווערלען איז גרויס, ער ווירקט מיט זיין נשמהדיק טיפן עלעגישן טאָן, אין וועלכן ער איז, אין אַ געוויסער מאָס, ענלעך צו מיסע, דעם דיכטער פון ליבע. אָבער ביים לעצטן זענען די פּאָעטישע „ספּרוזשינעס" געווען די לאַווינע־אַרטיקע געפילפולקייט, ראָמאַנטישע בענקשאַפט; ווערלענס מוזיקאַלישע לאַמענטאַציעס זענען געווען די פון אַ קרבן — אַ „קרבן חטאת" — אָדער אַ קרבן פון אייגענעם חטא... — וואָס האָט זיך פאַרצערט אויפן פייער פון זיין אומגליקלעכער פיזישער דעפאָרמירטקייט און כאַראַק־טער־שוואַכקייטן.

*

ווי וויאָן, באָדלער, רעמבאָ — איז ווערלען דער דיכטער פון דער באָהעמיע פאַר עקסעלאַנס. אָבער יעדער פון זיי פאַרנעמט אַ ספּעציפיש אָרט אויך אַלס באָהעם.

וויאָן איז געווען אַ רויבער און איינברעכער; רעמבאָ — אַ פאַנטאַס־טישער אַוואַנטוריסט־וואַנדערער; באָדלער, דער נעווראסטעניקער, איז געווען אַ „פאַרברעכער" מיטן רעדן. אין פּערזענלעכן לעבן איז ער, לויטן אַטעסטאַט פון זיינע צייט־חברים, געווען אַ מענטש פון פריינטלעכער באַציאונג, איידלקייט און האַרציקייט.

ווערלען איז געווען אַן אומגליקלעכער וואַגאַבונד, וועמען ס'האָבן אַראָפּגעפירט פון דרך־הישר — דאָס קאָמפּליצירטע געפיל פון זיין פיזי־שער מיאוסקייט און אַ ריי שוואַכקייטן, וועלכע זענען אין זייער אויסווירקונג געווען דעמאָניש שטאַרק — קודם כל זיין שרעקלעכע שיכרות. דער אָפּטער דעליריום־צושטאַנד האָט אים דערפירט צו „זינד און שאַנד און שפּאָט": אָנפאַלן פון ווילדן צאָרן, אַוואַנטורעס, זיך וואַלגערן אין שענקן, שפּיטאָלן, תפיסות — ביז צו זיין פולשטענדיקער רואין.

הייסט עס, אַז ווערלען איז געווען אַ טיפּ פון אַ טיילווייז קרימינעלן וואַגאַבונד, וואָס האָט פאַרבראָכן נישט בלויז קעגן אָנגענומענעם לעבנס־נוסח, נאָר אויך — אין די אָפּטע ברוטאַלע באַרוישונגס־צושטאַנדן — קעגן דער רו און זיכערקייט פון זיינע מיטמענטשן — אַן אמתער דעקאַדענט.

דער לייכטער, קאָנטראָלירטער וואַגאַבונדישער וועג פון אַ דיכטער־רעוואָלטירער קעגן פיליסטערישן סדר העולם איז נישט דעקאַדענטיש. הגם ער שטימט נישט איין מיטן וועלט־באַנעם פון ביליקן קליינקרעמערל, וואָס ציילט מיט צופרידענער קאַרגשאַפט זיינע מאָראַלישע גראָשנס...

*

אַנטשפּרעכנדיק צו די פאַרשידענע אַנטוויקלונגס־פאַזן פון ווערלענס געמיט און וועלט־באַנעם, זענען די מערערע לידער־זאַמלונגען, וואָס זענען דערשינען פון זיין פען.

ווייל דער דיכטער פון די „האַרבסט־לידער" געהערט צו די סוביעקטיווסטע ליריקערס און זיינע ווערק זענען נשמה־כראָניקס, געמיטס־טאָג־ביכער, אין וועלכע די גייסטיקע אויטאָביאָגראַפיע פון דיכטער ווערט געשילדערט אויפן הינטערגרונט פון זיין שטורמישן לעבן. אַזוי: זיין דיכטערישער שטראָם איז נישט קיין גוואַלדיקער אין אומפאַנג, אָבער באַדייטנדיק מיט זיין טיפקייט.

זיינע לידער זענען מוזיקאַלישע ווידויים, אַ מין ווערסיפיצירטע „זוכעניש פון דער פאַרלוירענער צייט": פאַרלוירן נישט בלויז אין כראָנאָלאָגישן זין... ער איז דער דיכטער פון מוזיקאַלישקייט, פון ניואַנס, פון האַלבן טאָן און שאָטנהאַפטע דינע קאָנטורן, וואָס פאַרוויגן מיט זייער ריטמישן טראַנס:

„די לאַנגע זיפצן
„פון די פידלען
„פון דעם האַרבסט
„פאַרוווּנדן מיין האַרץ".

אָדער אַ ליבע־ליד אויפן גייסטערהאַפטן פאָן פון אַ לבנה־באַלויכטענעם וואַלד: אַ ליד וואָס איבעראַשט מיטן איבערגעבן אין סוגעסטיווע אַקאָרדן דאָס אַנטשפרעכנדיקע פון דעם לונאַטיש־מיסטעריעזן, פון דעם זילבער־ליכט וואָס כישופט דורך די צווייגן:

„די ווייסע לבנה
„לייכט אין דעם וואַלד,
„פון יעדער צווייג
„גרייכט אַ שטימע...

— — — — —

צושטאַנדן פון דעפּרעסיע, פון אומהיימלעכער מרה שחורה, ווערן ביי אים געלייטערט מיט דער זעלבער מוזיקאַלישער דינקייט, וואָס ברענגט אַרויס די טיף פון אונטערבאַוווסטיניקן:

„עס וויינט אין מיין האַרץ"

— — — — —

י. גאָלדקאָרן

„עס איז די ערגסטע פּיין
„נישט צו וויסן פאַרוואָס,
„אָן ליבע און אָן פּיין
„האָט מיין האַרץ אַזויפיל פּיין".

ווערלען איז דער דיכטער פון געוויסנסביסן, חרטה און תשובה. זיין לעבן, פּונקט ווי זיין דיכטונג, דרייט זיך אין אַ פאַרכישופטן קרייז: פון זינד צו תשובה און פון תשובה צו זינד...

און זיינע זיך בייטנדיקע עטאַפּן זענען: די שענק, קירכע, וואַנדערונג, אַזיל, שפּיטאָל און תפיסה.

ווערלען האָט זיך כסדר געשלאָגן על חטא, ווייל ער האָט שטענדיק געהאַט א פרישן גרונד... און דאָ קומען מיר צו אַ וועזנטלעכן פּסיכאָלאָגישן „קנופּ" פון זיין לעבן.

דער קנופּ איז באַשטאַנען אין דעם קאָמפּליצירטן און אייגנאַרטיקן נשמה־„מעכאַניזם", וואָס האָט „געאַרבעט" מיט אַ מין אויטאָמאַטישער פּינקטלעכקייט: ווען דער דיכטער האָט געזונקען אין שמוץ און אין אויסגעלאַסנקייט (דערגרייכנדיק דעם „קאָנטאַקט"), האָט דער מעכאַניזם בליציק־עלעקטריש אים געשליידערט צו דער אויבערפלאַך — צו מאָראַ־לישער דערוואַכונג, טיפער רעליגיעזער תפילהדיקייט און ווידוי. ווען ער האָט דערגרייכט די הייך — איז ער ווידער געזונקען: „אַ פּערפּעטום מאָבילע...

פון אָט די פיזישע און מאָראַלישע חורבות, פון אונטער די זומפּיקע תאוות און בלאָטיקע פּערווערסיעס — האָט אַרויסגעריזלט אַ זעלטן־ריינער, פריש־פּאָעטישער קוואַל:

אַ פּענאָמען, וועלכן באָדלער האָט אויסגעדריקט מיט זיין באַרימטן פערז:

„אין דער פאַרשלומערטער חיה וואַכט אויף אַ מלאך".

און אַזוי איז ווערלען, דער אומגעצוימטער פּערווערזער בעל־תאווה, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טיף־רעליגיעזן דיכטער.

זיין לעבן, וואָס איז געווען דורכגעפרעסן מיט ראַסט, מיט פיזישער

און מאָראַלישער דעגענעראַציע, האָט ער גערייניגט אין אַ גרויסן רעלי־גיעזן פייער־פלאַם.

פון מרים דער „קדשה" איז ער געלאָפן צוריק צו דער „קדושה" — און צוריק...

ווערלען, דער אומהיילבארער אַלקאָהאָליקער, דער אַבסינט־טרינקער, האָט געפונען זיין „אַנטידאָט" צו דעם געפערלעכן גיפט אין דער נשמה־שיכרות פון קאַטאָליציזם, וואָס איז די רעליגיע פון זינדערס פאַר עקסע־לאַנס...

געקומען אויף דער וועלט מיט אַן אָפּשטויסנדיקער פיזיאָנאָמיע, מיט איינגעבוירענע און דערוואָרבענע שלעכטע נייגונגען, — האָט ווערלען געקריגן פון אוצר־הנשמות אַ קאָמפּענסאַציע — אַ געטלעכן פונק, וואָס האָט געטליעט אין דעם אַש פון זיין לעבן.

ער אַליין, דער אומגליקלעכער „פאַרשאָלטענער דיכטער", האָט באַצייכנט דעם טראַגישן פּלאָנטער פון זיין לעבן און דיכטונג אין אַ שיין ליד, וואָס איז, ווי די מערסטע פון זיינע לידער, אַ פּרווו פון זעלבסטבאַשייד:

(„די לאָנדאָנער בריק")

„קוק אויף די שוואַרצע כוואַליעס, דעם גרויסן בלאָטיקן שטראָם,
„וואָס שלעפּט מיט דעם גאַנצן אָפּפאַל פון דער שטאָט
„דו ועסט אויף אַ מאָמענט זען גלאַנצן אַ קלאָרקייט,
„אַ קערנדל ווי די זון זיך שפּיגלט".

*

ווערלען ווערט באַצייכנט ווי דער דיכטער פון מוזיק. ער האָט אַליין אין זיין מאַניפעסט־ליד „די פּאָעטישע קונסט" געגעבן זיין דעפיניציע פון פּאָעזיע. דאָס ליד הייבט זיך טאַקע אָן מיט דער שורה:

„מוזיק — פאַר יעדער זאַך".

נישט קוקנדיק אויף זיין מוזיקאַלישער מייסטערשאַפט, איז אָבער ווערלען דאָך נישט געווען קיין טיפּישער פּראַזאַדישער ברילאַנטן־שלייפער ווי אַ באָדלער, היינע און פּושקין, למשל. דערפאַר אָבער זענען זיינע לידער אָפט מער זעלטן־דין און פול מיט אַ סוגעסטיוון רייץ.

און אַזוי האָבן מיר אין ווערלענען איינעם פון יענע פון גורל געשלאָ־גענע און געזאַנג־געבענטשטע: אַ דיכטער — טיף אומגליקלעך אין זיין פיזישער העסלעכקייט און אַ פאַרשאָלטענעם מיט אַלע גיהנום־פייערן פון זינד; איינעם פון יענע לעבעדיקע שטורקאַצן, וואָס זייערע לעבנס־בנינים האָבן אויסגערויכערט ביזן נעבעכדיקן סוף — אָבער איבערגעלאָזן צווישן די רואינען עטלעכע קופּקעלעך געלייטערט וואָרט־מעטאַל פון אומפאַר־גייענדיקן ווערט.

אַנאַטאָל פראַנס

(1844 — 1924)

אַנאַטאָל פראַנס האָט זיך קינסטלעריש און אידעאָלאָגיש דערצויגן אויף וואָלטערן — וואָס פאַר אַן אַנטוויקלונגס וועג!

ער איז זיכער נישט אַזוי פילזייטיק ווי זיין לערער און פאָרגייער, וואָס איז אפשר אַן אוניקום אין דער וועלט־ליטעראַטור מיט זיין שעפע־רישער קאַפּאַציטעט און אינטעלעקטועלן אינטערעסן־שטח; ער האָט אויך נישט דאָס דעמאָנישע קאַסקאַדע־געלעכטער, די ליידנשאַפטלעכקייט און פובליציסטישע דירעקטקייט פון דעם „קאַנדיד"־דיכטער.

אָבער וואָלטער, אין זיין פיל־פאַרעמדיקייט, איז געווען אַ דידאַק־טיקער און באַגרענעצט אין זיין אומבאַגרענעצטקייט, און זיין ריזיקע קאַפּאַציטעט איז אפשר געווען מער אַן אויסדרוק פון אַ שטורמיש אַקטיווער נאַטור.

אַנאַטאָל פראַנס איז געווען אַ דיכטער־פילאָזאָף אין זיין איינציקן זשאַנער. אומבאַגרענעצט אין זיין באַגרענעצטקייט — אַלס שעפער אין איין ליטעראַרישער פאָרם.

די פאָרם, וואָס מיר באַצייכענען מיטן נאָמען „פילאָזאָפישער ראָמאַן", האָט דערגרייכט אַן אייגנאַרטיקע פּערפעקציע אַלס איינציקער שאַפונגס־מעדיום ביי פראַנסן.

דאָס רוב פון זיינע ווערק זענען היסטאָרישע ראָמאַנען אין דעם זין, וואָס זיי זענען ראָמאַנען פון דער היסטאָריע גופא.

ווי אַ סקעפּטישער ראַציאָנאַליסט אין מענטאַליטעט און אַנשויאונג, האָט ער געזען, געוויזן און געלערנט „ניגלה" — מיט אַן אומגעזעענער גראַציע.

באַלזאַק האָט זיין אומענדלעכן טיפן־קאַליידיסקאָפּ, פּערזאָניפיצירט אין זיין ריזיקן ראָמאַנען־ציקל, — וואָס איז די קינסטלערישע סינטעזע פון אינדוקטיווער אָבסערוואַציע און פּסיכאָלאָגישער קראַפט, — ריכטיק באַצייכנט אַלס די מענטשלעכע קאָמעדיע.

פראַנס, באַנוצנדיק זיך מיטן דעדוקטיווען מעטאָד פון אַ פילאָזאָף, האָט געמאַכט אַ קווערשניט דורך דער מענטשלעכער געשיכטע און אונדז געוויזן, אויף זיין אייגנטימלעכן שטייגער, דעם קולטור־היסטאָרישן און קולטור־קריטישן סך הכל פון מענטשן־מין בכלל. און אין דעם זין פאַר־דינט זיין ווערק נישט ווייניקער די באַצייכענונג: „די מענטשלעכע קאָמעדיע".

זיינע ראָמאַנען, וואָס זענען אין תוך נאָענט צום קינסטלערישן עסיי, פאַרמאָגן די גרונט־עלעמענטן פון מאָנטענס עסייען: זייער קריטישן סקעפּטיציזם, די געמיטלעכע איראָניע און אַ מחיהדיקע פילאָזאָפישע קילקייט — די טעמפּעראַטור אין וועלכער ס׳געדייעט זיין קינסטלערישע פּלאָרע.

אַנאַטאָל פראַנס, דער דיכטערישער פילאָזאָף און פילאָזאָפישער קינסטלער, איז דער מייסטער פון דער שטילער, פיינער איראָניע: זיין גאַנץ ווערק איז אַ פיקסירטער עלעגאַנטער שמייכל איבער דעם מענטשן־מין. אָבער וויפל בודיסטישע רחמנות אין דעם שפּאָט, וויפל הומאַנישע גוטסקייט אין דער נעגאַציע און וויפל שטאַרקע טאָלעראַנץ צו די מענטשלעכע שוואַכקייטן! (פראַנס „אין די שטעקשיך" האָט נישט געלאָזט זיך אָנטאָן די שיך דורך זיין באַדינער, כדי נישט צו דערנידעריקן די מענטשלעכע חשיבות: געווען אַן איבערצייגטער סאָציאַליסט).

זיינע לאַנדשאַפטן זענען — די אַנטיקן־בוכהאַנדלונגען פאַזע דעם „קעי" פון דער סען.

זיינע גערטנער — אַלט פאַרשטויבטע פּאַליאַנטן, אין וועלכע ס׳בליען די אומשטערבלעכע פלאַנצן פון מענטשלעכן גייסט, די צעדערס פון מחשבה, די בלומען פון אייביקער שיינקייט...

און פראַנס — דער שרייבער און זיין ווערק — איז: אַראָמאַט פון קולטור...

*

ער האָט זיך דערהויבן אויפן טורעם פון די צייטן, אויף די שווינדל־טרעפּ פון דער מענטשלעכער געשיכטע און מיט זיין שאַרפן בליק געזען דעם תהום — די קליינלעכקייט פון אונדזערע טואונגען, די נעבעכ־דיקייט פון אונדזער דאָזיין (וואָס שייך „יענער זייט" — האָט ער טיף געשמייכלט ביים געדאַנק פון דער אומשטערבלעכקייט פון אַ קצבטע... „מירן זיך קיינמאָל מער נישט זען" — האָט ער פאַרן טויט געזאָגט צו זיינע נאָענטע), דעם אַסטראָנאָמישן עלנט פון דעם מיקראָ־מענטש, אַ פאַר־בלאָנדזשעטן אויף דעם מיקראָ־פּלאַנעט — דעם שטויבעלע, וואָס איז אַליין פאַרלוירן אויפן „אומענדלעכן באַזאַר פון די וועלטן"..

ער האָט געזען און נישט פאַרציטערט געוואָרן, נאָר מיט ווירטואָזי־טעט געלייגט אַ בריקל איבערן תהום: די דערקענטעניש פון פאַרגאַנג־לעכקייט — אויך פון ליידן און שרעק. און אויף אָט דער אומעטיקער קאַנווע אויסגעהאַפטן חנעוודיקע אוזאָרן, ווונדערלעכע בלומען פון אַן אינטעלעקטועלער זינלעכקייט, פון געלייטערטן עפּיקורעאיזם — אויף דער אומעטיקער קאַנווע פון אַ פאַרוואָלקנטן האָריזאָנט, אָבער אַ באַשיינטן מיט גייסטיקע בליצן, אַ דורכגעשטרייפטן מיטן קאָסמישן שלום־רעגנבויגן פון העכסטער חכמה און האַרמאָנישער גראַוויטאַציע פון זיין זעלישן וועלט־סיסטעם...

רוסישע
ליטעראַטור

דאָסטאָיעווסקי

(1821 — 1881)

דער גרויסער „אינקוויזיטאָר" פון דער מענטשלעכער נשמה.

זיינע פייניקונג־מכשירים:

דער קרייצפאַרהער פון זעלבסט־אַנאַליז, דער לאַנצעט פון געוויסן,
דער דורכשטראַל פון אונטער־באַוווסטזיניקן.

ער פירט כסדר דורך מאָראַלישע עקזעקוציעס.

ווער האָט דער ערשטער געזאָגט און וויפל האָבן נאָכגעזאָגט, אַז
דאָסטאָיעווסקי שילדערט נישט די נאַטור?

ווו, אין וועלכן ווערק געפינט מען אַזעלכע פאַרכאַפּנדיקע לאַנד־
שאַפטן, ווי ביים פאַרשער־אַנטדעקער פון נשמה־קאָנטינענטן:

בערג פון גלויבן מיט שיפּועים פון צווייפל;

אָפּגרונטן פון דערקענטעניש;

הוראַגאַנען פון ליידנשאַפטן;

דזשונגלס פון אינסטינקטן?

די אַטמאָספער איז ביי אים אָנגעזאַפּט מיט עלעקטריציטעט, ווי אין
גרויסע ערב־שטורעם־שטילקייטן. אָט־אָט, פּילסטו, ברעכן אויס די עלע־
מענטן־געוויטערס, כאַראַקטער־זאַוויערוכעס, און נאָך דעם אַלעם —
אַ רעגנבויגן פון אויסלייטערונג.

ביי אים איז ממש: וימש חושך. די פינצטערניש, דער כאַאָס איז
געשטאַלטיקט. אין אים האָט עס געבליצט מיט וויזיעס איבערן תהום —
און מיטן בראשיתדיקן ליכט האָט ער, ווי קיינער נישט, דערזען און
געוויזן ווי רעכט־פינצטער ס'איז...

דימיטריס חלום מיטן קינדס טרערן איז אפשר די רירנדיקסטע און באַפליגלטסטע סימבאָלישע שילדערונג פון הומאַניזם אין דער וועלט־ליטעראַטור. —

איוואַן קאַראַמאַזאָוו, מיט זיינע האַלוצינאַציעס — די קלאַסישסטע שילדערונג פון אינטעלעקטועלע עמאָציעס ביים רוסישן — און נישט בלויז רוסישן — אינטעליגענט.

דאָס „מוזשיקל", פאַרגליווערט אין וועגעטאַטיווער, בייך, דוממדיקער שטילקייט — די אינטערעסאַנטסטע צוזאַמענשמעלצונג פון מענטש מיט דער מיסטישער נאַטור...

זיין קינסטלערישע קאָמפּאָזיציע — די מענטשלעכע קאָמעדיע — דער דראַמאַטישער געראַנגל פון חיה און מלאך אין מענטש גופא. פאָטערל זאָסימא און לוזשין, פלאַמיקע טענער, כרובים־געזאַנג און דעמאָנישער געלעכטער פון פוריעס.

לעוו טאָלסטאָי

(1828—1910)

ער איז געווען דער „ערדגייסט".

די ערדישקייט, ווי זשיוויצע פון אַ בוים שלענגלט זיך דורך אין זיינע שריפטן און אין זיין פערזענלעכקייט.

אַ קינסטלער פון אומגעהויערער קראַפט, האָט ער ביז אַרום דעם 50טן לעבנסיאָר געטראָגן אויף זיין קאָפּ די בלעטערקרוין פון אַ רומפולן שעפער — און זי אַרונטערגענומען, כדי זי אויסצוטוישן אויף אַ שטראַלן־קראַנץ פון אַ נביא און אויך די דערנערקרוין פון אַ הייליקן.

די גרויסע פאַרקערפּערונג פון אוניווערסאַלן דערפאָלג.

בעת זיין לעבן — דער דערפאָלגרייכסטער וויטאַלער מענטש, מאַן, פאָטער, שריפטשטעלער, האָט ער זיך פאַרוואַנדלט אין אַ באַרוועסן גראַף, אַן ערך־מוזשיק.

אַ פּאַטריאַרך פון דעם ניי־קריסטלעכן מעקאַ — יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ.

דאָרט, פאַר די צושטראָמענדיקע „גלויביקע" און פאַר די קאַמעראַ־אויגן פון אַלע קאָנטינענטן, געפּראַוועט די כהונה־גדולה פון דער טוגנט. די ריטואַל־רעקוויזיטן:

דאָס סימבאָלישע פּויערנטום — די לאַנגע, גראָבע „רובאַשקע" און די משונהדיקע „שאַראַוואַרעס", סוקעוואַטער שטעקן...

אין זיין פּנים אַליין — מיט דער קאַלטענוואַטער באָרד, קראָפּע־ווע־פאַרוואַקסענע ברעמען — איז פאַראַן עפּעס שטעכיק־סוקעוואַטעס. אַ קולטיווירטע אור־פּרימיטיווקייט.

(לאַראָשפוקאָ האָט געשריבן: „אַ מענטש איז קיינמאָל נישט אַזוי אומנאַטירלעך, ווי בעת ער באַמיט זיך צו זיין נאַטירלעך").

ער האָט אין זיינע שפּעטערדיקע שריפטן פאַרטיידיקט די זאַך פון די „דוכאָבאָרן" (אַ מין רוסישע „קוויקערס").

ער אַליין איז — אין אַ ברייטערן זין — געווען אַ גרויסער גייסט־ראַנגלער, דוכאָבאָר.

טאָלסטאָיס גרויסקייט איז אין זיין טראַגיש־גרויסן געראַנגל מיט זיך אַליין.

און נישט אין זיין נצחון איבער דעם שלעכטן מלאך אין זיך.

*

טאָלסטאָי, דער „אַפּאָסטאָט" פון וועלטלעכקייט, איז געווען אַ שפּי־לער, האָט אָפּגעווינען אין לעבנס־„פּרעפערענס" אַלץ, וואָס לאָזט זיך נאָר געפינען, אָבער ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז דאָס לוינט זיך נישט...

ס'איז נישט וויכטיק וואָס ס'איז געווען די סיבה, די שטויסקראַפט, וואָס האָט אים אַרויסגעריסן פון דער ענגער ערדישער אַרביטע און אים אַריינגעשליידערט אין העכערע ספערן.

ביי מאַנכע גרויסע וועלט־באַנייערס, וועלט־וויזיאָנערן, קומט אַזאַ איבערקערעניש פּלוצלינג.

רוסאָ, דער זאָרגלאָזער, עטלעכע דרייסיק יאָריקער וואַגאַבונד, איז אויפן וועג צום באַזוך צו זיין פריינט דידראָ, פּלוצלינג אַוועקגעפאַלן, באַפאַלן פון אַ מיסטישן אינערלעכן אויפברויז, פאַרפּלייצט מיט אַ נייער זעאונג, וואָס האָט אים פאַרשווענקט ווי אַ פרילינג־פאַרפלייצונג. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן אַ בוים, באַגאָסן פון הייסע טרערן. נאָך אַ קורצער צייט איז ער, לויט זיינע ווערטער, אויפגעשטאַנען „אַ נייער מענטש אין אַ נייעם אוניווערס".

ביי טאָלסטאָיען, דעם איבערגעקערטן און איבערקערער, זענען פאַראַן אַ סך ערטער פון פלוצלינגדיקער התגלות, און אויך די גרויסע טראַגעדיע פון צעריסנקייט, פון דראַפּען זיך און אראָפּפאַלן...

אַ פּראָבלעם — לעבן לויט דער איבערצייגונג.
איבערצייגן מיטן אייגענעם לעבן.

זינט אומעגדלעכע דורות ווערן אומצייליקע וואַנגעליעס פאַרוואַנדלט אין ווערבאַלער קיי־גומי אין די מיילער פון די פּרעדיקערס און דעמאַגאָגן פון אומגעזעענעם...

טאָלסטאָי איז געווען דער קאָלאָמבוס פון אַ נייעם קאָנטינענט, אָבער ער האָט נישט געקאָנט מיטפאָרן אויף זיין אייגענער עקספּעדיציע־שיף...

בודא, די איסיים און אַנדערע נזירים; אַ פראַנץ פון אַסיזי ביז פּאַסקאַל און רוסאָ, און שפּעטער קירקעגאַרד, טאַרא און אַנדערע האָבן פאַרוואַנדלט דאָס וואָרט אין טאַט — אָן דעם איז נישטאָ קיין ריכטיקע „בשורה".

טאָלסטאָי האָט אויף דער עלטער חרטה געהאַט אויף זיינע עולם־הזהדיקע, זינדיקע און זינלעכע פאַרגעניגנס. אָבער ער האָט דאַן געהאַט דאָס פאַרגעניגן פון חרטה.

פאַראַן ביי אים, אחוץ זיין גרויסער און עכטער אמת־זוכעניש, דער ספּעציפיש־רוסישער „קאָנפעסיאָנעלער" שטריך, מיט אַ שמץ פון רוסישער ווידוישקייט.

אויך דאָס ליידנשאַפטלעכע דראַפּען דאָס בייסנדיקע געוויסן...

ער האָט קיינמאָל פון זיך נישט אויסגעוואָרצלט די עולם־הזהדיקע

איטלקייט, פונקט ווי רודימענטן פון זיין שפּעטערדיקער גייסטיקייט זענען פאַראַן אויך פאַר זיין „איבערקערן זיך", ביז צו דער תשובה־דעמאַר־קאַציע־ליניע אין זיין לעבן און ווערק.

א. בוניך, אין זיין ווערק וועגן טאָלסטאָיען, ברענגט דעם לעצטנס אַ ציטאַט (געשריבן אין די רייפע יאָרן):

„פאַראַן אין מאָסקווע אַ געוויסער באַראָן שעניגג, וועלכער באַזיצט וווּנדערלעכע יאַפּאַנישע חזירים... און איך פיל, אַז כ'קאָן מער נישט זיין גליקלעך, אויב כ'וועל נישט באַזיצן קיין ענלעכע"...

אָבער פון דער זעלבער צייט שטאַמען אויך אַזעלכע ווערטער:

„מען קאָן נישט לעבן אָן צו וויסן ווער מען איז און נאָך וואָס מען איז דאָ פאַראַן. איך קען דאָס נישט וויסן, הייסט דאָס, איך קאָן נישט לעבן".

און אין טאָגבוך פון זיין טאָכטער טאַטיאַנע:

„13טער נאָוועמבער, 1878

דער פּאַפּאַ איז היינט אַוועק אויף יאַגד און געשאָסן 6 האָזן...

„15טער נאָוועמבער, 1878.

...איז אַוועק אויף דער יאַגד און געכאַפּט דריי האָזן און איין פוקס. מיר האָבן היינט אָפּגעציילט וויפל פּאַפּאַ האָט געכאַפּט דעם האַרבסט, און ס'האָט אויסגעמאַכט ביז 55 האָזן און 10 פוקסן"...

דאָס איז געווען אַ קורצע צייט פאַר זיין ענדגילטיקער איבערקערע־ניש, אַרום 1880.

גאָרקי דערציילט אין זיינע זכרונות וועגן טאָלסטאָיען:

„פּלוצלינג האָט זיך אַרונטערגעקייקלט אַ האָז. ל. נ. איז אונטער־געשפּרונגען, געמאַכט אַ רוצחישע מינע, דאָס פּנים האָט אויפגעפלאַ־קערט און ווי אַן אַלטער חיות־שלעגער האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ בריל".

דאָס איז געווען דאָס אור־קול פון נמרוד און עשו אין אים...

און ער האָט זיך געמוזט אַ נדר געבן, אַז ער וועט זיך אָפּהאַלטן פון יאַגד.

אָבער וועגעטאַריאַניזם, דער אינדישער „אהימשא" („דו זאָלסט נישט

הרגענעך״) איז דאָך געווען איינער פון די יאַסנאַיאַ־פּאָליאַנאַ־עשרת־הדברות...

טאָלסטאָיס דערלייזונגס־פּראָגראַם איז, ווי אין אַלע רעליגיעז־עטישע סיסטעמען, באַשטאַנען פון אַ צוויי־פראָנטן־קאַמף: בין אדם למקום און בין אדם לאדם. אָבער דער סאָציאַל־עטישער מאָמענט איז ביי אים געווען אַ סינע קוואַ נאָן־באַדינג פון דער פּערזענלעכער רעליגיעז־עטישער דערלייזונג — און אין דעם איז געווען איינער פון די דויערנדיקע ווערטן פון זיין לערע.

אַפילו אין זיין ניי קריסטנטום, פאַרלייקנדיק די קריסטלעכע מיטאָלאָגיע און מעטאַפיזיק, בלייבט ער דאָך אין דעם פּאַראַדאָקסאַלן קרייז פון די עוואַנגעלישע אוממעגלעכקייטן און אומוואָרשיינלעכקייטן.

אין זיין רעוואָלט קעגן דעם מקור פון „אַלדאָס בייז״ — דעם טיראַנישן מענטשלעכן קערפּער — דערגייט ער ביז אַבסורדאַלער זעלבסט־נעגאַציע: איז איבערהויפּט מעגלעך פולשטענדיק צו איגנאָרירן דעם „טיראַן״ ?...

דאָס פּראָבלעם פון מענטשלעכער דערלייזונג:

נישט קיין מאַנגל אין פאָרשריפטן פון נביאים און בעלי־בשורה. דאָס פּראָבלעם איז: ווי מאַכט מען אַ בריק צו די מענטשלעכע הערצער און מוחות: צו פאַרוואַנדלען דאָס וואָרט אין טאַט?

ווי קאָן מען האָפן, אַז אַט די אַלע קערפּערלעכע אַסקעטישע זעלבסט־אָפּזאָגונגען זאָלן נאָכגעפאָלגט ווערן, אין דער צייט ווען (אין טאָלסטאָיפאַל) דער דערהויבענער יחיד־וועגווייזער האָט אַליין נישט געהאַט דעם כוח צו גיין אויף דעם וועג?

*

זיין כוח ליגט נישט אַזויפיל אַלס אַפּאָסטאָל און לוחות־געבער פון נייע מצוות, ווי אַלס „מינען־לייגער״, „דעמאָלירער״ פון מאַנכע ש־מלענדיקע געביידעס: דער רוסישער מלוכה, צערקווע, שאָוויניזם, פעאָדאַליזם אא״וו.

זיין לערע איז אַן איבערצייגנדיק בילד פון דער גייסטלאָזיקייט פון מאַכט, אָבער אויך פון דער מאַכטלאָזיקייט פון גייסט — אין דעם ווירבל־שטראָם פון דער נאַטור, מיט אירע מיליאָנפאַכע שוואַכקייטן, סתירות.

„די פּאָזיציע פון דער קריסטלעכער וועלט, מיט אירע פעסטונגען, קאַנאָנען, ביקסן, טאָרפּעדאָס, תפיסות, תליות, קירכעס, פאַבריקן, צאָל־הייזער און פּאַלאַצן איז מאָנסטרועז" („דאָס קעניגרייך פון גאָט").

טאָלסטאָיס רעליגיע פעלן סיי די גוטע און סיי די שאָטן־זייטן פון דער אָפיציעלער רעליגיע. זיין גלויבן־דורשט איז דער עיקר אַ באַוווּסטזיני־קער. נישטאָ ביי אים די אויסשטראַלנדיקע וואַרעמקייט פון האַרץ. דער אינסטינקטיווער צאַפּל צו געטלעכקייט.

ער האָט אָבער אויך נישט דעם שעטנז, די גראָבע אַנטראָפּאָמאָרפישע שאָל אין וועלכע די איידעלע רעליגיעזע סובסטאַנץ איז, צוליב פּראַקטישע צוועקן, איינגעהילט.

אין דעם זין איז טאָלסטאָי אַ נביא פון ריינער רעליגיעזיטעט, פון אַ געלייטערטן דעיזם — דער קאָנפעסיע פון דער עליטע:

„מיר דאַרפן פאַרשטיין, אַז אַלע געשיכטעס וואָס דערציילן... ווי אַזוי דער זון פון גאָט, אַ גאָט וואָס איז געבוירן פון אַ בתולה, איז געקומען אויף דער ערד און ווידער אויפגעשטאַנען אַלס מענטש; און אַלע פאַבלס... אין דער עוואַנגעליע, און אַלע לעבנס־באַשרייבונגען פון די הייליקע, מיט די געשיכטעס פון זייערע נסים און רעליקוויעס! — זענען גאָרנישט אויסער געמיש פון יידישן אַבערגלויבן און גלחישע שווינדלע־רייען" (פון זיינעם אַ בריוו).

בעת איינער פון זיינע אומציילן רעליגיעז־פילאָזאָפישע דרשות האָט ער, אויף דער איינוווענדונג פון זיין טאָכטער טאַטיאַנאַ, געענטפערט:

„צו וואָס מוזטו האָבן אַ גאָט מיט אַ באָרד?"...

זיין „קריסטנטום איז באַשטאַנען הויפּטזעכלעך אין עטלעכע מאָראַ־לישע גרונט־אידייען פון סאָציאַלן כאַראַקטער: נישט קעגנשטעלן זיך דעם בייז מיט כוח, ליבשאַפט צו די מיטמענטשן, באַקאַטירן די הערשנדיקע סאָציאַלע אָרדענונג — די מלוכה, מיט איר אַלדאָס־בייז פון געלט־הער־שאַפט, מלחמות אא"וו.

אין פילאָזאָפישן זין איז זיין רעליגיע באַשטאַנען אין גאָט־זוכעניש און אין דעם דעיסטישן נעגירן דעם „גאָט מיט דער באָרד".

אין סאָציאַלן זין איז זיין פרימיטיווער קריסטנטום אפשר נישט געווען מער ווי אַ געוויסער אידעאָלאָגישער „טרעיד־מאַרק" פאַר זיינע קאַטעגאָרישע אימפעראַטיוון, פאַר די אידעאַלן פון אַ האַרמאָנישער, שיי־נער און עטיש־דערהויבענער מענטשן־סביבה.

אָבער אָט די אידעאַלן (מיטן אויסנאַם פון נישט קעגנשטעלן זיך דעם שלעכטן מיט כוח) זענען אייגנטימלעך פאַר זוכנדיקע גייסטער פון אַלע צייטן.

*

זיין סעקרעטאַר בולגאַקאָוו דערציילט, אַז פיר חדשים פאַר זיין טויט האָט טאָלסטאָי זיך פאַר אים מודה געווען: „איך האָב אויפגעהערט ליב צו האָבן די עוואַנגעליע".

און גאָרקי דערציילט, אַז וועגן קריסטוסן האָט ער גערעדט קאַלט, אָן איבערצייגונג און פאַטאָס.

*

טאָלסטאָי — דער נעגירער, דער קריטישער אַנאַליטיקער פון דעם ציוויליזירטן דזשונגל, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאַר די מאָדערנע מענטש־הייט — האָט געגעבן פאַרניכטנדיקע קלעפּ אַלע געזעלשאַפטלעכע אינ־סטיטוציעס, בראש מיט דער קירכע און שטאַט, וואָס שפּאַרן זיך אָן איינער אין אַנדערן.

הגם ער באַנוצט נישט דעם טערמין „אַנאַרכיזם" אין זיינע סאָציאַל־פּאָליטישע שריפטן, איז טאָלסטאָי זיכער געווען איינער פון די מעכטיק־סטע אַנאַרכיסטישע פּרעדיקערס. אין די שאַרפע סובסטאַנצן פון זיין אַנאַליז האָבן זיך אויפגעלייזט אַלע דורות־אַלטע געטשקעס און אינסטי־טוציעס. ווער האָט נאָך אַזוי מייסטערהאַפט און מיט אַזאַ ריזיקן כוח און שווונג געשילדערט די פאַלשקייט און שעדלעכקייט פון מלוכה, אייגנטום, פּאַטריאָטיזם, מלחמות, — ווי דער גרויסער נביא און בלוטלאָזער רעוואָ־לוציאָנער פון פאַסיוון ווידערשטאַנד?

אין זיין „פּאַטריאָטיזם און קריסטנטום״ (ריכטיקער: פּאַטריאָטיזם און הומאַניסטישער אַנאַרכיזם) גיט אונדז טאָלסטאָי אַ גלענצנדיקע שיל־דערונג פון דעם פּאַטריאָטישן פעטיש, וואָס איז מיטרייסנדיק מיט זיין וואָרהאַפטיקייט און אַלץ־אומפּאַסנדיקן אַנאַליז פון דעם מאָדערנעם מולך פון מלוכה און מלחמות, וואָס ווערט באַדינט דורך זיינע כהנים, די נביאי השקר פון פּאַטריאָטיזם און שאָוויניזם.

אין „פּאַטריאָטיזם אָדער שלום״ באַווייזט ער אונדז די אומפּאַראייניבאַרקייט פון די צוויי קעגנזעצלעכקייטן.

ער זאָגט אין „קירכע און שטאַט״: „פון אַלע גאָטלאָזע אידייען... איז נישט פאַראַן קיין מער גאָטלאָזע, ווי די פון דער קירכע״.

יאָ, טאָלסטאָי איז געווען גרויס אין זיין טיף־ערלעכן זוכן, אין זיין פּאַסיאָנירטער יאָגד נאָך האַרמאָנישקייט און עטישער דערהויבונג — אינעם יחיד און אין דער געזעלשאַפט.

ער האָט געזען דעם ליגן און די צביעות און די קאַלטע גרויזאַמקייט פון אונדזערע אינסטיטוציעס; דעם טראַגישן פּאַרס, וואָס קומט צום אויסדרוק אין שיקן מיליאָנען בלוט־ און מילך־יונגע מענטשן צו טויט און פאַרקריפּלונג — און גלייכצייטיק שיקן דאָקטוירים און קראַנקנ־שוועסטער, כדי זיי צו היילן...

ער האָט געזען און געשילדערט דעם לעגאַליזירטן מאַסנמאָרד פון מלחמות.

דעם לעגאַליזירטן רויב און עקספּלואַטאַציע פון פּלוטאָקראַטיע.

אונדזער גאַנצע סאָציאַלע קאָמפּאָזיציע פון שקר, צביעות, פּחדנות, גוואַלטטאַטן און מיאוסקייט.

רירנדיק זענען זיינע ברייטע בילדער פון סאָציאַלער און אינדיווידועלער דעקאָמפּאָזיציע.

ער האָט גוט געזען און געוויזן אַלע סאָציאַלע מיחושן.

אָבער די רעצעפּטן זענען „זנאַכערסקע״, פּויערישע סגולות.

ער האָט געוואָלט גובר זיין, בענדיקן דעם רעזערוואַר פון שלעכטס אין און אויסער אונדז — דער מענטשלעכער נאַטור, אונדזער גאַנצע

פיל־טויזנטיאָריקע אונטערגעוואָרפנקייט צום גוף, מיט זיינע פאָדערונגען און באַקוועמלעכקייטן.

אָבער זיינע תרופות: דאָס גובר זיין דאָס חיהשע אין אונדז דורך אַ שטרענגער דיעטע־אָרעמקייט, אַרבעט, אָפּזאָגן זיך פון הנאות און קאָמפאָרט — דערמאָנט אין יענעם „ראַדיקאַלן" מיטל פון „פאַרברענען דאָס הויז, כדי פּטור צו ווערן פון די וואַנצן".

די טאָלסטאָיאַנישע עקספּערימענטאַלע קאָמונעס זענען געווען באַלע־רנדיקע דורכפאַלן.

אַלע אומצייליקע אידעאַליסטישע סאָציאַלע סיסטעמען — פון פּלאַטאָ ביז פוריע, רוסאָ, פּרודאָן און אַנדערע — זענען ביז איצט געבליבן אין געביט פון דער „אוטאָפּיאַ". די וויזיאָנערישע מחברים זענען געווען גרויסע און אָריגינעלע אַרכיטעקטן פון פּרעכטיקע, זוניקע בנינים — אין פּלאַן, אויפן פּאַפּיר, אָבער נישט אַלס פאַקט.

מאַנכע — ווי די פּלענער און „צייכענונגען" פון רוסאָ א"א — האָט מען אַפילו געפּרוווט רעאַליזירן, אָבער דער בנין איז איינגעפאַלן...

אָבער דער אוטאָפּישסטער איז דער טאָלסטאָישער.

אויפשטעלן אַ סדר העולם, אַ געזעלשאַפט, אַ שטאַטלאָזע מענטשהייט מיט אַזאַ סימבאָלישער „פּאָליציי", ווי „נישט קעגנשטעלן זיך דעם שלעכטס", „ליבע צום נאָענטסטן", „געבן דעם אַנדערן וואָס מער און נעמען פון אַנדערן וואָס ווייניקער" אא"וו; מיט אַזעלכע עטערישע אינסטיטוציעס און „מי־ניסטעריומס", ווי לעבן אין פּרימיטיווער אָרעמקייט, ניוועלירן דעם סאָציאַלן ניוואָ דורך אַ נעגאַטיוון סאָציאַליזם, דורך גלייכקייט פון מאַכן אַלע פאַר אָרעמעלייט און נזירים; אָפּזאָגן זיך פון אַלע דערגרייכונגען פון וויסנשאַפט, אינדוסטרי, טראַנספּאָרט אא"וו — דערצו מוז מען האָבן אַ געזעלשאַפט פון מלאכים־בירגער.

און ווי אַזוי האָט טאָלסטאָי געהאָפט אויף דעם ערשטן איבערשפּרונג פון דעם תהום וואָס ליגט צווישן דער איצטיקער מלוכה און זיין גייסט־רעפּובליק?

דורך נישט אַקעגנשטעלן זיך מיט כוח.

דורך פּאַסיוון ווידערשטאַנד: באַיקאָטירן אַלע מלוכהשע אינסטיטו־ציעס און אַמטן, קודם כל — מיליטער־דינסט, ווי עס טאָן דאָס די קוויקערס און דוכאָבאָרן און אַנדערע פּרינציפּיעלע מלחמה־קעגנערס.

אָבער נישט נאָר איז די צאָל פון אַזעלכע הויך־מאָראַלישע יחידים נישטיק־קליין אין די לענדער ווו ווידערשטאַנד קעגן מיליטאַריזם ווערט שטרענג באַשטראָפט, — אַפילו אין ליבעראַל־רעגירטע לענדער איז זייער צאָל אַ קליינע.

ס'איז אמת — ווי די פּראַקטיק האָט עס מערערע מאָל באַוויזן — אַז די, וואָס שטעלן זיך קעגן דעם שלעכטס, דעגענערירן מאַנכעס מאָל אין עפּעס ערגערס...

אָבער ווי קאָן מען איבערהויפּט „באַקעמפן" דאָס שלעכטע, נישט באַקעמפנדיק עס?...

א. בונין, אין זיין אויבנדערמאָנטן בוך, שילדערט אַ כאַראַקטעריס־טישע סצענע פון די טאָלסטאָיאַנישע טיש־שמועסן צווישן רבין מיט זיינע תלמידים, די א"ג „ברידער":

איינער פון די תלמידים האָט זיך געווענדט צום מייסטער מיט אַזאַ „ילמדנו רבנו"־פראַגע: „לעוו ניקאָלאַיעוויטש, וואָס וואָלט איר באַדאַרפן טאָן, אויב איך וואָלט באַפאַלן געוואָרן פון אַ טיגער?"

„אין אַזעלכע פאַלן — שרייבט בונין — האָט לעוו ניקאָלאַיעוויטש זיך באַגרענעצט צו אַן אומבאַשטימטן שמייכל און געענטפערט":

„אַ טיגער? ווו וועט איר געפינען אַזאַ מין זאַך? וואָס שייך מיר, האָב איך קיינמאָל אין מיין לעבן נישט געטראָפן קיין טיגער"...

אָבער דער „טיגער" עקזיסטירט, אין אומענדלעכע פאָרמען און גע־שטאַלטן, אַרום אונדז און אַפילו אין אונדז גופא.

און טאָלסטאָיס אויסמיידנדיקער ענטפער ווייזט צום בעסטן, אַז דיווירקלעכקייט קאָן זיך נישט אַריינפּאַסן אין זיין דאָגמאַטישן בעטל.

*

טאָלסטאָי האָט, וואָס אַן אמת, געזוכט מקיים צו זיין זיינע אייגענע

מצוות. ער האָט געאַרבעט אויפן פעלד, געניט זיינע שטיוול, געפירט וואַסער פאַר זיך בעת זיין אויפהאַלט אין מאָסקווע או״ו.

אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין כוח צו ענדערן זיין לעבן אויף אַ ראַדיקאַלן אופן, צוליב דער אָפּאָזיציע פון זיין פרוי און, טיילווייז, פון זיינע קינדער.

און אין הסכם מיט זיין לערע פון נישט אַנטקעגנשטעלן זיך, האָט ער טאַקע פּאַסיוו געלעבט אין דער צווייידייטיקער פּאָזיציע פון באַרוועסן פּאָמיעשטשיק, דעם גראַף מיט דער פויערישער סוקמאַנע (אָפיציעל האָט ל. נ. אין 1883 באַשטימט זיין פרוי ווי אַ געזעצלעכן אַפּוטראָפּוס איבער זיין פאַרמעגן. אין 1892 האָט ער זיין פאַרמעגן אָפּגעשריבן אויפן נאָמען פון זיין פרוי און טעכטער).

ווי אַ וועגעטאַריער האָט ער „געזשאַמזשעט" זיין קאַשע; אָבער אין זיין הויז זענען געווען מערערע אויסלענדישע גוווערנאַנטן, „לייב"־פּראָ־פעסיאַלען, און אַפילו אַ פאָטאָגראַפּיסט. אַחוץ די מוזשיקעס, וואָס האָבן אויף דעם געאַרבעט.

אָבער הגם זיין לאַגע איז געווען צווייידייטיק, איז טאָלסטאָי דאָך נישט געווען צוויזייטיק, צביעותדיק, ווי מאַנכע ווילן האָבן.

ער האָט זיך אַליין עפנטלעך באַשולדיקט און מתוודה געווען אויף זיינע זינד, שוואַכקייטן.

„...איך קאָנט אייך נישט פאַרשטעלן אין וואָס פאַר אַ מדרגה איך בין איינזאַם... מיין ווירקלעכער איך איז פאַרשפּאַט דורך דער גאַנצער סביבה...

„איצט די צווייטע פראַגע: ווי ביסטו מקיים דאָס וואָס דו פּרע־דיקסט?

...שטענדיק פאַרמאַכן זיי מיר טריומפירנדיק דאָס מויל: דו פּרע־דיקסט, אָבער ווי אַזוי לעבסטו?' און איך ענטפער, אַז איך פּרעדיק נישט און קען נישט פּרעדיקן. איך קען פּרעדיקן דורך טאַט, אָבער מיינע טאַטן זענען געמיין..."

און אין זיין טאָגבוך:

„ל. נ., לעבסטו לויט דיין לערע? — ניין. איך שטאַרב פאַר בושה. איך בין שולדיק און פאַרדין פאַראַכטונג".

זיין פרוי האָט געדונגען אַ שומר, אַ טשערקעס, וואָס האָט געשלאָגן די פּויערים, וועלכע האָבן געגנבעט האָלץ פון וואַלד, — די זעלבע פּויע־רים, וועמען דער וואַלד־באַזיצער האָט געלערנט די זינד פון פּריוואַט־אייגנטום...

און טאָלסטאָיס אַלע באַמיאונגען האָבן נישט געהאָלפן איבערצייגן זיין פרוי אַז זי זאָל באַזייטיקן דעם שומר.

דאָס זענען געווען מאַנכע פון די אומצייליקע באַווייזן פון דער נישט שטאַנדהאַפטיקייט פון טאָלסטאָיאַניזם אין דער קלענסטער טאָלסטאָיאַני־שער געמיינדע — זיין פאַמיליע.

ס'איז זיך לייכט משער צו זיין — לויט די אויבנדערמאָנטע ווידוי־אויסצוגן — די איבערלעבונגען פון דעם פילזייטיקן (אָבער נישט צוויי־זייטיקן) מענטש, דענקער און סאָציאַל־רעליגיעזן רעפאָרמאַטאָר,ביים אָנבליק פון דער קאָנפראָנטאַציע צווישן די „פּראָבעס" מיט דער רעאַליטעט.

איינער פון די עיקרים פון די יאַסנאַיאַ פּאָליאַנער געבאָטן איז דער אַלטער „לא תנאף!"

טאָלסטאָי האָט פיל געשריבן קעגן געשלעכטלעכער אויסגעלאַסנקייט, און אַפילו קעגן געשלעכטלעכן פאַרקער איבערהויפּט, פאַר פולשטענדיקער צניעות.

אָבער דאָס איז געווען דער אידעאַלער טאָלסטאָי.

דער רעאַלער — האָט חתונה געהאַט — ווי אַ 34יאָריקער עקס־אַפּיציר און עקס־„דאָן זשואַן" מיט אַן 18יאָריק שיין מיידל און געהאַט מיט איר 13 קינדער.

אַפילו מען זאָל זיינע ווידויים אין דעם פרט פון זיין זינלעכקייט באַטראַכטן אַלס גוזמאדיק (אַמאָל אויך אין דער עלטער פון 70 יאָר!), זענען אויך פאַראַן מאַסגעבנדיקע באַשטעטיקונגען פון אַן „אויטענטישן" עדות — דאָס טאָגבוך פון זיין פרוי, סאָפיע אַנדרעיעווונאַ.

איינער פון זיינע ביאָגראַפן דערציילט אַ כאַראַקטעריסטישן פרט פון טאָלסטאָיס אויסערגעוויינלעכן מוט און בריהשקייט: לעוו ניקאָלאַיע־וויטש האָט, פאָרנדיק אין וועג, באַדאַרפט באַזוכן עפּעס אַ געביידע, אָבער נעבן דעם בנין זענען געווען אַ מחנה אימהדיקע, ווילדע הינט, וואָס

האָבן געבילט מיט רציחה. דער גיבור האָט זיך געלאָזט גיין זיי אַנטקעגן מיט הוילע הענט, און די צעיושעטע מחנה חיות האָט, ווי פאַרכישופט פון אים, זיך איינגעשטילט און אים געלאָזט אַ וועג צווישן זיך.

עס זעט אויס, אַז דער מוטיקער דוכאָבאָר טאָלסטאָי האָט אויך געוואָגט צו גיין קעגן דער צעיושעטער סטאַדע בעסטיעס אין זיך — הגם נישט שטענדיק מיטן זעלבן דערפאָלג...

צו 82 יאָר האָט טאָלסטאָי אויפגעפירט דעם לעצטן אַקט פון זיין טראַגישער לעבנס־דראַמע: דאָס אַנטלויפן אין איינעם אַ פאַרטאָג פון זיין באַקוועמען גוט, און לאָזן זיך ווי אַ הייליקער וואַגאַבונד אין וועג. ער איז אויסגעגאַנגען אויף אַן איינזאַמער באַן־סטאַנציע, נאָך עטלעכע טעג וואַנדערן.

אויב נישט לעבן נאָך זיינע איבערצייגונגען, האָט דער טראַגישער זעלבסטראַנגלער באַשלאָסן צו שטאַרבן לויט זיינע איבערצייגונגען: אַנטלויפן פון אייגנטום, פון פילפאַכן שקר, און אויסהויכן זיין נשמה אין הייליקער אָרעמקייט.

ער איז געווען אַ ביבליש געשטאַלט, סיי אין זיינע נביאישע זוכע־נישן און וויזיעס, און סיי אין זיין אור־ערדישקייט פון אַ ביבלישן העלד.

*

טאָלסטאָיס רעליגיעז־פילאָזאָפישע און קולטור־קריטישע שריפטן זענען אַ געמיש פון נאַבעלע, טיפע אידייען פון איין זייט און פון איינזייטיק־דאָגמאַטישע באַטראַכטונגען, אינטעלעקטועלע קאַפּריזן פון אַ גייסטיקן „באָיאַר" — פון דער צווייטער. די אויפגאַבע פונעם לייענער איז אַרויס־צובאַקומען די קערנדלעך אמת און שיינקייט פון די אָנגעהויפטע שייערן פלעווס.

ווייל טאָלסטאָי, ווי פיל אַנדערע דענקערס און וועגווייזערס „שניידט צו" די פאַקטן, דעם שכל הישר לויט זיין מוסטער־צייכענונג.

אויב די פאַקטן שטימען נישט מיט דער פאָרשטעלונג פון זיי — איז ערגער פאַר די פאַקטן...

גענוג אָנצווייזן אויף זיין איגנאָרירנדיקער און אַפילו איגנאָראַנטי־

שער אָפּשאַצונג פון וויסנשאַפט — אין אַלע אירע צווייגן (אויף דעם האָט נאָך מיט פאַרביטערונג אָנגעוויזן טשעכאָוו).

טאָלסטאָי האָט זיך באמת צו באַווייזן דעם אַבסורד פון דער מענטש־לעכער חכמה — און אין אַ גרויסער מאָס מיט רעכט — אָבער אַלס סוראָ־גאַט האָט ער אונדז דערלאַנגט די חכמה פון זיינע אינפאַנטילע אַבסורדן...

אַ גרויסער, אויפפאַלנדיקער חסרון ביי טאָלסטאָיען איז די אומענדלעכע איבערחזרונג. אַ ריכטיקע אידייע, בילד פעסטשטעלונג ווערט מיט אַ געוויסער ניואַנסירונג ווידערגעגעבן אויף אָן אַ שיעור זייטן.

דאָס איז אויך דער פאַל אין זיינע קינסטלערישע ווערק.

זיינע קרויגווערק: „קריג און פרידן", „אַננאַ קאַרענינאַ" (אויך אַנ־דערע פון זיין שפּעטערדיקן שאַפונגס־פּעריאָד — „דער טויט פון איוואַן איליטש" א"אַ), האָבן גאַנץ גרויסע מאַמריסטישע סאַהאַרע־שטחים, ווו בלויז פון צייט צו צייט טויכן אויף גרין־געבענטשטע אָאַזיסן: טיפע, זעלטענע שילדערונגען פון זעלטענע מאָמענטן. בליץ־עמפּינדונגען אין געמיט פון זיינע טיפּן. אָבער כדי צוצוקומען צו אָט דער געבענטשטער אָאַזע, מוז מען וואַנדערן פילע צענדליקער זייטן איבער זיינע ברייטע שטחים.

אין זיינע קונסט־אָפּשאַצונגען טרעפט ער אָפט מיט זיין געזונטן חוש, צום שורש פון אַ ווערק; אָבער אין זיין „וואָס איז אַזוינס קונסט?" דער־שיינט ער אונדז ווי אַן אברהם, וואָס רייסט זיך אַריין אין געטשקע־הויז פון דער קונסט, צעשמעטערנדיק אַלץ מיט זיין פאַנאַטישן גלויבן אין איין קונסט־ציל — אוטיליטאַריסטישן. דאָ דערשיינט אונדז טאָלסטאָי — אָפּגעזען פון מערערע שאַרפע אָבסערוואַציעס — הויפּטזעכלעך ווי אַן אייגנווויליקער דעספּאָט, אַ קאַפּריזנער פּריץ, וועמענס אַרגומענטאַציע איז: „אַזוי וויל איך!"

דאָרט באַווייזט ער אונדז, נישט מער און נישט ווייניקער, אַז די גרעסטע מייסטערס פון דער טויזנטיאָריקער אייראָפּעישער קונסט: ליטע־ראַטור, מאָלעריי, מוזיק א"אַ — זענען גאָרנישט שבגאָרנישט (נאַטירלעך, אויסער זיין „קריג און פרידן", וואָס ער האָט אין אַ געשפּרעך, פאַרגליכן צו דער „איליאַדע". ער זאָגט אָבער אויך אין אַ צווייטער שטעלע, אַז ער

באַטראַכט זיין ליטעראַרישע שאַפונג אויך ווי שלעכטע קונסט, מיטן אויסנאַם פון דער דער דערציילונג „גאָט זעט דעם אמת" און „דער געפאַנ־געגנער פון קאַווקאַז").

דאַנטע, שעקספּיר, ראַפאַעל, מיקעל אַנדזשעלאָ, געטע און פיל אַנדע־רע — דעם קינסטלערישן שטאַב אין קאָרפּאָרע — האָט ער פאַרטריבן פון אָלימפּ...

דער פּריצישער קאַפּריז אין אַ פּויערישער טראַכט.

ס׳זעט אויס, אַז טאָלסטאָי האָט געהאַט אַספּיראַציעס אומצווואַרפן נישט בלויז די קירכע, שטאַט, אייגנטום אאַ״וו. ער האָט אויך געוואָלט איינפירן אַ „פּויערישע אָרדענונג" אין דער מלוכה פון גייסט — און דאָ איז זיין קריטיק ווייניקער גערעכט, ווי אין זיין קעגנערישקייט צו די אַלע אינסטיטוציעס.

און וועמען האָט ער רעקאָמענדירט ווי אַ מוסטער?

דריטראַנגיקע שרייבערלעך, אויב זיי האָבן נאָר באַהאַנדלט זיינע באַליבטע טעמעס: פּויערים, נויט, רעליגיעזע פּראָבלעמען.

אויב טאָלסטאָי איז געווען „קאָנסטרוקטיוו" אין זיין פאַרניכטנדיקער קריטיק פון דעם קעניגרייך של מטה, איז ער געווען כמעט פולשטענדיק דעסטרוקטיוו אין זיין קרייצצוג קעגן דער מלוכה של מעלה — דעם מלכות פון שיינקייט.

אין אים איז נאָך אַלץ פאַרבליבן אונטער דער הויט אַ שמץ פון דער „שטיוול־פילאָזאָפיע" פון די רוסישע ניהיליסטן:

„אַ פּאָר שטיוול איז וויכטיקער ווי שעקספּיר"...

*

פון ווייטע, פאַרנעפּלטע צייטן, פון אומצייליקע דורות אָן, דערהויבן זיך די בעסטע און איידלסטע פון מענטשן־מין אויף זייערע וויזיאָנערישע באַרג־שפּיצן, כדי אויסצופאָרשן דאָס „צוגעזאָגטע לאַנד".

יעדער פון זיי נעמט אָנטייל אין דעם קאָנטעסט פון דעם לעבנס־רעבוס, פון דער וועלט־שאַראַדע, וואָס דער אומבאַגרייפלעכער רעכנ־מייסטער האָט אויפגעגעבן: איז פאַראַן אַן ענדגילטיקע לייזונג?

אָבער דער „פּרייז" פון דעם רעטעניש־טרעפן ווערט געגעבן אין אַוואַנס — דאָס זוכן...

אויף דעם פורכטבאַר־גראַנדיעזן אָקעאַן פון דעם אומענדלעך־אומ־באַגרייפבאַרן „עפּעס" שוימען אויף — אין כהרף־עין־דויער — מיריאַדן טראָפּנס, בלעזלעך: „לעבן", מיקראָסקאָפּישע אוניווערסן — סודותפול אין זייער אַנטשטייאונג און אויפלייזונג. און אָט די מיקראָסקאָפּיש־אָרגאַ־ניזירטע נסים, דענקענדיקע אַטאָמען, אינטעליגענטע מאָלעקולן פון באַוווּסטזיין, פאָרשטעלונג און געפיל, פּרוּוון צו דערגיין דאָס גאַנצע דורך זיך, און זיך דורכן גאַנצן.

פון די טיפן פון די פינצטערע תהומות פון צווייפל, שטייגן זיי, די אמת־מרגלים, אין זוכעניש נאָך אַ ליכטשטראַל — אין אייגענער שיין פון מאַגישן, סודותפולן וועזן.

איינער פון זיי — ל. נ. טאָלסטאָי, דער אַבדיקירטער קעניג פון קונסט, וואָס האָט זיך געראַנגלט מיט זיך און דער וועלט, און זיך אָנגע־סמאַליעט די אייגענע פליגל ביים פייער פון פאַרבלענדנדיקן אמת.

דער וווּנדערלעכער מענטש, וואָס האָט געזאָגט: „גאָט איז מיין באַגער אים צו זוכן"...

אַנטאָן טשעכאָוו

(1860—1904)

טשעכאָווס סטיל — דער רוסישער שווערמוט, מרה שחורה, איבער־געגעבן מיטן לייכטסטן חן, מיט שוועבנדיקער גראַציע...

ער איז דער שאַפּען פון דער ליטעראַטור.

וועגן אים איז ווי אָנגעמאָסטן אַנאַטאָל פראַנס געלונגענער זאָג:

„דער איינפאַכער סטיל איז ווי דאָס ווייסע ליכט: עס איז צוזאַמענגע־זעצט, אָבער עס דערשיינט נישט אַזוי"...

ער, דער זון פון אַ קליינעם און קליינלעכן קרעמערל, אַ געוועזענעם פויער און „לייב־אייגענעם", האָט געהערט צום העכסטן און איינציקן אַדל־קלאַס — דער נאָביליטעט פון האַרץ, דער אַריסטאָקראַטיע פון פרייען אינטעלעקט...

אַ גרויסער „דענונציאַטאָר"־באַפרייער פון דער געפּערלעכסטער שקלאַפעריי — די בייזע מענטשלעכע אינסטינקטן...

אין די אָרעמע, טונקעלע און נידעריקע שטיבלעך פון דעם היימישן הויז אין טאַגאַנראָג — דעם בלאָטיקן און פאַרשלאָפענעם שטעטל ביים אַזאָווישן ים־איינגוס — איז געוואַקסן און זיך אַנטוויקלט אַ וווּנדערלעכער מענטש און קינסטלער פון ערשטער מדרגה, מיט האָריזאָנטן ברייטע ווי דער ים, מיט אַ שאַרפן בליק און געהער.

זיין קורץ, געפּייניקט לעבן איז געווען פול מיט שווערער, אומאויפ־הערלעכער אַרבעט און אָנשטרענגונג: פון זיינע קינדער־יאָרן, — ווען דער שילער האָט נאָך די פאַרשידענע נעבן־אַרבעטן אין פּאָטערס געוועלב ביז שפּעט ביינאַכט, געמוזט אויפשטיין פאַרטאָג אַ נישט־אויסגעשלאָפע־נער זינגען תהלים אין כאָר, לויטן באַפעל פון זיין טיראַנישן פאָטער, — ביז צו דער צייט, ווען ער האָט אַלס אומדערמידלעך־שעפערישער שרייבער נאָך געהאַט אַ דערפאָלגרייכע מעדיצינישע פּראַקטיק, היילנדיק טויזנטער פויערים — אומזיסט.

די לערך 100 לרוב קורצע דערציילונגען, וואָס אָט דער גרויסער קינסטלער־אַרבעטער האָט געשאַפן, זענען אַ פאַרכאַפנדיקע פּאַנאָראַמע, אַ קאָלירפולע אויסשטעלונג פון דעם טראַגיקאָמישן מאַסקאַראַד — די מענטשלעכע געזעלשאַפט. יאָ, די וועלט און דאָס לעבן זענען גלייכצייטיק קאָמיש און טראַגיש...

זיינע טיפּן, כאַראַקטערן זענען פּערזאָניפיצירטע קאָמבינאַציעס פון פעלערן, שוואַכקייטן — אַמאָל שיינקייטן — וואַריאירט אין דער אומ־ענדלעכקייט.

ער האָט אונדז אַנטפּלעקט דעם דזשונגל אין מענטשלעכן האַרץ.

„...איבעראַל האָט זי געזען אומאינטערעסאַנטע, פאַלשע מענטשן...

אַלע האָבן זיך איר אויסגעוויזן אומפעיק, בלאַס, נאַריש, פּאַלש און הילפ־לאָז...״ („גענבורטסטאָג״).

דעם דזשונגל ווו עס ווימלט מיט דאַנטעאישער פאַונע.

און געוויזן האָט ער — און אַממערסטן באַטאָנט — דעם גרעסטן און געפערלעכסטן פון אַלע מאָנסטערס: די „אייביקע״ מענטשלעכע נאַריש־קייט... וואָס דרינגט אַריין אומעטום, פאַמעלעך און זיכער, ווי שימל, ראָסט... וואָס דרינגט אַריין, ווי וואַסער, אומעטום ווי ס׳איז פלאַך און נידעריק...

די ווערימדיקע קליינקעפּלדיקייט...

מונדירירטע זעראָס, נישטיקע „טשינאָווניקלעך״, רוטינירטע פּחדנים, וואָס שטאַרבן צוליב אַ „ניס״...

גראָע, מיזעראַבלע „עקסעלענצן״.

אימפעראַטאָרן אין מיניאַטור, קליינע הויז־דיקטאַטאָרלעך: טיראַנישע טאַטעס („מיר דאַכט זיך, אַז באַלד וועלן די ווענט איינפאַלן, נישט קאָנענ־דיק אויסהאַלטן זיין אָנוועזנהייט...״).

פרויען — פליגללאָזע פּאַפּוגייען: פון דער „אָרומשפּרינגערקע״ ביז דער „נשמהניו״.

ווערטיקאַלע טשערעפּאַכעס: „מענטשן אין שיידלעך״...

געבעכדיקע, פינצטערע פויערימלעך און קליינשטעטלדיקע בירגער, וואָס ניכטערן זיך אויס פון זייער לעבעדיקן קאָשמאַר — דורך אַ טרונק בראָנפן...

ליבעראַלן, וואָס האָבן זיך באַפרייט — פון פליכטן...

שיינע נשמות, איידעלע טיפּן, וואָס זענען כאַראַקטעראָלאָגישע רופטורן, מאָראַליש „האָמלעטיזירט״, ווילן־געליימט.

אַנדריי יעפימיטש, דער דאָקטאָר — און שפּעטער אַליין פּאַציענט — פון דער גרויליקער „זעקסטער פּאַלאַטע״, ווייסט אַז דאָס קליגסטע וואָלט געווען... צו פאַרמאַכן אינגאַנצן דעם שפּיטאָל. ער האָט זיך אָבער מיישב געווען, אַז זיין מיינונג אַליין איז נישט גענוג... אויב מען זאָל פאַרטרייבן דעם פיזישן און מאָראַלישן... פון איין אָרט, וועט ער אויסוואַקסן אין אַ צווייטן... דאָס אַלץ מוז סוף־כל־סוף פאַרוואַנדלט ווערן אין שטויב און צוזאַמען מיט דער „שאָל״ פון דעם ערד־כדור פאַרפרוירן ווערן און דער־

נאָך זיך טראָגן מיליאָנען יאָרן אַרום דער זון... סיי די קולטור... סיי די געזעצן פון מאָראַל — װעלן אונטערגיין... װאָס פּאַר אַ װערט האָט קעגן דעם דער חוב װאָס ער איז שולדיק דעם קרעמער, אָדער דער נישטיקער כאַבאַטאָװ ?...״

אַזױ דרייען זיך זיינע העלדן אין אַ פאַרכישופטן קרייז, געבונדן מיט אַן אומזעבאַרער פּאַטאַלער קייט.

טשעכאָװ איז דער גרױסער רעאַליסט און „אָביעקטיװיסט״ אין דער רוסישער ליטעראַטור, װאָס איז אין אַ באַדייטנדיקער מאָס מיסיאָנעריש און מעסיאַניש.

אָבער יעדער רעאַליסט זעט דורך זיך, און ס׳װענדט זיך, װי װייט און װי טיף מען זעט.

אַפילו דער אָביעקטיװסטער „באַאָבאַכטער״ — דער פאָטאָ־אָביעקטיװ — זעט אויך און װייזט פאַרשידן, לויט דעם בליק און קונסט פון פאָטאָ־גראַף.

טשעכאָװ האָט געזען, אין זייערע אומענדלעכע ניואַנסן, די זאַכן, דערשיינונגען און אויך איבער און הינטער די זאַכן.

זיינע דערציילונגען זענען װי פאַרביקע לאַנדשאַפטן; ביים ראַנד פון האָריזאָנט שיילן זיך אויס קאָנטורן פון װייטע, רחבותדיקע בערג: אַן אַנונג, אַן אומקלאָרע שפּירונג פון עפּעס װאָס איז פאַרבאָרגן, גרויס, װייט און אומצוגענגלעך. די לאַנדשאַפט, דאָס בילד אַליין איז מייסטערהאַפט; אָבער דער רעזאָנאַנס איז אומגעהויער.

זיינע כאַראַקטערן, טיפּן, געשטאַלטן דרייען זיך, װי פאַרבלענדטע פערד, אין אַ פאַרכישופטן קרייז, געבונדענע מיט דער פאַטאַלער קייט, מיט נויטװענדיקייט.

אָבער טשעכאָװ, דער װאָרט־מאַגיקער, געפינט אַ שפּרונג. אין רגעס פון עמאָציאָנעלן קלימאַקס באַשטראַלט ער זיינע העלדן מיט אַ פּעיערישן ליכט. די בליציקע אַנונג, די העלזעערישע רגע, װאָס באַפרייט נישט, אָבער װאָס װייזט דעם אויסגאַנגסלאָזן קרייז:

„דאָס װאַסער איז געפלאָסן, ער האָט נישט געװוסט װוהין, אָדער פאַרװאָס.

„פונקט ווי עס האָט געפלאָסן אין פאַרגאַנגענעם פרילינג. צו דער צייט איז עס אַריינגעפלאָסן אין אַ גרויסן טייך, פון טייך אין ים; דאַן איז עס אַרויפגעשטיגן און פאַרוואַנדלט זיך אין דאַמף, געוואָרן רעגן. און מעגלעך אַז דאָס זעלבע וואַסער איז איצט ווידער געפלאָסן פאַר ריאַבאָוויטשעס אויגן. צוליב וועלכן צוועק? פאַרוואָס? און די גאַנצע וועלט, דאָס גאַנצע לעבן האָט זיך ריאַבאָוויטשן אויסגעוויזן צו זיין אַן אומפאַרשטענדלעכער, ציללאָזער וויץ...״ („דער קוש״).

„פיאָטער מיכאַילאָוויטש איז געפאָרן ביים ברעג פון טייך... און דער־מאָנענדיק זיך אין זיין לעבן האָט ער זיך איבערצייגט, אַז ביז איצט האָט ער שטענדיק געזאָגט און געטון נישט דאָס, וואָס ער האָט געטראַכט... און דערפאַר האָט זיך אים דאָס גאַנצע לעבן אויסגעוויזן פונקט אַזוי טרויעריק און פינצטער ווי דאָס וואַסער, אין וועלכן ס׳האָט זיך אָפּגע־שפּיגלט דער ביינאַכטיקער הימל און וווּ ס׳האָבן זיך צוזאַמענגעפלאָכטן די וואַסער־פלאַנצן. און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס קאָן מען שוין מער נישט ענדערן...״ („שכנים״).

*

טשעכאָוון האָט מען, בשעתו, פאָרגעוואָרפן זיין „אינדיפערענטיזם״, גלייכגילטיקייט צום גורל און גרויל פון דעם מענטשן מיט זיינע ליידן, וואָס ער האָט געוויזן מיט אַזאַ קאַלטער, אומרחמנותדיקער שאַרפקייט.

דאָסטאָיעווסקי איז געוועזן אין זיין שרייבן, אינעם גרויסן „פּראָצעס״ פון דער מענטשלעכער נשמה, פון דער מענטשלעכער געשיכטע, — דער „עקספּערט״, וואָס שפּרינגט אַרויס פון זיין „בייטראַלער״ באַנק און שטורעמט מיט עקזאַלטירטע, אַלטערנאַטיווע אויסברוכן פון טאַדלונג און פיעטעט צו די אָנגעקלאָגטע.

טאָלסטאָיס מוסר איז גרויס און דערהויבן, אָבער צווישן די גרינע פּייזאַזשן פון זיינע שילדערונגען, זענען זיינע דרשות — געאָגראַפישע „פליכן״, זאַמדיקע מדבריות.

אָבער טשעכאָווס קאַלטע, אָביעקטיווע שילדערונגען פון מענטשלעכע ליידן האָבן, לויט עפּעס אַן אינערלעכן געזעץ, מער מאָראַלישע ווירקונג,

שטראַלן־אויס מער לייטערנדיק מיטגעפיל, ווי פיל טענדענציעזע, כמו־קינסטלערישע און „אַפּאָלאָגעטישע״ שילדערונגען פון אָרעמע, שוואַכע און באַעוולטע.

אַ באַזונדערן אָרט פאַרנעמען אין זיינע דערציילונגען די עלנטסטע פון אַלע עלנטע אויף אונדזער מיזעראַבלער וועלט: קינדער־יתומים, וואָס פאַלן אַריין אין די הענט פון טעמפּע, גראָבע מענטשן.

בלויז דאָס ימ׳ישע האַרץ און די פייערדיקע שפּראַך פון די נביאים, פון אַ בודאַ, פון אַ דאָסטאָיעווסקי — זענען אימשטאַנד אַריינצונעמען אין זיך אַזעלכע תהומען.

אָבער טשעכאָווס דערציילונג „וואַנקע״, אין וועלכער דאָס אָרעמע, געפּייניקטע יתומל שרייבט אַוועק אַ „ס.אָ.ס.״־בריוו צום זיידן, שילדערנדיק זיינע ענויים ביי זיין באַלעבאָס, דעם גראָבן נפש און אַכזר אַליאַכין; ווי אַזוי דער אָרעמער יתום וואַרפט אַריין דעם בריוו מיט דעם אַדרעס: „צום זיידעשי אין דאָרף״, ווערנדיק שפּעטער אַנטשלאָפן מיט גליקזעליקע האָפּע־נונגען און חלומות, — איז רירנדיק מיט זיין גוואַלדיקער קרעאַטיווער מייסטערישקייט און וואָרהאַפטיקייט: רירנדיק, גרויס און מיטרייסנדיק.

דער בריוו איז נישט דערגאַנגען „צום זיידן אין דאָרף״. אָבער צו וויפל מיליאָנען איז ער דערגאַנגען?

און אפשר — אַפילו צו די אומצייליקע גראָבע אַליאַכינס?...

*

פון אַ באַזונדערן אינטערעס איז דער פּריוואַטער טשעכאָוו, זיין „סטיל״ אין לעבן, וואָס האָט, נישט ווייניקער ווי זיין ליטעראַרישער סטיל, געטראָגן דעם חותם פון אַן אייגנאַרטיקער, דערהויבענער נאַטור.

ער איז נישט געווען קיין מנהיג־טיפּ, קיין וועלט־באַפרייער, קיין גייסטיקער „טראָן־פּרעטענדענט״.

וויפל פון די „פּירנדיקע״ בלאָנדזשען אַליין? וויפל „וועלט־באַפרייער״ קאָנען זיך אַליין נישט באַפרייען? און וויפל גייסטיקע קרוין־פּרעטענ־דענטן זענען — אַ בלאָף?

טשעכאָוו איז, סיי לויט זיין סקעפּטישער מענטאַליטעט, סיי לויט זיין

צניעותדיק־דיסטינגירטן כאַראַקטער, געווען אומגעאייגנט צו שפּילן דעם וואָרטזאָגער, דעם מורה־דרך. ער איז געווען אַ נאָבעלער, גרויסער „קליינער מענטש".

און דאָס איז הימל־הויך פון אַ קליינעם „גרויסן מענטש"...

פון דעם עדות זאָגן פון זיינע בני דור און באַזונדערס פון זיינע בריוו דערשיינט דאָס געשטאַלט פון אַ מענטש אַן ערלעכן, וואָס האָט געהאַסט פאַלשקייט און אָנשטעל, און וויסנדיק דעם מאָנטעניישן „וואָס וויים איך?" — האָט ער, יעדנפאַלס, אין מיטן ספקות־פינצטערניש, זיך געהאַלטן ביי אַ ליכטיקן אָריענטאַציע־פּאָדעם — דעם אומבאַדינגטן, ערלעכן געוויסן.

פון אַ בריוו צו א. פּלעטשעיעוו (1889):

„...איך בין נישט קיין ליבעראַל און נישט קיין קאָנסערוואַטיסט... איך האַס ליגן און געוואַלט, וואָס פאַר אַ פאָרם זיי זאָלן נישט אָננעמען... טיפּשות און טיראַניע הערשן נישט בלויז אין קרעמערס שטוב... איך זע זיי אין דער וויסנשאַפט, אין דער ליטעראַטור און אין יונגן דור... דעריבער האָב איך נישט קיין ספּעציעלע סימפּאַטיע פאַר זשאַנדאַרן, אָדער קצבים, אָדער שרייבערס, אָדער יונגע מענטשן. איך באַטראַכט מאַרקעס און עטיקעטן ווי אַ פאָראורטייל. מיין קדשי־קדשים איז דער מענטשלעכער קערפּער, געזונט, אינטעליגענץ, טאַלאַנט, אינ־ספּיראַציע, ליבע און אַבסאָלוטע פרייהייט — פרייהייט פון געוואַלט און פאַלשקייט ,אַן אונטערשיד..."

אין אַ בריוו צו זיין ברודער ניקאָלאַי, אין 1886, שרייבט ער צווישן אַנדערן: „זיי (קולטורעלע מענטשן) זענען נישט אייטל. זיי מאַכן נישט קיין וועזן פון גוט־ברודערשאַפט מיט באַרימטקייטן... ווען זיי האָבן געטון אַן אַרבעט פאַר אַ קאָפּיקע, שטאָלצירן זיי נישט ווי זיי וואָלטן געטון פאַר הונדערט רובל. דער אמתדיק טאַלאַנטירטער האַלט זיך שטענדיק אין שאָטן... קרילאָוו האָט געזאָגט, אַז אַ ליידיקע פאַס איז טומלדיקער ווי אַ פולע"...

און ווי ביי אַלע פיין־קולטורעלע נאַטורן, איז דער קרילאָווישער משל געווען פאַר אים איינער פון זיינע מאָראַליש־עסטעטישע „עשרת הדברות",

ווי: „רעספּעקטירן די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט... מורא האָבן פאַר שקר ווי פאַר פייער... וויטיקן אויף דעם, וואָס דאָס גאָקעטע אויג זעט נישט"...

זיין גרויסקייט אין קליינעם פּריוואַטן קרייז איז געקומען צום אויס־דרוק אין זיין גרענעצלאָזן אַלטרואיזם, אין זיין גרויסער איבערגעגעבנקייט צו זיינע נאָענטע און מיטמענטשן.

טשעכאָוו, וואָס איז נישט געווען קיין רעוואָלוציאָנער און נישט קיין „ליבעראַל" האָט אַרויסגעוויזן זיין איידעלן מוט אין דעם פאַל מיט זיין רעזיגנאַציע פון דער רוסישער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע (ליטעראַרישע סעקציע), פון וועלכער ער איז געווען אַן ערן־מיטגליד. נאָך דעם ווי גאָרקיס אויסוואַל אַלס מיטגליד איז אַנולירט געוואָרן, צוליב זיין פּאָלי־טישער טעטיקייט, דורכן צאַר, האָט טשעכאָוו אָנגעשריבן אַ רעזיגנאַציע־בריוו צום פּרעזידענט פון דער אַקאַדעמיע, דעם גרויספירשט קאָנסטאַנטין קאָנסטאַנטינאָוויטש.

*

צו די שאָטנס אויף טשעכאָווס בילד געהערט אַ שמץ פון אַנטיסעמיטישע אויסדרוקן, לאַפּידאַרע שטעלן אין זיינע ווערק און בריוו. אָבער ס'ווייזט אויס, אַז דאָס זענען געווען אַ טייל פון זיינע קריטישע באַמערקונגען אויפן אַדרעס פון פאַרשידענע פעלקער: די פּעדאַנטישקייט פון די דייטשן, די פוילקייט פון די רוסן, און יידישער מערקאַנטיליזם.

טשעכאָוו האָט זיך, בשעתו, אָפן געשטעלט אויפן צד פון די „דרייפו־סאַרן", פון זאָלאַס מוטיקן „זש'אַקיוז". אין בריוו צו זיינע פריינט, צווישן אַנדערע, צום רעאַקציאָנער סוואָרין, פאַרטיידיקט ער מיט אַ סך איבער־צייגונג און טעמפּעראַמענט די זאַך פון דער גערעכטיקייט: „די גרויסע שרייבערס מוזן זיך פאַרנעמען מיט פּאָליטיק, אויף אַזוי ווייט ווי ס'איז נייטיק זיך צו פאַרטיידיקן קעגן פּאָליטיק... גאָט צו דאַנקען, נאָך פאַראַן גערעכטיקייט... ווען אַן אומשולדיקער מענטש איז פאַראורטיילט, איז נאָך פאַראַן ווער ס'זאָל אים באַשיצן. די פראַנצויזישע צייטונגען זענען ווערטלאָז. די „נאָוואָיע וורעמיאַ" (סוואָרינס צייטונג) איז פשוט עקלדיק... לחלוטין קאָמפּראָמיטירטע מענטשן ווי דריומאָן („אידעאָלאָג" און וואָרטזאָגער פון

די פראַנצויזישע אַנטיסעמיטן, מחבר פון העצערישן בוך „דאָס יידישע פראַנקרייך״) האָבן אויפגעהויבן די קעפּ... ווען עפּעס איז נישט אין אָרדע־נונג מיט אונדז גופא, זוכן מיר די אורזאַכן אויסער אונדז: „דאָס איז דער פראַנצויז, דאָס איז דער ייד... זינט די פראַנצויזן האָבן אָנגעהויבן צו רעדן וועגן די יידן... ווייזט אויס, אַז אַ וואָרעם פרעסט זיי אינערלעך...״

טשעכאָוו איז אומשולדיק געפאַלן אַ „קרבן״ פון דער גרויסער „טשיסטקע״ און אַנטיסעמיטן־יאַגד, וואָס גייט לעצטנס אָן ביי אונדז.

ווען יידן וואָלטן געהאַט אַ סך אַזעלכע „שונאים״, וואָלט נישט שלעכט געווען...

טשעכאָוו געהערט צו די זעלטענע פערזענלעכקייטן, ביי וועלכע מען קאָן אָפּט געפינען דעם מענטש אין קינסטלער און דעם קינסטלער אין מענטש.

עס איז אַ גרויסע זאַך: צו שאַפן קונסט־ווערק
בלויז אין די דערהויבענע שעהן ביים שרייבטיש.
צו זיין אַ קינסטלער אַ גאַנצן טאָג;
צו זיין אַ מענטש אַ גאַנצן טאָג —
דאָס איז אפשר די גרעסטע קונסט...

סערגיי יעסענין

(1895—1925)

מיט אים האָט די רוסישע פּאָעזיע אויסגעזונגען איר שוואַנען־ליד...

יעסענין — דער זינגפויגל וואָס איז אַריינגעפאַלן אין דער ספערע פון פלאַמען און שטיקנדיקן רויך — די שטורעמדיקע אומוואַנדלונגס־יאָרן פון רעוואָלוציע און בירגערקריג.

און פון דעם לופטלאָזן רוים פון „צומאָרגנס״ — דער ביז חלשות גראָער, פּראַקטישער ניכטערקייט און אויסגעניכטערטקייט נאָכן גרויסן רעוואָלוציאָנערן שכרות...

מיט אַ יאָרהונדערט נאָך פּושקינען און לערמאָנטאָוון, איז ער געווען זייער יורש אין פּאָעטישער פולבלוטיקייט, אין דעם מעכטיקן ריטם פון זיינע ברויזנדיקע שורות און דעם סוגעסטיוון טאָן פון אמתדיק גרויסער פּאָעזיע.

עס איז אמת, אַז דער מאָדערניזם האָט אים אַ ביסל געשאַדט: די איבערגעלאָדנקייט פון זיין בילדער־פּאַלעטרע (נאָכווייעניש פון אימאַזשי־ניזם), וואָס דראָט צו פאַרטושן די איינהייטלעכקייט פון גאַנצן, און די אָפטע רעטאָרישע דיגרעסיע. אָבער אין תוך איז יעסענין גאַנץ און עכט. און אמתדיקע קינסטלער זענען ענלעך צו דער נאַטור — אָט דער אָריגי־נעלער פאַבריק — וואָס ראַפינירט אין איר אומבאַגרייפלעכן שאַפונגס־פּראָצעס אַלע שפּלדיקע רוישטאָפן, אַרויסברענגענדיק פּראָדוקטן פון פיינסטן אַראָמאַט און פאָרם...

פון אַזעלכע רוי־מאַטעריאַלן ווי נויט, פּיין, לאַנגווייל און פאַרצווייפלונג, האָבן גרויסע קינסטלערס אַרויסבאַקומען די טייערסטע דיכטערישע שטאָפן.

אָבער די טראַגעדיע פון יעסענינען איז געווען, וואָס ער האָט זיך געפונען אין אַ לופטלאָזן רוים.

ער האָט געפירט אַ סך ליבעס; אָבער אין דער פּאָעזיע האָט ער אונדז געגעבן זיין ראָמאַנס מיט דער אייביק־יונגער קיינמאָל נישט פאַרראַטנדיקער דאַמע נאַטור...

און יעסענינס לידער זענען דורכגעזאַפּט מיטן אַראָמאַט און פאַרב פון דער ברייטער רוסישער נאַטור, פון אירעביימער, בלומען, גראָזן, פּי־ און עופות, פון דער רחבותדיקער רוסישער נאַטור, אין וועלכער אָט דער אומגעצוימטער רוסישער כאַראַקטער האָט זיך ווידערגעפונען.

עס איז ווייניק צו זאָגן, אַז ער האָט ליב געהאַט די נאַטור. די נאַטור האָט אים ליב געהאַט, באַשענקענדיק אים מיטן טאַלאַנט זי צו באַזינגען.

„מען דאַרף דאָ מיין פּאָעזיע נישט האָבן מער
און מיך אַליין אויך נישט.
דאָס גאַנצע האַרץ וועל איך אָפּגעבן דעם מאַי און אָקטאָבער,
און נאָר מיין ליבע לידער אָפּגעבן וועל איך נישט...
אַוודאי איז אויך לענין פאַר מיר נישט קיין איקאָנע...“

יעסענין, דער צאַרטער ליריקער, וואָס האָט קאָקעטירט מיט זיין כוליגאַניזם, האָט נאָך געקאָנט זינגען אין שטורעם־פעריאָד.

דער פאַטאָס פון אַ יונגן באָהעם־דיכטער האָט נאָך געקאָנט געפינען נאַרונג אין די שטורעם־ און דראַנג־יאָרן פון דער רוסישער רעוואָלוציע. אָבער אינגיכן איז געקומען די אינדוסטריאַליזאַציע און קאָלעקטיוויזאַציע פון דער פיזישער און גייסטיקער פּראָדוקציע...

די ביעדני־„פּאָעזיע" האָט געגעבן דעם טאָן...

דער הפקרדיקער רייטער פון „ריאַזאַנער שקאַפע", — וועלכער איז געווען פאַר אים זיין פּאָעטישער פעגאַז, — האָט זיך געמוזט איבערקלייבן אויפן סטאַלינגראַדער טראַקטאָר...

און דער צעלאָזטער פרייער באָהעם און זיך־געטרייער דיכטער מיטן „פויערישן אָפּנויג", האָט נישט געקאָנט אויסזינגען זיין ליד צום האַמעט־נעם, בראַזגנדיקן טאַקט פון דער מעכאַנישער טשערעפּאַכע.

זיינע לידער און פּאָעמעס פון דעם צומאַרגנס־פּעריאָד זענען דער־שיטערנדיק מיט זייער טראַגישער ווידוישקייט.

נאָך עטלעכע יאָר אָפּזיין אין אויסלאַנד, איז ער אַהיימגעקומען — און זיך דערפילט ווי אַ ליטעראַרישער חוני המעגל:

„מען זינגט „אַגיטקעס" פון דעמיאַן ביעדני..."

אָבער דער זינגער האָט נישט געוואָלט פאַראַטן זיין געטלעכע לירע און אויסטוישן זי אויף דער פּאָפּולערער „האַרמאָשקע", אויף דער דירעק־טיוו־„קאַטערינקע", אויפן פּאָליטישן גראַמען־גראַמאָפאָן...

און ווי טרויעריק די פּאַרויסזעענדיקע און פּאַרויסזאָגנדיקע פערזן:

„און איך וועל גיין אַליין צו אומבאַוווּסטע ענדן,
מיט מיין בונטאַרישן האַרץ אויף אייביק ווערן שטיל".

און ער, דער ערלעכער, האַרציקער דיכטער, האָט געהאַלטן וואָרט.

סערגיי יעסענין איז, ווי זיינע גרויסע פאָרגייערס פּושקין און לערמאָנ־טאָוו, אומגעקומען אין אַ טראַגישן דועל.

דעם דועל מיט דער צייט.

ד י י ט ש ע
ליטעראַטור

היינריך היינע

(1797—1856)

היינע — דער מענטש און זיין ליד — פאַרגייסטיקטער גוף... און טרעפלעך איז געווען זיין זעלבסט־באַצייכענונג: „איך באַלאַנג נישט צו די מאַטעריאַליסטן, וואָס זענען מגשם דעם גייסט; גיכער טו איך אומקערן צום גוף זיין נשמה. איך באַגייסטיק אים, איך הייליק אים". (הקדמה צו „די ראָמאַנטישע שול").

זיין וועזן — אַ געמיש פון קעגנזאַצן, אַ מאָזאַיק פון קולטורן, אַ ווילדע סימפאָניע פון גייסט־קלאַנגען.

אַ יידיש־העלענישער קריסט.

אָבער דאָס לעצטע איז דאָך ביי אים נאָר געווען אַ פאָרמאַליטעט. און ער האָט דאָס אַליין דערקלערט מיט זיין באַרימטן זאָג: „ווען דאָס געזעץ וואָלט דערלויבט צו גנבענען זילבערנע לעפל..." דער קריסט־לעכער טויף־שיין איז פאַר אים בלויז געווען אַן איינטריטס־קאַרטע אין דער געזעלשאַפט, אַ וועג צו אַ קאַריערע. דאָס איז גיכער געווען אַ שיין־טויף... ער האָט, לויט זיין וועזן, געהערט צו דער קירך פון אייביקן לעבן — ער איז געווען אַן אַפּאָסטאָל פון לעבעדיקער „אייביקייט"...

אָבער דער ייד און דער גריך האָבן זיך געראַנגלט אין זיין געמיט — מיט אַ שמץ פון די אַמאָליקע קעלטישע טויט־שפּאָטערס.

ער איז געווען אַן אײדעלער „הייד", וואָס האָט זיך געראַנגלט מיט זיין יידישן דיבוק...

נביאישער פלאַם פון „צדק צדק תרדוף" — און מילד־זיסע אַפּראָדי־טישע לייבלעכקייט...

ער איז געווען אַ זינגעדיקער שעלמע — געבענטשט פון די העלענישע

גראַציעס און דורכגעסמאַליעט מיטן פֿאַרצערנדיקן בליץ פֿון די נביאים.

און דער דאָזיקער אָרגאַנישער כאָאָס איז, דאַכט זיך, געווען די סיבה פֿון דער כסדרדיקער דינאַמישקייט, פֿון דער אָנגעלאָדנקייט פֿון זיין פּערזענלעכקייט; עס איז געווען די סיבה פֿון זיינע דערגרייכונגען און דורכפֿאַלן, פֿון זיין גאַנצקייט און צעריסנקייט.

היינעס לידער זענען דין־לייכטע מוזיק. זיי זענען געקענצייכנט מיט זייער אומבאַשרייבלעכער גראַציע, וואָס שוועבט אויף די פֿליגל פֿון זיין געזאַנג. דער בוקעט פֿון זיינע פּאָעטישע שאַפֿונגען איז זייער אַ פֿאַרשידנאַרטיקער. דאָס עפּישע ליד, סאַטירע, פּאַראָדיע, פֿאָלקסטימלעך ליד, באַלאַדע א״אַ. אַמאָל פֿאַרוואַרפֿן זיי אַ הענג־בריק צום אומבאַשטימטן, צו דער אומענדלעכקייט פֿון אַנונג, אַסאָציאַציעס און וויזיעס. אָבער מערסטנטייל די לייכטע און לייכטנדיקע ערדישקייט, די זינלעכע האַרמאָניע — זיי שימערירן און הויכן אויס די פֿאַרבן־רייכקייט און אַראָמאַט־שיכרות פֿון אייביקן פֿרילינג, פֿון בליענדיקן בעז...

די מוזעס האָבן ליידנשאַפֿטלעך געקושט אויף די באַקן זייער פֿאַוואָריט, און די חן־סימנים פֿון זייערע קושן זענען פֿאַרבליבן אין זיינע לידער...

פֿאַראַן אין זיי: בלאָער נעפּל־טוי פֿון שוואַרצע וויינטרויבן און פֿרויען־אויגן, סאַמעט פֿון שמעטערלינג־פֿליגל, צוויט־ראַזיקייט, בלומען־פֿרישקייט...

אָבער היינע איז נישט קיין תהום־טיפֿער און נישט קיין הימל־הויכער פּאָעט; עס פֿעלט אים און זיין ווערק די טיפֿע דימענסיע פֿון אַ נאָוואַליס, רילקע און עלזאַ לאַסקער־שילער.

ער גראָבט נישט דאָס אײדעלע וואָרט־מעטאַל אין זיינע טיפֿן. ער נידערט נישט אין די אונטערוואַסערן פֿון געמיט, נאָכן פֿאַנג פֿון זעלטענע פּערל. ער גיט אונדז די לייכטע מעלאָדיע, דעם זאַכט־באַחנטן שוועבן פֿון אַ שוואַנען־מחנה אויף אַ פֿאַרכשופֿט שיינער אָזיערע...

*

היינע איז אַ סטיכיע פֿון סאַטירע, אַ וואַסערפֿאַל פֿון געלעכטער. זיין הומאָר האָט די פֿאַרשידנסטע שאַטירונגען: פֿון גאַליקן שפּאָט ביז צום

לייטזעליקסטן חן־שמייכל. דאָס איז אַ לאַכנדיקער נאַטור־עלעמענט, וואָס באַגוועלטיקט מיט הייטערקייט און לוסט, פּלוס דער מאַגיק פון קונסט.

אָט די פאַרשידנקייט פון זיין פּילזייטיקן הומאָר קומט צום אויסדרוק אין זיינע ווערק — לידער, דערציילונגען, עסייען, פעליעטאָנען, רייזע־באַשרייבונגען און רעפּאָרטאַזשן.

די שפּאַט־סטיכיע אין אים פאָרמירט זיך אין די פּיקאַנטסטע געשטאַלטן. עס איז אַ פּלאַסטישער, פּיטאָרעסקער הומאָר. דער סוד פון זיין וויץ ליגט אין דער וווּנדערלעכער קאָמבינאַציע פון בליציקן אימאַזש, — אָפט אַ גראָטעסקן, — רעטאָרישער עלעגאַנץ, באַפליגלטקייט פון דער קינסט־לערישער פּראַזע און בליציקער אויפכאַפּערישקייט פון יעדן באַליביקן אָביעקט דורך דער סוביעקטיווער „לינדזע״ פון אַ מייסטער־קאַריקאַטו־ריסט, פון גייסטרייכסטן וואָרט־מכשף.

ער געהערט צו די וואָרט־„עקזעקוטאָרן״, וואָס האָבן געקאָנט מיט איין אויסדרוק צושמידן עמעצן צום שאַנדסלופּ פון דער געשיכטע...

און דאָס האָבנדיק אין זינען, מן הסתם, האָט ער געשריבן:

„באַליידיקט נישט קיין לעבעדיקע דיכטער:
זיי האָבן פלאַמען און וואָפן,
וואָס זענען שרעקלעכער פון יופּיטערס בליץ —
וואָס דער פּאָעט האָט באַשאַפן.
קענסטו דעם גיהנום פון דאַנטע נישט,
די שרעקלעכע טערצעטן?
ווען דער דיכטער האָט דאָ אַריינגעזעצט,
קאָן קיין גאָט מער נישט רעטן...
קיין גאָט, קיין משיח דערלייזט אים
פון די זינגענדיקע פלאַמען!
נעם דיך אין אַכט, אַז מיר זאָלן דיך נישט
צו אַזאַ גיהנום פאַרשעלטן״.

(„דייטשלאַנד, אַ ווינטער־מעשהלע״)

איבער אַלע זיינע ווערק, אין זייערע פאַרשידענע זשאַנערס, איז פאַרשפּרייט דער צויבער, דער אומבאַשרייבלעכער רייץ פון זיין שמייכל, וואָס האָט געלויכטן מיט אַלע פאַרבן פון ספּעקטרום. זיין דינאַמישער טעמפּעראַמענט איז געווען די פּריזמע וואָס האָט קאָליררייך אָפּגעשפּיגלט די רעאַליטעט...

ער האָט אַלץ באַזוניקט און באַזיניקט מיט זיין גראַציעזן שמייכל.

*

זיינע פּראָזעווערק — עסייען, דערציילונגען, רייזע־באַשרייבונגען און רעפּאָרטאַזשן — האָבן, לרוב, די כאַראַקטעריסטישע מעלות פון זיינע פּאָעטישע שאַפונגען: פּלאַסטיש־מאָלערישע געשטאַלטיקונג, בליציק־גייסטרייכער וויץ און גראַציעזע לייכטקייט.

לייענענדיק זיין פּראָזע האָט מען דאָס געפיל פון אַ לייכט־שוועבנדיק גליטשן זיך אויף אייז...

אין דערציילונגס־פאָרם האָט היינע בלויז פאַרעפנטלעכט עטלעכע פראַגמענטן: „דער רבי פון באַכראַך", „הער שנאַבעלעוופּסקי", און „פלאָ־רענטינישע נעכט". דאָס בעסטע פון זיי איז דער ערשטער פראַגמענט, וואָס איז אַ מוסטער פון פיינער פּראָזע — ליריש און שטייגער־שילדערונג.

זיינע קריטישע עסייען זענען אַ געמיש פון נאַראַטיווער בילדערישקייט, עסייאיסטישער עלעגאַנץ און אָפט אויך קריטישער דורכדרינגלעכקייט. ער קאָן פּלוצלינג אָפּווייכן פון דער הויפּטליניע און זיך פאַרנעמען אויף דעם שטעגל פון געמיטלעך־פלוידערנדיקער לייכטקייט, פעליעטאָניסטיש־אַמוזירנדיק.

די לייכטע שוועבנדיקייט איז נישט שטענדיק קיין מעלה אין קריטישע אַרבעטן, ווו מען מוז אָפט „באַרירן דעם באָדן". דאָס קומט צום אויסדרוק אין לאַפּידאַרע, האַלב־ערנסטע אָפּשאַצונגען. אָבער פונדעסטוועגן גיט ער אָפט, מיט דער הילף פון עסייאיסטיש־קינסטלערישן טיפן בליק — אַ שאַרף־כאַראַקטעריסטישן שטריך פון אַ שרייבער און זיין ווערק. וועגן געטען האָט ער דעם מוט מודה צו זיין, אַז ער האָט אים אין זיין פריער יוגנט נישט אָנערקענט צוליב — קנאה... ער האָט וועגן לעצטן זייער טרעפלעכע

באַמערקונגען, באַזונדערס וועגן „וועסט־עסטלעכן דיוואַן״: „די דאָזיקע פּראָזע איז אַזוי דורכזיכטיק ווי דער גרינער ים... אַזוי מאַגיש, אַזוי פול מיט אַנונג ווי דער הימל, ווען עס קומט אָן דער אָוונט און די גרויסע געטלעכע געדאַנקען טרעטן אַרויס ריין און גאָלדיק ווי די שטערן...״

היינע, ווי אַ דיכטער־קריטיקער, האָט געהאַט דעם צוגאַנג פון „קרי־טיק פון דער קריטיק״, ווי פּאַסקאַל, געטע, טאַראַ און אַנדערע. האָט ער געקוקט מיסטרויאיש אויף דער פּרעטענציעזער וויסנשאַפטלעכער קריטיק:

„די ווערק פון קריטיק שטייען אייביק פעסט. אָבער די קריטיק איז אַ זאַך וואָס בייט זיך. זי קומט אַרויס פון די השקפות פון דער צייט, און דערפאַר האָט זי אַ באַדייטונג נאָר פאַר איר. און אויב זי איז נישט אַליין פון קינסטלערישן מין... אַזוי גייט זי מיט איר צייט אין קבר אַריין...״

דאָס אַריינקומען אין קונסט־היכל פון דעם טרוקענעם אויסטייטשער און גריבלער — דאָס באַלייכטן די געהיימע אוצרות פון קונסט מיט דער הילף פון ראַציאָנעלע מעדיטאַציעס — איז ווי צו באַלייכטן מיט אַ גראָשנדיק ליכטל אַ טונקעלע אַליי, ווו אַ פּאַרליבט פּאָרל זיצט פאַרזונקען אין דער שטערן־שיין, אין דעם אומאויסשפּרעכלעכן צויבער פון שאָטן און געדעמפטן זילבער־ליכט: דאָס ביליק־וואַכנדיקע ליכטל פאַרטונקלט בלויז דאָס אמת־דיקע פאַרשטעלונגס־ליכט, רייסט איבער די כישופדיקע האַרמאָניע פון מענטש און נאַטור...

זיינע רייזע־באַשרייבונגען — אינדיווידועל־באַפאַרבט. זיי זענען אייגנט־לעך אָפט מער אַ באַשרייבונג פון רייזנדיקן, ווי פון דער רייזע: די כלערליי געדאַנקען, בילדער, שטימונגען און מעדיטאַציעס, וואָס די אויסערלעכע אָביעקטן האָבן אין אים אַרויסגערופן. אָדער, ווי ער האָט דאָס אויסגעדריקט, אַז נישט ער זעט אַרויס פון די אָביעקטן, נאָר ער זעט אין זיי אַריין...

*

היינע — דער זשורנאַליסט.

ער האָט אָנגעהויכט די כראָניק מיט אייביקייטס־אָטעם.

זיינע רעפּאָרטאַזשן, געשריבן מיט העכער הונדערט יאָר צוריק פאַר דער „אויגסבורגער אַלגעמיינע צייטונג״, זענען פריש, לעבעדיק, פאַרביק.

זיי זענען דורכגעלויכטן מיט זיין ווונדערלעכער שפּילעוודיקער סאַטירע. אַט ברענגט ער, אין זיינע פּאַריזער רעפּאָרטאַזשן, ידיעות וועגן צוזאַמענשטעל פון פראַנצויזישן פּאַרלאַמענט, און גיט אַ זאָג וועגן די פראַנצויזישע קאָנסערוואַטיוון, אַז ער „ווייסט נישט וואָס זיי האָבן צו קאָנסערווירן, סיידן די אייגענע טפשות"...

דער אומקינסטלערישער סטיל איז ווי אַ קערפּער וואָס צעפּאַלט זיך; דער קינסטלערישער איז וואָרט־באַלזאַמירונג, וואָס פּאַראייביקט זיינע שורות מיט דער עסענץ פון קונסט — וועלכער לאָזט זיך נישט שאַפן לויט אַ סינטעטישער רעצעפּט, — גייסטרייכן בליץ און וויזיע. אייגנטלעך קאָן מען די פילע ליטעראַרישע פאָרמען רעדוצירן צו צווי הויפּט־זשאַנערס: דער קינסטלערישער און אומקינסטלערישער. היינע האָט געשריבן גייסטרייך וועגן טריוויאַלע ענינים. פאַראַן אַ סך שרייבערס וואָס פאָרמעל, לויט דער זשאַנער־באַצייכענונג, גייען זיי אַריין אין דער ערשטער קאַטעגאָריע; אָבער פאַקטיש געהערן זיי צו דער צווייטער. פונקט ווי מאַנכע שרייבן מיט אייביקייטס־שווונג וועגן טאָג־טעגלעכע, זשורנאַליסטישע ענינים, אַזוי שרייבן אַנדערע זשורנאַליסטיש וועגן אייביקייטס־ווערטן.

און דאָ איז פאַראַן אַ געזונטער כלל: קוק נישט אויפן פלעשל, אויפן פאָרם־עטיקעט, נאָר אויף דער פאָרם גופא, וואָס איז פאָרם־אינהאַלט.

*

אַלס סאָלדאַט אינעם „פרייהייטס־צוג פון דער מענטשהייט" איז היינע, טראָץ זיינע פיל סתירות (וואַקלונגען צווישן דעמאָקראַטישער פרייהייט, רעוואָלוציאָנערן דראַנג און אַריסטאָקראַטישע נטיות; זיין אָנטייל אין דער סען־סימאָניסטישער באַוועגונג און זיין פאַרערונג פאַר נאַפּאָלעאָנען אא"וו), דאָך געווען אַ הומאַניסטיש־פּראָגרעסיווער כוח.

ער איז געווען — אַ ראָבין הוד פון וואָרט־פיילן.

דער גרעסטער פעכטמייסטער פון פּראָזע־דועלן.

אויך זיין אַדאָפּטירטע גייסטיקע מוטער, דאָס קריסטנטום, האָט ער נישט געשוינט. ער האָט געהאַלטן, אַז „אונדזער צייט — און זי הייבט זיך אָן אויפן יעזוס־קרייץ — וועט אַמאָל באַטראַכט ווערן ווי אַ גרויסער קראַנק־

הייטס־פּעריאָד פון דער מענטשהייט" („הער שנאַבּעלעוווסקי"), און אַז „רוים האָט אַלעמאָל געוואָלט הערשן. און ווען ס׳זענען געפאַלן אירע לעגיאָנען, האָט זי אַרויסגעשיקט אין די פּראָווינצן אירע דאָגמעס..." („צפון־ים").

מיט העכער הונדערט יאָר צוריק פאַרן אויסברוך פון דער נאַצי־מגפה האָט היינע געשריבן די דורכדרינגלעכע, פּראָפעטישע ווערטער:

„דאָס קריסטנטום האָט, אין אַ געוויסער מאָס, געלינדערט דעם ברוטאַלן און קריגערישן אייפער פון די דייטשן, אָבער איז קיינמאָל נישט געווען פעיק צו צעשטערן אים, און ווען דער קרייץ, דער טאַליסמאַן... איז צעבראָכן, דאַן וועט די אַכזריות פון די אַלטע קריגערס ווערן פריי פון צוים".

היינע האָט כמעט פאַרגעזן, אַז די דייטשן וועלן פאַרוואַנדלען דעם קרייץ — אין אַ האַקנקרייץ.

היינע האָט זיך געהאַלטן אַלס פּאָנענטרעגער פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. ער באַזינגט דעם פּאַריזער קאָנווענט אַלס „דרייפאַרביקע עוואַנגעליע, לויט וועלכער נישט בלויז די פאָרם פון דער מלוכה, נאָר דאָס גאַנצע געזעלשאַפטלעכע לעבן זאָל נישט ווערן פאַרעלטערט, נאָר ניי איבערגעמאַכט... ניי געבוירן ווערן". ער דערגייט צו פּאַטעטישער גלאָריפיקאַציע, באַצייכענענדיק די עפּאָכע: „אַ צייט, וואָס איז אפשר די הייליקסטע פון אַלע צייטן... אַ משיח פון די יאָרהונדערטער..."

אָבער דאָס האָט אים נישט געשטערט צו באַגייסטערן זיך פאַר נאַפּאָ־לעאָנען, וואָס האָט פון דעם טערמידאָר־אַש צוזאַמענגעשאַרט די טליענדיקע רעוואָלוציאָנערע קוילן, די אומשטערבלעכע פרייהייטס־פונקען, און פאַר־וואַנדלט זיי אין אַ פייער־טאָפּ פון פּערזענלעכער גרויס־אַמביציע, פון אַ נייעם צעזאַרנטום. (אגב, דער נאַפּאָלעאָן־קולט איז געווען אַן אַלגעמיינע דערשיינונג אין 19טן יאָרהונדערט, אַפילו ביי די גרעסטע גייסטער. בלויז בעטהאָווען האָט צעבראָכן די פאַלשע קאָרסיקאַנער לוחות).

די ווידערשפּרוכן פון דעם דיכטער דערשיינען נישט בלויז, ווי געזאָגט, אין שייכות מיט זיינע סאָציאַל־פּאָליטישע אידעאַלן, נאָר אויך אין זיין

כאַראַקטער און שאַפן: צאַרטסטע עמפּינדלעכקייט און אַכזריותדיקע פאַר־ביסנקייט, לירישע איידלקייט און רעאַליסטישע וואולגאַריטעט.

היינע איז אַ מולטי־יאַנוס...

ער האָט געלאַכט פון זיין טרויער און באַדויערט זיין געלעכטער.

יעדער שטריך, יעדער שמייכל און פּיר מיט דער פּען — מיינט אַן אַנדערן ניואַנס, — וואָס דערמאָנט אין אַ פערז פון רעמבאָ: „איך בין אַן אַנדערער״...

*

דעם שווער־קראַנקן היינעס צוזאַמענברוך פאַר דער סטאַטוע פון ווענוס פון מילאָ — אַ דראַמאַטישע געזעגענונג.

היינע האָט נישט, ווי אברהם, צעבראָכן די אָפּגעטער; ער איז אַליין געלעגן אַ צעבראָכענער פאַר זיינע אָפּגעטער.

אין משך פון זעקס יאָר איז דער אומגליקלעכער דיכטער געווען צוגע־שמידט צום בעט: אַ לאַנגע זיפצן־פּרעלודיע צו דער לעצטער שווייגן־סימפאָניע...

דער גורל האָט היינען אָפּגעשפּילט אַ טראַגישן שפּאַס: דער אַפּאָלאָ־נישער זינגפויגל, דער דיכטער פון לעבנס־פרייד און זינלעכער גראַציע, איז יאָרנלאַנג צוגעשמידט געווען צו זיין האָריזאָנטאַלן קרייץ.

און דער קראַנקער שרייבט אין זיינע רירנדיקע בריוו פון „מאַטראַצן־קבר״:

„איך בין אַן אַלטער, צעבראָכענער ייד...״

*

אַ העלעניש־אידעלער סענסואַליסט. גריכישער חן פון ליניעס. זינלעכע פּאַטעטיק. אָבער אויך — אַ נביאישער הויך, אַ סאָציאַל־עטישער ציטער פון ירושלים.

דאָס איז די פאַרביקע מאָזאַיק פון היינע, דעם מענטש און זיין ווערק.

וואָס שייך זיין אומגעהייערער פּאָפּולאַריטעט, מוז מען נישט אָננעמען, אַז זי איז אַ צייכן פון אַלגעמיינער ליבע צו געזאַנג; גיכער ווייזט עס ווי אוניווערסאַל־פּאָפּולער ס׳איז — דאָס געזאַנג פון ליבע.

און היינעס קבר אויפן „פּער־לאַשעז" אין פּאַריז איז די מעקאָ פון אַלע ראָמאַנטיש־בענקענדיקע נשמות.

פרידריך ניטשע

(1844 — 1900)

אין דער דערשיינונג פון ניטשע און זיין ווערק האָבן מיר אַ גרויסע רעטעניש, אַ סימפּאָניע פון דיסאָנאַנסן, אַ מאָזאַאיק פון ברעקלעך אמתן, פון קאָנטראַסטן — אָן דעם גרויסן סינטעז, וואָס זאָל אַלץ באַזונען און געבן זין.

עקסטאַטישער פילאָזאָף, אַנאַליטישער דיכטער, סתירהדיקער קול־טור־קריטיקער, אַפּאָריזמען־מחבר, לוחות־ברעכער און לוחות־קריצער, פיינער פּסיכאָלאָג — דאָס אַלץ איז ניטשע געווען, אָבער אים האָט געפעלט די גייסטיקע גראַוויטאַציע.

ווי אַ בלאָנדזשענדיקער קאָמעט האָט ער זיך געטראָגן מיט זיין גרויסן אימפּעט, אַרויסגעשטויסן פון דער נאַטירלעך־קאָסמישער אָרביטע און אויפלייזנדיק זיך אין אַן אידעישן קאַטאַקליזם.

ניטשע אַלס פּערזענלעכקייט איז געווען אַ טראַגישער כאָאָס פון רעליגיעזיטעט און סקעפּטיציזם, פון מיסטיק און ציניזם, פון אַנאַליטישן שאַרפזין און וויזיאָנערישער עקסטאַטיק; — אָבער אַלץ איז זיך ביי אים אויף אַ משונהדיקן אופן צוזאַמענגעקומען אין אַ קינסטלעריש־פילאָזאָפישן מעזאַליאַנס, וואָס האָט געבוירן אַ מאָנסטער — דעם „איבערמענטש".

ווי אַ פילאָזאָף, האָט ניטשע זיין אויסגאַנג פונקט אין אַ מאָדנעם געמיש פון די מאַטעריאַליסטישע עוואָלוציע־סיסטעמען פון דאַרווין און

לאַמאַרק, אין דעם פאַטאַליזם פון דעם אַנטיקן גריכנטום און אין די הינדואיסטישע מיסטישע קאָנצעפּציעס פון „אייביקן ווידערקער".

אַלס פּסיכאָלאָג האָט ער זיין אורשפּרונג אין די פראַנצויזישע קלאַסישע מאָראַליסטן פון 17־טן יאָרהונדערט, קודם כל אין דער צינישער חכמה פון אַ לאַראָשפוקאָ, וועלכער האָט נישט איינגעהילט די נשמה אין וואַטע...

ווי אַ קולטור־קריטיקער איז ניטשע דער צווייטער גרויסער „אַנטי־קריסט" נאָך וואָלטערן. אָבער וואָלטער האָט באַקעמפט דאָס קריסטנטום אין נאָמען פון ראַציאָנאַליזם, פון אוניווערסאַלן הומאַניזם און פראַקטישער מאָראַל פון טאָלעראַנץ. דאַקעגן ניטשע האָט געהאַט די אַמביציע צו „צעשמעטערן" די יסודות פון דער גאַנצער קריסטלעכער רעליגיע און ציוויליזאַציע — אירע דאָגמעס און מאָראַל־יסודות.

דער צאַראַטוסטראַ־פּרעדיקער האָט געכאַפּט די פּיש פאַר די נעץ, און זיך כסדר באַוואָרנט קעגן דעם חשד, אַז ער איז אַ רעליגיע־גרינדער, אַפּאָסטאָל פון אַ נייעם גלויבן. אָבער עס איז זייער לייכט איינצוזען אַז דאָס שטימט נישט. נישט קוקנדיק אויף זיין גאַנצער ברייטער און טיפער פילאָזאָפישער קולטור און קאַפּאַציטעט, איז דאָך דער שעפער פון „צאַראַטוסטראַ" קודם כל אַ נביא, אַ געפערלעכער נביא, אַ נביא השקר, אָבער אַ נביא. ער האָט טאַקע כסדר זיך געגריבלט, אַנאַליזירט, קריטיקירט; אָבער גלייכצייטיק האָט ער געהאַט דאָס וועזנטלעכע פון יעדן מיסטיקער און רעליגיע־גרינדער: דעם מיטאָס, דאָס סימבאָלישע שלאָג־וואָרט, די בשורה און די שליחות פון עפּעס. און זיך האָט ער, אַפּנים, געמיינט, ווען ער האָט געגעבן די דעפיניציע אַז „דער מיסטיקער לעבט דורך דער פאַרונג פון סקעפּטיציזם און נאָסטאַלגיע."

וואָס זענען די הויפּטפּונקטן פון דער ניטשעאַנישער פילאָזאָפיע — אַלס דערקענטעניש־סיסטעם, מאָראַליש און סאָציאַל־פּאָליטיש?

אין זיינע דערקענטעניש־פּרינציפּן — אַ געמיש פון אַטעיזם („גאָט איז געשטאָרבן"), מיסטיציזם (אייביקע אומוואַנדלונג) און מאַטעריאַליסטישן עוואָלוציאָניזם.

אין זיין מאָראַל־לערע — אַן עקסטראַוואַגאַנטער פּרווו צו קוועס־

טיאַנירן, אומצוואַרפן די טויזנטיאָריקע פונדאַמענטן פון דער מאָראַל פון גוטסקייט, ליבשאַפט, רחמנות — ספּעציעל פון דער אַזוי גערופענער קריסטלעכער „ליבע צום נאָענטן".

אין סאָציאַלן אַספּעקט — אַ שאַרפע פאַרניינונג פון דעמאָקראַטיע, מאַסע, אוטיליטאַריאַניזם; אַ פּאָסטולאַט פון אַ ביזאַרער אַריסטאָקראַטיע פון וועלט־אַוואַנטוריסטן אַלאַ נאַפּאָלעאָן, פירשטן־פאַרברעכערס ווי אַ צעזאַר באָרדזשיאַ עט קאַמפּ. אין אָט דער אידעאַליזאַציע פון דעם שטאַרקן יחיד, וואָס גייט צו זיין ציל איבער די קעפּ פון דער מאַסע, הערט זיך דער אָפּקלאַנג פון דעם פּרינציפּלאָזן „פּרינץ" מאַקיאַוועליס.

אין אַלע אַספּעקטן פון זיין פילאָזאָפיע הערשט דער גרויסער פּאַראַדאָקס, פּונקט ווי אין זיין גאַנצן וועזן און ווערק. מיר טרעפן ביי אים זעלטן־שאַרפזיניקע און טיפזיניקע אָבסערוואַציעס פון מענטש, געזעל־שאַפט און נאַטור, און סתם עקסטראַוואַגאַנץ; אָבער דער מיסטיקער און איראַציאָנאַליסט אין אים — און באַזונדערס דער מיטאָמאַן — נעמט כסדר אָפּ דאָס זייניקע אין דעם פּאַראַדאָקסאַלן אויפבוי פון נייע געטשקעס, מיטן — אויפן אָרט פון די צעשטערטע. אָט שטעלט ער אַרויס ווי זיין פילאָזאָפישע רעוואָלוציע, די איבערווערטונג פון אַלע ווערטן. אָבער ער אַליין האָט איבערגעשעצט דעם ווערט פון זיין אַנטי־תורה... דער „איבערמענטש", „דער ווילן צו מאַכט", „אויף יענער זייט פון גוטס און בייז", „די שקיעה פון די געטער" — דאָס זענען די נעמען פון זיינע נייע געטשקעס, פאַר וועלכע דער טעמפּל־שטורעמער הייסט קניען...

*

ניטשעס רעטעניש פולע געשטאַלט איז אַ פּראָוואָצירנדיקער פּסיכאָ־לאָגישער רעבוס, און וויפל מען זאָל נישט זוכן קיין פּתרון, איז אַלץ שווער צו דערגיין צום צענטער פון אָט דעם „גאָרדישן קנופּ".

אָבער פּאָרט לאָזן זיך מערקן עטלעכע כאַראַקטעריסטישע אויס־גאַנגס־פּונקטן.

ניטשע האָט געשטאַמט פון עטלעכע דורות פּראָטעסטאַנטישע פּאַסטאָרן — פון ביידע צדדים; אָבער זיין בילדונג איז געווען אַ קלאַ־

סישע. צו 24 יאָר איז דער יונגער פּאַסטאָר־זון שוין געווען אַ פילאָלאָ־גישע קאַפּאַציטעט, אַ פּראָפעסאָר פון גריכיש אויפן באַזעלער אוניווער־זיטעט. און אַזוי האָבן מיר אַן אינטעלעקטועלע „היץ־קראַנקהייט" אין רעזולטאַט פון אַ גייסטיקער פאַרקילונג, פון אַ גייסטיקן „צוגווינט". דעם ביבלישן בראשית און דעם לאַמאַרקישן; פון עוואַנגעלישער אידיי־לישקייט און גרויליקער גריכישער טראַגעדיע. ער איז נישט געווען דער טיפּ פון אַן אָביעקטיוון געלערנטן, דעם טיפּ פון דער „רער", דורך וועלכער ס׳שטראָמט וויסן, אָבער וואָס האָט אַליין קיין שייכות נישט דערמיט. ער איז געווען אַ לירישער וויסנשאַפטלער, אַן „אַנגאַזשירטער", דער פילאָזאָף פון דעם טיפּ „נישט צוליב דער וויסנשאַפט, נאָר צוליב דעם לעבן לערנען מיר".

ער איז געווען דער פאָרשער, וואָס פּרוווט אויס אויף זיך זיין אַנטדעקונג.

אין זיין ווערק „שאָפּענהויער אַלס דערציער" רעדט ער טאַקע וועגן „נישט אינטערעסירן זיך מיט אַ פילאָזאָף, נאָר אויף וויפל ער איז גרייט זיך צו געבן ווי אַ ביישפּיל". און אין „אַזוי האָט גערעדט צאַראַטוסטראַ": „איך האָב ליב וואָס אַ מענטש האָט געשריבן מיט זיין בלוט".

זיין געוואַלדיקע אינטעלעקטועלע קאַפּאַציטעט איז געווען אין אַ שטאַרקן קאָנטראַסט מיט זיין עלנטן קערפּערלעכן צושטאַנד. נאָך עטלעכע יאָרן לערנען האָט ער געמוזט אויפגעבן זיין פּראָפעסאָר־פּאָסטן צוליב זיין אויגן מיחוש, קורצזיכטיקייט, וואָס איז דערגאַנגען צו כמעט בלינדקייט. ער האָט אויך געליטן שרעקלעכע פיזישע יסורים אין רעזולטאַט פון אַ שווידערלעכער קראַנקהייט. אָט דער נעבעכדיקער חלוש איז דאָס געווען דער דערפינדער און באַגרינדער פון סופּער־העלדנטום.

אין אַ געוויסן זין איז אפשר ביי אים אויך געווען אַ מין גייסטיקע אומפאַרדייאונג צוליב „איבערעסן" — אַ חלוש, אַ כמעט קריפּל, אַ שטרויע־נער אַטלאַס וואָס טראָגט אויף זיינע דאַרינקע פּלייצעס אַ וועלט מיט וויסן, אַלע אָקעאַנען פון די וועלט־קולטורן.

אויף איינער פון די סתירות ביי ניטשען האָט, מיט באַזונדערער אַריינדרינגלעכקייט, אַנגעוויזן טאָמאַס מאַן אין זיין פיינעם ניטשע־עסיי.

ער באמערקט זייער טרעפלעך, אַז ניטשע, מיט זיין צאַרטן פּסיכישן און פיזישן וועזן, האָט זיך בכלל נישט אַריינגעפּאַסט, האַרמאָנירט מיט דער געוואלדיקער איינזאַמקייט, מיט וועלכער ער האָט זיך אַרומגערינגלט. ניטשע דער באַרג־וואַנדערער, דער וואַנדערנדיקער נזיר האָט זיך גענייטיקט אין אַ דערפרישנדיקער חברישקייט; צו דעם האָט, ווייזט אויס, געלעכצט דער צאַרט־סענסיטיווער מענטש, פאַרשרייענדיק דאָס מיט זיינע אָדלער־ און לייבן־מיטן.

ער, וואָס איז געגאַנגען אין פריוויליקער גלות־איינזאַמקייט און וואָס זיין ווערק איז אַן אַפּאָטעאָז פון איינזאַמקייט, — האָט פיר יאָר פאַר זיין ענדגילטיקן צוזאַמענבראָך דערקלערט: „איך בין קיינמאָל נישט געווען געאייגנט פאַר איינזאַמקייט.“

אין יאָר 1890 האָט ער זיך באַקלאָגט פאַר אַ נאָענטן מענטש: „דער חלל אַרום מיר איז באמת גרויס געוואָרן... איך האָב געגעבן דער מענטשהייט דאָס טיפסטע בוך — און ווי מען דאַרף פאַר דעם ליידן.“

אין דער צייט וואָס זיין קרוינווערק האָט זיך געדרוקט, איז דער מחבר — ערגעץ אויף זיינע וואַנדער־עטאַפּן אין איטאַליע און דער שווייץ — געלעגן קראַנק און זיך באַקלאָגט: „וואָס פאַר אַ לעבן! און נאָך זאָגן, אַז איך בין אַן אַפּגעלאָגעט פון לעבן!“.

די און אַנדערע פאַקטן און השערות זענען בלויז טיילווייזע דערקלערונגען, אָבער נישט קיין הויפּט־שליסל צו דער רעטענישפולער און טראַגישער ניטשע־געשטאַלט. זיי וואַרפן בלויז עטלעכע קאַרגע ליכטשטראַלן אויף דעם ניטשעאַנישן רעטעניש. מען קאָן זאָגן, אַז דער אידעאָלאָגישער און פּסיכאָלאָגישער בנין פון דעם ביזאַרן דיכטער־פילאָזאָף האַלט זיך אויף אַ קאָנסטרוקציע פון דעסטרוקטיווע עלעמענטן. און אויסצורעכענען די אַלע סתירות, פאָדערט זיך אַ באַזונדערע סטודיע, וואָס גייט נישט אַריין אין די ראַמען פון דעם עסיי.

ניטשעאַניזם איז די פילאָזאָפיע פון אַנטי־מאָראַל, אַ מין חלשות־געפיל פון אַן אויסערגעוויינלעכן מפונק, אַ „נאַווזעאַ“ פון דעם קריסטלעכן לאַקריץ.

ניטשעאַניזם, מיטן איבערמענטשלען זיך, מיט דער צאַראַטוסטראַ־

אַנגעבלאָזנקייט, איז ניטשעס גרויסער פּאַראַדאָקס. ער האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו שטאַרקייט... אַ גבורה־מיחוש...

*

זיין ווערק: אַנאַליטיק און פּאַטעטיק; פילאָזאָפיע און וויזיע, דיכטונג. אָבער פילאָזאָפיע איז, אין עצם, די ליידנשאַפט פון שכל.

אין דיכטונג הערשט דער שכל פון דער ליידנשאַפט.

ביי דעם פילאָזאָף ניטשע איז פאַראַן אַ מעכטיקע ליידנשאַפט פון שכל, פון ווייטגרייכנדיקן אַנאַליז.

אָבער דער שכל פון דער ליידנשפאַט איז גובר...

און אַזוי איז ער דער באַגרינדער פון האַלבע אמתן — אַפילו פון ברוך־אמתן, פון וועלכע מען קאָן קיין גאַנצן אמת נישט צוזאַמענשטעלן.

יעדער פילאָזאָף האָקט פאַר זיך אויס אַ סיסטעם־שטעגל אין דעם געדיכטן וואַלד פון זיין; ניטשע האָט „געפונען" דעם וועג צוריק — אין אורוואַלד פון אינסטינקט.

ער האָט אויפגעבויט אַ קאָמפּליצירטע געדאַנקען־פעסטונג, אַן אונטערערדישן לאַבירינט; אָבער ער אַליין, דער אַרכיטעקט, האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין זיין אייגענעם לאַבירינט.

ס'איז פאַראַן אַן אמת אין דער קריטיק פון דער קריסטלעכער מאָראַל, פון דער קריסטלעכער ציוויליזאַציע — פון גאַנצן קריסטנטום. אָבער די קריטיק איז נישט גערעכט, ווען זי אַטאַקירט אין יסוד די מאָראַל פון רחמנות; זי איז יאָ גערעכט, ווען זי ווייזט אָן וואָס פאַר אַ רחמנות ס'איז אויף אָט דער נעבעכדיקער מאָראַל... אַ תהום איז פאַראַן צווישן דעם פּרעדיקן אייביקע ליבשאַפט, שלום, רחמנות — און דעם גיהנום — פון מאָרד, רויב, האַס, פייער און בלוט־פאַרגיסונג, מיט וועלכע עס איז פול די קריסטלעכע וועלט. מען קאָן נישט זאָגן, אַז די וועלט ליידט צוליבן רחמנות, צוליב מענטשן־ליבשאַפט; דאָס אומגליק פון אָט דער ציוויליזאַציע באַשטייט אין איר צביעות, אין דעם וואָס די קריסטלעכע מאָראַל איז צו... גוט, כדי צו זיין אמת. זי איז אַ טשעק אויף אַן אוממעגלעך גרויסער סומע, וואָס איז געוואָרן „פּראָטעסטירט".

אָבער ניטשעס איבערווערטונג פון אַלע ווערטן דערפירט צו אַ פּראַקטישער דעוואַלואַציע פון אַלע מאָראַלישע ווערטן, וואָס זענען זינט טויזנטער יאָרן אָפּגעהיטן געוואָרן אין די גייסטיקע שאַצקאַמערן פון דער וועלט.

ביי אים קומט אויס, אַז ס'זענען פאַראַן צוויי סאָרטן מאָראַל: אַ הערן־מאָראַל און אַ שקלאַפן־מאָראַל. די ערשטע איז די מאָראַל פון גריכיש־רוימישן אַלטערטום. דאָס זענען די אייגנשאַפטן פון שטאַרקייט, געוואַגטקייט, קריגערישקייט און אַכזריות; די מאָראַל פון דער קריסט־לעכער קולטור איז אַ שקלאַפן־מאָראַל, וואָס שטאַמט פון יידן, וועלכע זענען געווען אַ שקלאַפן־פאָלק. רחמנות, ווייכקייט, גוטהאַרציקייט א״א, דאָס איז די מאָראַל פון די שוואַכע, פון די שקלאַפן.

אַרויסגייענדיק פון דעם שטאַנדפּונקט פון זיין „ווילן צו מאַכט", וואָס איז ביי אים דאָס העכסטע לעבנס־געזעץ אין גאַנצן אוניווערס, — דערקלערט ער אַ קאַמף קעגן יעדן מין דעמאָקראַטישן אידעאַל; קעגן פרויען־עמאַנציפּאַציע, קעגן פּאָליטיש־סאָציאַלער גלייכקייט און ענלעכע אידעאַלן.

אין זיין „צאַראַטוסטראַ" ווענדט ער זיך צו די אידעאָלאָגן פון גלייכקייט:

„איר פּרעדיקערס פון גלייכקייט, דער טיראַנישער שגעון פון אומ־מאַכט שרייט אין אייך פאַר גלייכקייט: אייערע געהיימנישפולע טיראַן־אַספּיראַציעס פאַרמאַסקירן זיך אין טוגנט־ווערטער".

און אַזוי גרייפט ער אָן, דער אידעאָלאָג פון ריקזיכטלאָזן מאַכט־אינסטינקט, די פּרעדיקערס פון דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם, באַשולדי־קנדיק זיי אין מאַכט־אַספּיראַציעס — וואָס איז דאָך זיין העכסטער פילאָ־זאָפישער אידעאַל!

און דאָס זענען זיינע אידעאַלן פון מענטשלעכער אַנטוויקלונג:

„איך גלויב, אַז שטרענגקייט, געוואַלד, שקלאַפעריי, געפאַר... אַלץ, וואָס איז... שרעקלעך, טיראַניש, רויבעריש און שלאַנג־אַרטיק אין מענטשן, דינט... פאַר דער דערהויבונג פון מין האנושי". („איבער גוטס און בייז".)

ניטשע פאַראורטיילט יעדן מין סאָציאַלן הומאַניזם אין נאָמען פון

דער אַלמעכטיקער נאַטור. אָבער דאָס איז איינער פון זיינע פילע האַלבע אמתן. עס איז אמת, אַז נאַטור איז נישט באַזירט אויף גלייכקייט. אומענד־לעכע וואַריאַציעס און גראַדאַציעס פון די מינים אינדיווידוען — דאָס איז טאַקע דאָס געזעץ פון דער נאַטור. אָבער דערפון וואָס דער סאָציאַ־ליזם איז נישט בכוח צו ניוועלירן די נאַטור — צו מאַכן אַלע מענטשן געזונט, שטאַרק, שיין, קלוג, — איז נאָך נישט געדרונגען, אַז די אומ־גלייכקייט, די אומגערעכטיקייט דאַרף נישט אויסגעבעסערט ווערן דאָרט ווי דאָס לאָזט זיך יאָ!

דער נביא פון מאַכט־אַריסטאָקראַטיע רופט אויס מיט פאַטאָס: „מיט די דאָזיקע פּרעדיקערס פון גלייכקייט וויל איך נישט ווערן צוזאַמענגעמישט, ווייל אַזוי האָט גערעכטיקייט צו מיר גערעדט: מענטשן זענען נישט גלייך!".

זענען מענטשן גלייך? יאָ און ניין.

מענטשן זענען נישט גלייך אין זייערע פיזישע און גייסטיקע אייגנ־אַרטיקייטן; אָבער אַלע האָבן די זעלבע גלייכקייט: צו ליידן פון הונגער און קעלט אא"וו.

נאָר דעמאַגאָגן קאָנען שפייזן דעם המון מיט הבטחות פון אַ פּולשטענ־דיקן גן־עדן אין אַ פּלאַנירטער געזעלשאַפט; אָבער צו קולטיווירן דעם דזשונגל אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט אין נאָמען פון דער דזשונגל־נאַטור — איז אַ טראַגישע עקסטראַוואַגאַנץ, וואָס האָט נישט איר גלייכן אין דער גייסטיקער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

*

ניטשעס איבערמענטש־פילאָזאָפיע קומט פון איבערמענטשלעכער פאַרצווייפלונג. אויך אַנדערע דענקערס, למשל, פּאַסקאַל און שאָפּענהויער קומען פון אומענדלעכן יאוש. אָבער פּאַסקאַל האָט זיך געראַטעוועט ביים קרייץ. שאָפּענהויער זעט דעם מקור פון בייז אין דעם שורש פון דעם געהיימנישפולן וועלטווילן. ער דערפירט צו דער אַלטער בודיסטישער רפואה פון ווילן־פאַרניכטונג, פון שטיל־רעזיגנירטער קאָנטעמפּלאַציע. אָבער ניטשע לאָזט זיך שווימען מיטן „ווילן", וואָס ווערט ביי אים פאַר־

וואַנדלט אין אַ קאָסמישן ווילן צו מאַכט, דאָמינירנדיק איבער אַלע ברואים. אין אָט דער וויטאַלער קאָנקורענץ, אין דער סטיכיע פון וויטאַלע „געוועטן״, וואָס הערשט אין דער גאַנצער נאַטור, דערזעט ער דעם העכסטן און טיפסטן זין, דעם פּרינציפּ פון לעבן.

דאכט זיך, אַז אָט דער פּאַרסמטער קוואַל פון „איבערמענטשלעכער״, רווי־ברוטאַלער קראַפט־פאַרהערלעכונג האָט אין זיין „כעמישער״ צוזאמענ־זעצונג — דעם עלעמענט פון מענטשן־עקל, די פאַראַכטונג צום המון, צום פיליסטער־טיפּ.

אויף אַ סך שטעלן פאַררעדט זיך ניטשע און דערציילט דעם סוד: „דער גרויסער עקל צום מענטש — דאָס האָט מיך געשטיקט און געקראָכן מיר אין האַלדז...״

„לעבן איז אַ ברונעם פון תענוג, אָבער דאָרט ווי דער המון טרינקט אויך, זענען אַלע קוואַלן פאַרסמט״.

„נישט מיין האַס, נאָר מיין עקל, האָט הונגעריק געגריזשעט מיין לעבן. אָ, ווי מיד איך ווער פון גייסט, ווען איך זע, אַז אויך דער המון איז גייסטיק!״. („אַזוי האָט גערעדט צאַראַטוסטרא״).

דער אויסדרוק „פאַרסמטער קוואל״ קאָן אָנגעווענדעט ווערן צו ניטשען אַליין. ווייל ניטשעאַניזם איז ביידע: סיי קוואַל און סיי סם.

דאָס איז אַ געפערלעכער רעצעפּט, אַ קעגנגיפט, וואָס דאַרף געהאַלטן ווערן אין דער אידייען־אַפּטייק, אומצוטריטלעך פאַר גייסטיקע קינדער, לייכטזיניקע און — פארגיפטערס!

ניטשע איז אין תוך געווען אַ דיכטער־וויזיאָנער, אַ גרויסער בעל חלומות, וואָס האָט געזען אַ טיפן חלום — און אים נישט געקענט „באַשיידן״.

ווי מאנכע אַנדערע גרויסע גייסטער, טיפע נאַטורן, איז ער פארבלענדט געוואָרן פון דעם אייגענעם אינערלעכן ליכט — און געבלאָנדזשעט אויף אומוועגן.

משה האָט געשטאַמלט, ווייל זיינע ליפּן האָבן זיך צוגערירט צו ברענענדיקע קוילן...

י. גאָלדקאָרן

אין אַ געוויסן זין זענען אַלע נביאים שטאַמלערס, ווייל זייערע ליפּן זענען פאַרברענט פון די ברענעדיקע קוילן פון געטלעכן וואָרט...

ווען ניטשע וואַרפט אַראָפּ פון זיך זיין „איבער"־מאַסקע, דערשיינט פאַר אונדז דער גרויסער וויזיאָנער, דער בענקענדיקער צו דער ליבשאַפט פון אומענדלעכקייט און אומענדלעכקייט פון ליבשאַפט.

ווי ער זינגט דאָס אויס אין זיין „נאַכט־ליד":

„נאכט איז: איצט רעדן העכער אַלע שפּרודלדיקע קוואַלן. און
אויך מיין נשמה איז אַ שפּרודלדיקער קוואַל.
נאַכט איז: איצט דערוואַכן אַלע געזאַנגען פון די ליבנדיקע. און
אויך מיין נשמה איז אַ געזאַנג פון אַ ליבנדיקן.
עפּעס אומגעשטילטס איז אין מיר: עס לעכצט צו געפינען
אויסדרוק.
אַ בענקעניש צו ליבשאַפט איז אין מיר, וואָס רעדט אַליין די
שפּראַך פון ליבשאַפט..."

אין זיינע ווערק זענען באמת פאַראַן אַ סך שטעלן, וואָס הויכן אויס אַן אָטעם פון ביבלישן פּאַטאָס, אַן אַטמאָספערע פון נביאות.

באַזונדערס קומט צום אויסדרוק דער קינסטלער און דיכטער ניטשע אין זיינע לעצטע ווערק. ער בלענדט און גלאַנצט מיט געוואַלדיקע בילדער, מעטאַפאָרעס און אַפאָריסטיש־שאַרפע געדאַנקען. מען ווערט אָפּטמאָל מיטגעריסן מיט דעם שטאַרקן שטראָם. אָבער סוף כל סוף איז דאָס אַ שטורעמדיקער וואַסערפאַל, אַ שוימענדיק־זידנדיקער שטראָם, וואָס פאַלט „אַראָפּ" — און מיר זעען פאַר זיך אַ טייכל, וואָס פליסט אויף אַ בעקן פון שאַרף־שפּיציקע שטיינער און ברוכוואַרג: נישט קיין וועג פאַר אינטע־לעקטועלער נאַוויגאַציע און נישט קיין פּלאַץ פאַר עמאָציאָנעלן שווימען.

ניטשעס ערשטלינג־ווערק טראָגט דעם נאָמען: „די געבורט פון דער טראַגעדיע פון דעם גייסט פון מוזיק" (אַן אַנאַליז וועגן דיאָניזיש־עמאָציאָנעלן און אַפּאָליניש־סטאַטישן אין דער וועלט פון דער קונסט).

אָבער אייגנטלעך קאָן ניטשע און זיין גאַנץ ווערק באַצייכנט ווערן: „די געבורט פון דער טראַגעדיע".

ווייל די „איבערמענטשלעכע" גרויסקייט־מאַניע האָט טיילווייז געדינט אַלס אידעאָלאָגישער פונדאַמענט פון דעם שענדלעכסטן רעזשים אין דער געשיכטע. די פאַרזעענישן פון טעוטאָנישן וואַלד האָבן געפונען אַ „פילאָזאָפישע" באַגרינדונג פאַר זייער העסלעכקייט — אין דער „הערן־מאָראַל" פון קאַמף, אכזריות און „געזעץ" פון ברוטאַלער קראַפט.

פונקט ווי זיי האָבן דאָס געפונען אין קאַרליילס אָנגעבלאָזענעם העלדן־קולט, אין די טראַדיציעס פון די וויקינגען־פּיראַטן און אין דער נאָרדישער מעגאַלאָמאַניע פון גאָבינאָ און טשעמבערלען — אַחוץ אַנדערע עלטערע קוואַלן.

און דאָ קומען מיר צו דער געבורט פון דער ניטשעאַנישער טראַ־גע‌דיע, פון טראַגישן מענטש — ניטשע.

ניטשע אַלס „אידעאָלאָג" פון די גאַז־קאַמערן, פון די מענטשלעכע שלאַכטהייזער, פון קאַצעטן־„רייך" פון נאַצישן קאַניבאַלנטום!

און דאָ איז די „טראַגעדיע פון טעותן", ווייל ניטשע איז געווען דער גרעסטער האַסער פון דייטשן און, נישט קוקנדיק אויף זיין קעגנערשאַפט צו דער אַזוי־גערופענער „שקלאַפן־מאָראַל", אַ באַגייסטערטער פאַרערער פון תנ"ך, פון יידן און דער שאַרפסטער קעגנער פון ראַסיזם און אַנטי־סעמיטיזם

אין זיין „גענעאַלאָגיע פון מאָראַל" רופט ער אויס:

„וואָס פאַר אַ זומפּן און פאַלשקייט מוזן זיין אַרום, אויב עס איז מעגלעך אין דעם מאָדערנעם אייראָפּעאישן מישמאַש אויפצוהויבן פראַגעס פון „ראַסע" !...

און מאַקסימע: „נישט צו האָבן קיין מגע־משא מיט קיין שום מענטש, וואָס האָט וועלכע נישט־איז שייכות צום פאַלשן ראַסע־שווינדל."

אַזוי אַרום וואָלט ניטשע נישט געטאָרט האָבן קיין מגע־משא מיט זיין לערע, וואָס איז אַזוי שענדלעך אויסגענוצט געוואָרן פון די מאָנסטערס פאַר זייער ראַסע־שווינדל.

מעגלעך, אַז מען קאָן אָנווענדן דעם פּרינציפּ פון „עקזאַמען" נישט בלויז צו געוויסע פּראָפעסיעס, נאָר אויך צו אידייען, אידעאַלן.

דער ניטשעאַניסטישער „בלאָזזאַק" (ניטשעס אַ טרעפלעכער מעטאַפאָר), וואָס האָט נישט ווילנדיק געהאָלפן אויפבלאָזן דאָס גיהנומדיקסטע פייער אין דער וועלט־געשיכטע, איז אַליין מאָראַליש פאַרניכטעט פון די וואולקאַנישע פלאַמען. איצט, ווען מען רעדט וועגן „איבערמענטש" — ווערט מען איבערגעפּולט מיט עקל, שרעק און גרויל, ווי פון דעם גערויש פון קלאַפּערשלאַנגען.

צאַראַטוסטראַס העכסטער בארגשפּיץ האָט געבוירן די מאָנסטער־מויז. ניטשע האָט געמאַכט אַ פאַרצווייפלטן אַריבערשפּרונג צום באַרג־שפּיץ, צום איבערמענטש — און ער איז אַרונטערגעפאַלן צום אונטער־מענטש.

אין זיין „עקצע האָמאָ" (דער מחבר טרעט דאָרט אויף אַלס זיין אייגענער קאָנפּעראַנסיע) זאָגט ניטשע נביאיש פאָרויס זיין גורל:

„איך ווייס מיין שיקזאַל. אין איינעם אַ טאָג וועט מיין נאָמען זיין פאַרבונדן מיטן זיכרון פון עפּעס שרעקלעכעס — אַ פּרעצעדענסלאָזן קריזיס, פון דעם טיפסטן געוויסן־צוזאַמענשטויס... איך בין נישט קיין מענטש, איך בין דינאַמיט..."

און אַזוי קאָן מען רעזומירן, נאָך דעם טראַגישן היסטאָרישן עקזאַ־מען, דעם משפּט איבער ניטשע און זיין לערע.

נישט קוקנדיק אויף זיין געוואַלדיקער דיכטערישער און דענקערישער קאַפּאַציטעט, איז ניטשע אַ טראַגעדיע פון געבורט — הלוואי וואָלט ער נישט געבוירן געוואָרן!

אַ גרויסער גייסט? אַ טיפער מענטש? אוודאי!

ישעיה, קאָנפוציוס, בעטהאָווען, רוסאָ, הוגאָ, שעלי א"א — זענען די לייכטנדיקע שטערן אויפן הימל פון דער געשיכטע — אונטער זייער ליכט גייט די מענטשהייט פאָרויס.

ניטשע האָט געפלימערט און געבליצט —

אָבער דאָס זענען געווען גיפטיק־גרינע, פאָספאָרישע פאַרפיר־ליכטלעך, וואָס האָבן מיטגעהאָלפן צו דער גרעסטער טראַגישער פאַר־בלאָנדזשעניש.

ניטשע איז: די טראַגעדיע פון דער געבורט!

סטעפאַן צווייג

(1881 — 1942)

דער „אַמאַנט״, אַנטיקוואַר און קאָלעקציאָנער.

זיין אויסערגעוויינלעכע קאַפּאַציטעט האָט זיך אויסגעדריקט אין די פאַרשידנסטע שעפערישע פאָרמען — דיכטער, דערציילער, עסייאיסט, ליטעראַטור־קריטיקער, לעקטאָר, איבערזעצער, פעליעטאָניסט און ביאָ־גראַף. זיין פּערז־דיכטונג איז געווען אַנעמיש. דערפאַר זענען זיינע נאָוועלן שטאַרק, פּסיכאָלאָגיש פאַרטיפט און דיך. אָבער די העכסטע מדרגה האָט צווייג דערגרייכט אין זיינע קריטישע און ביאָגראַפישע ווערק. אין די שאַפונגען האָט דער שרייבער געפונען זיך גופא — דעם גרויסן ליריקער און קולטור־קריטיקער.

ער איז געווען דער גענעראַל־אַגענט פון דער אייראָפּעישער קולטור.

אין איר ביאָגראַפיע וועגן צווייגן, שרייבט פרעדעריקאַ צווייג (זיין ערשטע פרוי), אַז ער האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען אַן אַמבאַסאַדאָר־פּאָסטן, וואָס מ׳האָט אים פאָרגעשלאָגן. אָבער אייגנטלעך איז ער סיי ווי געווען אַ „דיפּלאָמאַט״ — דער אַמבאַסאַדאָר פון דעם אינטעלעקטועלן פּאַן־אייראָפּע.

אַן אידייען־קאַנאַל צווישן די ימים פון דער וועלט־קולטור.

דער גייסטיקער פאַרבינדונג־אָפיציר פון דער אייראָפּעישער קינסט־לער־עליטע.

צוזאַמען מיט ווערהארן, ראָלאַן, רילקע, גאָרקי, פראַנץ ווערפל, בראַנדעס, זשיל ראָמען און אַנדערע חשובע פיגורן פון דער אייראָפּע־ישער ליטעראַטור אין אָנהויב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, איז ער געווען אין דעם סענאַט פון אייראָפּע של מעלה, פון אייראָפּע וואָס איז דאַן געווען באַלויכטן מיט דער שקיעה־שיין פון הומאַניזם, פּאַציפיזם און קאָסמאָ־פּאָליטיזם.

אין זיינע גרויסע ביאָגראַפישע שטודיעס און ליטעראַטור־קריטישע

עסייען האָט צווייג געשאַפן — מיט אַ כמעט באַלזאַקישן פלייס און אַרבעט־פֿאַסיע אַ מייסטער־קאָלעקציע פון מאָנומענטאַלע פיגורן.

צווייג — אַ לעבעדיקע קונסט־גאַלעריע, אַ באַוועגלעכער אינטע־לעקטועלער „לוווּר". ער האָט געהערט צו די שלמותדיקע הומאַניסטן — נישט בלויז טעאָרעטישע, נאָר אויך פּראַקטישע.

עס איז לייכט ליב צו האָבן אַבסטראַקט, די גאַנצע מענטשהייט; אָבער עס איז אָפט שווער ליב צו האָבן — אַפילו צו טאָלערירן — עטלעכע מענטשן, איין מענטש... און וועגן זיין מענטשלעכער איידלקייט זענען פאַראַן פיל באַשטעטיקונגען פון זיינע בני־דור.

הערמאַן העסע האָט אים באַצייכנט ווי אַ „מייסטער פון פריינט־שאַפט". און פראַנץ ווערפל: „נישט פאַראַן נאָך אַ צווייטער שרייבער וואָס לעבט איצט, וועלכער זאָל העלפן זיינע פריינט מיט אַזאַ איידלקייט און גרויסצוגיקייט".

און כאַראַקטעריסטיש פאַר צווייגס אינטערפּרעטאַציע פון הומאַ־ניזם, פאַר זיינע עטישע פאָדערונגען, איז די באַקענטניש אין זיין ווערהאַרן־עסיי: „...מיין דאַנקבאַרקייט איז געווענדט נאָר צו דעם לערער פון לעבן, וואָס האָט געגעבן צו מיין יוגנט די קאָנצעפּציע פון אמתדיקע מענטשלעכע ווערטן; וועלכער האָט מיך געלערנט אין יעדער שעה פון זיין לעבן, אַז בלויז אַ פולשטענדיקער מענטש קאָן זיין אַ גרויסער פּאָעט".

צווייג איז געווען באַלאָדן מיט רייף־זאַפטיקע פרוכטן — די שיינ־קייט פון קונסט און קולטור; אַרויסגעשפּראָצט האָט ער פון דעם אַלטן עטיש־נביאישן שטאַם...

*

צווייגס קריטישע עסייען צייכענען זיך אויס מיט צוויי מעלות וואָס זענען אומבאַדינגטע אַטריבוטן פון אַן אמתן קריטיקער: שאַרפער אַנאַליז און קינסטלעריש־פיינע חושים. זיין קריטיק פאַרמאָגט די קלאָרקייט, אָביעקטיווע „סאַנדיר"־נייגיר פון אַ וויסנשאַפטלער, און טאָן, קאָלאָריט, עמאָציאָנעלע פּערצעפּציע פון אַ קינסטלער.

ער איז געווען גרויס אין זיין ערודיציע און ליטעראַטור־קריטישער געשטאַלטונג, ווי אַ געאָרג בראַנדעס — אָבער פאַרביקער און פּלאַס־טישער אין זיין מאַלעריי און מאָדעלירונג פון די שעפערישע געשטאַלטן.

ס'איז גענוג צו לייענען זיין עסייען־באַנד „זכרונות און באַגעגע־נישן", כדי צו זען ווי דער קריטיקער דרינגט אַריין אין דער אַטמאָס־פערע פון שאַפונג, אין דער מאַגישער לאַבאָראַטאָריע פון דעם קינסטלער און דיכטער (וועגן בייראָן, סענט־בעוו, דזשאָיס א"א).

ער איז דער קריטיקער־ביאָגראַף וואָס קאָנפראָנטירט זיין „העלד" מיט די דראַמאַטישע ווענד־פונקטן פון זיין אינערלעכער און אויסער־לעכער ביאָגראַפיע.

ער איז, ווי אַ ביאָגראַף — אַ פּסיכאָגראַף. ער שטעלט דעם געשיל־דערטן אונטערן רעפלעקטאָר־שיין פון דראַמאַטישע שליסל־פּאַסירונגען פון לעבן: אָבער דאָס וועזנטלעכע איז פאַר אים — צו באַלייכטן דעם דיכטערס נשמה מיט די אולטראַ־שטראַלן פון וויזיאָנערישן אַריינבליק, פון קאָנצענטרירטער סימפּאַטיע.

נישט קוקנדיק אויף דעם אומגעהויערן פאַרנעם פון זיין אַנטיקן־מוזעום, האָט צווייג, דער אַמאַטאָר־קאָלעקציאָנער, נאָך באַאַרבעט מערערע מאָל מאַנכע פון זיינע געשטאַלטן. וועגן פיל פון די „אַרכיטעקטן פון דער וועלט" — ווי ער רופט אָן זיינע ביאָגראַפישע סעריעס — האָט ער געשריבן אין פאַרשיידענע צייטן — אין אַלץ מער־אַרומנעמענדיקע פאָרמען. אַזוי איז געווען דער פאַל מיט די גרויסע מייסטערס: דאָסטאָ־יעווסקי, טאָלסטאָי, און באַלזאַק. צווייג, וואָס איז געווען באַשאָנקען מיטן חוש פאַר קינסטלערישער און וויזיאָנערישער גרויסקייט, איז באַזונדערס געווען צוגעצויגן צום נשמהדיקן „מאַגנעטישן פעלד" פון די דריי טיטאַנען פון דער וועלט־ליטעראַטור. באַזונדערס האָט אים געלאָקט די רעטענישפולע באַלזאַק־געשטאַלט — אָט דער אוניקום פון שאַפונג־ענערגיע, דער נאַפּאָלעאָן פון דער ליטעראַטור וואָס האָט געמאַכט זיינע דעראָבערונגען — קרוב הונדערט בענדער פון זיין גראַנדיעזן, נישט פאַרענדיקטן ציקל א"נ „די מענטשלעכע קאָמעדיע".

מערערע פון זיינע שטודיומס וועגן באַלזאַקן זענען געווען בלויז סקיצן,

נאָך וועלכע ס'איז געקומען דאָס ווערק וועגן זיין באַליבטן מייסטער, וואָס ווערט, מיט רעכט, געהאַלטן פאַר צווייגס הויפּט־ווערק.

צווייג איז געווען אומבאַגרענעצט אין זיינע פאָרש־האָריזאָנטן. זיין קולטור־ראַדיוס האָט אַרומגענומען די פאַרשידנסטע געשיכטע־זאָנעס און גייסטיקע קלימאַטן.

ער איז געווען דער אומגעזעטיקטער טוריסט־עקסקורסאַנט אויף די ווייטע שליאַכן פון דער וועלט־געשיכטע, דער גלאָבטראָטער פון דער פיזישער און גייסטיקער וועלט. פון זיין אָבסערוואַציע־טורעם האָט ער געפאָרשט און פאַרפיקסירט די שטערן־שעהן פון דער מענטשהייט" — די גורלדיקע מינוטן אין לעבן פון פעלקער און יחידים, און ס'איז טאַקע כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם דער טיטול פון איין בוך זיינעם: „באַגעגע־נישן מיט פערזאָנען, ביכער און שטעט".

און אויך — תקופות, עפּאָכעס און זייערע רעפּרעזענטאַנטן.

מיט דער נייגיר פון אַ וויסנשאַפטלער האָט ער זיך געגריבלט אין דעם מיאוסן וועזן פון אַ זשאָזעף פושע, אָט דעם קלאַסישן טיפּ פון אַ געוויסנלאָזן פּאָליטישן קאַריעריסט און פאַרקויפטע נשמה, וואָס האָט זיך ווערימדיק דורכגעגליטשט אין אַלע קאַבינעט־טירן און אַלע רעזשימען...

אָבער באַלד פאַרלאָזט צווייג אָט די נידעריקע געביטן און דערהויבט זיך צו די באַרג־שפּיצן פון העלדישקייט — פון אַ מאַגעלאַן, צו דער ביאָגראַפיע פון עראַזמוס, פון ראָטערדאַם, דעם גרויסן הומאַניסט און קעגנער פון לוטערן, א"א.

עראַזמוס, דער לייכטנדיקער גייסט פונעם סוף פון 15טן און אָנהויב 16טן יאָרהונדערט, איז געווען דער אָנזאָגער און פאָן־טרעגער פון הומאַ־ניסטישע אידעאַלן, דער פּרעדיקער פון אוניווערסאַליזם, טאָלעראַנץ און אייביקן שלום. ער איז געווען דער פאַרגייער פון די מאָנטענס, רוסאָס, שילערס, שעליס און בייראָנס. און צווייג וויזט אונדז אין זיין פיינער גרינדלעכער ביאָגראַפיע די טראַגעדיע פון עראַזמוסיזם — דעם ליכטיקן פּרינציפּ פון שכל הישר און אמתדיק מענטשלעכן פּראָגרעס. אַנטקעגן אָט דעם מליץ השלום שטייט אויף די דעמאָנישע געשטאַלט פון אַ מאַרטין

לוטער, ־־ער מחבר פון פראָטעסטאַנטיזם. לוטער האָט זיך נישט בחינם כסדר געשראָקן פאַרן טיוול — ער האָט אים געהאַט גאָר נאָענט לעבן זיך... אויפן אָרט פון רוימיש־קאַטוילישן פאַנאַטיזם, האָט לוטער פאַנאַנדער־געפלאַקערט א פראָטעסטאַנטישן. ער האָט ווידער פאַרזונקען אייראָפּע אין אַ מבול פון מלחמות און אַריינגעבראַכט די פּעסט פון שאָוויניסטישן נאַציאָנאַליזם. דער רענעסאַנס האָט געוואָלט אוניווערסאַליזם, אויפקלע־רונג, טאָלעראַנץ, און שלום. אָבער לוטער האָט פאַנאַנדערגעפלאַקערט פּעלקער־שרפות בלויז קעגן צאָלן פאַר די פּויפּסטלעכע „אינדולגענציעס" (די גלחישע זינד־מחילה־צעטלען) און קעגן גלחישן צעליבאַט און די טראַגעדיע פון עראַזמוס — וואָס איז, אין אַ געוויסן זין, אויך די טראַ־געדיע פון דער מענטשהייט — באַשטייט אין דעם וואָס די שטים פון פאַרזונפט דערגייט צו די פאַרנונפטיקע מענטשן; אָבער דער המון איז אפט עלול פאַרצערט צו ווערן פון די דעמאַגאָגישע פלאַמען פון דער ליידנשאַפט, פון די האַס־נביאים.

און צווייג פרעגט: „ווי אזוי זאָל מען דערקלערן, וואָס די דערהוי־בענע און מענטשלעכע אידעאַלן האָבן אויסגעיבט אַזאַ קנאַפּן איינפלוס אויף מענטשן?.."

*

צווייג האָט געזען ווי די געשיכטע האָט זיך איבערגעחזר׳ט... אין משך פון אַ פערטל־יאָרהונדערט איז די וועלט געשליידערט געוואָרן אין די מוראדיקע קאַטאַסטראָפעס — די צוויי גלאָבאַלע מלחמות.

און עס האָט זיך באַשטעטיקט דער טראַגישער אמת: די לויטערע שטים פון די גרויסע הומאַניסטן — פון אַ ווערהאַרן, זשאָרעס, ראָלאַן, גאָרקי און אַנדערע איז פאַרטויבט געוואָרן פון די דעמאַגישע שקר׳אָפּאָ־נען, פון די דעמאַגאָגישע מעגאַפאָנען, פון דעם גרילצנדיקן קול פון די אַנגראָ־פאַרברעכערס, וועלט־פאַרגיפטערס און פעלקער־פאַרפירערס.

דער פאַציפיסטישער דיכטער, וואָס האָט אינמיטן פונעם ערשטן אייראָ־פּעישן מבול אַרויסגעשיקט זיין טויב אין דער פאָרם פון דער דראַמאַ־טישער פּאָעמע „ירמיהו" — איז 22 יאָר שפּעטער אַליין געוואָרן אַ מקונן.

ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ירמיהו־מקונן, וואָס האָט געאיכהט אויף די חורבות פון דער „וועלט פון נעכטן״.

איכה ישבה בדד אייראָפּע.

צווייגס טראַגעדיע איז געווען דער צוזאַמענבראָך פון דעם ייד, דעם וועלט־בירגער און איידעלן אייראָפּעיער.

דער איידעלער אַסימילאַטאָר האָט געזען, ווי דער גיפט פון דער „טעווטאָנישער פוריע״ האָט אויסגעבריט די מאָנסטרועזסטע גיפט־שרצים פון דער געשיכטע — די נאַצי־שרצים. ער האָט געזען, ווי די נאַציאָנאַלע ווולקאַן־קראַטערס האָבן, נאָך קורצע הפסקות, ווידער אַרויס־געשפּיגן אַ פייערדיקע לאַווע פון האַס און פאַרניכטונג. נאָך מער: דער פּראָגרעס, די אייראָפּעישע ציוויליזאַציע איז געוואָרן אַ חכם להרע. די ווילדע רויב־חיות האָבן געהאַט צו זייער דינסט אַלע דערגרייכונגען פון דער מאָדערנער טעכניק. דער דזשונגל האָט אַריינמאַרשירט אין די אייראָפּעישע הויפּטשטעט אין מאַטאָריזירטע קאָלאָנעס.

און דער איידעלער ריטער פון הומאַניזם האָט מיט זיין זעלבסטמאָרד — אָט דעם טראַגישן סטאַישן זשעסט — אויסגעדריקט זיין אומענדלעכן עקל און גרויל קעגן אַ וועלט, קעגן די פעלקער וואָס האָבן זיך צוריק־געקערט, נאָך אַלע רענעסאַנסן, עוואָלוציעס און רעוואָלוציעס, צו זייער באַרבאַריש קאַניבאַלישן „נעכטן״.

פראַנץ קאַפקאַ

(1883 — 1924)

פראַנץ קאַפקאַ איז איינער פון די צומייניסטן קאָמענטירטע, ציטירטע און „מאָדערנסטע״ פון די מאָדערנע שרייבערס אין דער וועלט־ליטעראַטור.

אין די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר (אין 1926 איז זיין „שלאָס״

פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דייטש; אין 1930 אין ענגליש) איז זיין פאַ־זיציע אויסגעוואקסן צו דער הויך פון אַ קלאַסיקער פון דער וועלט־ליטעראַטור.

זיינע באַרימטסטע ווערק זענען: „דער פּראָצעס" און „דאָס שלאָס". זיין אויסערגעוויינלעכע פּערזענלעכקייט זעט זיך אָבער נישט ווייני־קער — אויב נישט נאָך מער — אַרויס אין זיינע אַנדערע ווערק: נאָוועלן, טאָגבוך־נאָטיצן, אַפאָריזמען, משלים און אַנדערע.

אָבער זיין גרויסער רום איז ווי דער אַרכיטעקט פון פאַרכישופטן „שלאָס", דער רעפּאָרטער פון משונהדיקן „פּראָצעס".

ער איז איינער פון די מאָדערנסטע, ביזאַרסטע שרייבערס אין דער וועלט־ליטעראַטור.

צו די רעטענישן אַרום קאַפקאַ און זיין ווערק געהערט אויך זיין צוואה, אין וועלכער ער האָט געבעטן זיין „ליטעראַרישן עקזעקוטאָר" — זיין נאָענטן פריינט, דעם באַוווסטן דיכטער מאַקס בראָד — צו פאַרברענען זיינע כתבים.

מאַקס בראָדס נאָענטע פריינטשאַפט און פאַרערונג פון קאַפקאַס טאַלאַנט, האָט אים דיקטירט צו „פאַראַטן" זיין טייערן פריינט פאַרמעל און אַזוי אַרום ראַטעווען זיינע ווערק און זיין נאָמען פאַר די קומענדיקע דורות.

אין דעם „שלאָס" — אַ בוך פון אַרום 400 זייטן — דערציילט זיך וועגן אַ לאַנדמעסטער „ק.", וואָס קומט פון אַ פרעמד לאַנד אין אַ דאָרף, אויף דער איינלאַדונג פון די מאַכט־אָרגאַנען, וואָס געפינען זיך אין אַן אומצוגענגלעכן שלאָס, אויף אַ באַרג.

דער סטיל, ווי בכלל קאַפקאַס סטיל, איז אַ מאָדנער געמיש פון פּרעציזער, כמעט אָפיציעלער, זאַכלעכער קלאָרקייט, פון אַן אומגעוויינ־לעכער פּסיכאָלאָגישער פיינקייט, פון זייער שאַרפער דיאַלעקטיק און — פון אַבסורדאַלע חלומדיקע סיטואַציעס.

דער לאַנדמעסטער „ק." קעמפט פאַר דער אָנערקענונג פון זיין פּאָ־זיציע און טעטיקייט אין דאָרף; אָבער פון „אויבן" קומט נישט קיין קלאָרע תשובה; עפּעס איז ער יאָ געוואָרן אָנגעשטעלט, אָבער דאָס זאָל

האָבן געווען אַ טעות... די קאָמפּליצירטע מאַשין פון די „מאַכט־אָרגאַנען" באַאַרבעטן זיין ענין. אָבער ער, „ק.", קאָן נישט קריגן קיין דירעקטע פאַרבינדונג מיט די נעפּלדיקע „אויטאָריטעטן"...

עפּעס איז דאָרט פאַראַן אַ ריזן־אַפּאַראַט מיט העכסטע, הויכע, מיטעלע און קלענערע באַאַמטע, צו וועלכע ער קאָן נישט אַפּעלירן. ער ווערט געשיקט צום דאָרף־עלטסטן, דעם „בירגערמייסטער", וואָס נעמט אים אויף — אַליין אַ קראַנקער — אין בעט...

דער בירגערמייסטער גיט דעם לאַנדמעסטער „אויפקלערונגען" וועגן דער „פּראָצעדור" און מעטאָדן פון די „אויטאָריטעטן", וואָס איז אַ פאַר־קנוילטער מישמאַש פון צווידייטיקייטן, פון כסדרדיקע אַנצוהערענישן, אַז זיין, „ק."ס פאַל איז דער מינדערווערטיקסטער אין דער רוטין פון דער „אויבנדיקער" ביוראָקראַטיע; זיין פאַל ווערט באַהאַנדלט; ס'קאָן דורכגיין אַ לעבן לאַנג ביז מען וועט זיך דערוויסן דעם ספק־רעזולטאַט, די כמו־אַנטשיידונג...

עפּעס קומען יאָ אַראָפּ אין דאָרף אונטער־סעקרעטאַרן, וואָס נעמען אויף אַפּליקאַנטן; אָבער זיי קומען אינמיטן נאַכט אין דער דאָרף־שענק נעמען אויף די אַפּליקאַנטן אין אומבאַשטימטע הפסקות צווישן שלאָף...

דאָס ווערק, ווי קאַפקאַס צווייט גרויס ווערק, „דער פּראָצעס", איז פול מיט אַ ספּעציפישן קאָלאָריט און טאָן פון גראָטעסק, מיסטיפיקאַציע, איראָניע, בורלעסקן סאַרקאַזם, אויפן פאָן פון דעם העלדס טראַגיקאָמישן געראַנגל מיט די מיסטעריעזע אויטאָריטעטן.

קאַפקאַ איז אין זיינע ראָמאַנען — אויסער זיין ראָמאַן „אַמעריקע" — אַן אַלעגאָריש־סימבאָלישער קינסטלער. זיין „נמשל" איז דער געראַנגל פונעם מענטש מיט די העכערע כוחות אויפן באַרג־שלאָס. דאָס „שלאָס" איז פול מיט דעם כפּעציפישן קאַפקאַ־פאַטאַליזם: די מאַכט־אָרגאַנען פון שלאָס זענען אומצוטריטלעך. דער לאַנדמעסטער מוז זיך באַגנוגענען מיט אַ מיזעראַבלען ספק־סטאַטוס. ערשט אויף זיין טויטנבעט (לויט דעם מינדלעכן פינאַל, וואָס קאַפקאַ האָט איבערגעגעבן זיין פריינט), דערוויסט ער זיך, אַז אייגנטלעך האָט ער נישט קיין רעכט זיך אויפצוהאַלטן אינעם שלאָס; אָבער ער קריגט דאָך די דערלויבעניש — נישט צוליב זיינע

ערלעכע באַמיאונגען, נאָר צוליב געוויסע מאָטיוון — דאָרט צו וווינען און צו אַרבעטן. די כמו־דערלויבעניש קריגט ער, ווי געזאָגט, שוין אויף זיין טויטנבעט...

קאַפקאַ איז אַ ווירטואָז נישט אין מיסטיק (אינגאַנצן נישט זיין עלעמענט), נאָר אין שילדערן מיסטיפיקאַציע; אומענדלעכע מיסטיפי־קאַציע־לאַבירינטן, וואָס פירן — אָבער דערפירן נישט — צו די „הויכע פענצטערס"; און אויך אין באַשרייבן דעם ענדלאָזן לאַבירינט פון די „שלאָס"־מאַכינאַציעס, די בלינדע געסלעך פון די „דאָרף"־איינוווינער און די מיסטיפיצירטע, פאַלשע קאָנצעפּציעס פון פאַרבינדונג מיט די „אויטאָריטעטן".

דער לאַנדמעסטער פאַרבינדט זיך טעלעפאָניש מיט די מאַכט־אָרגאַנען „אויבן" און ער קריגט נעגאַטיווע, סתירותדיקע ענטפערס. שפּעטער ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז ס'איז איבערהויפּט נישטאָ פאַראַן קיין צענטראַלע פאַרבינדונג; די ענטפערס זענען בלויז שפּאַסן פון נידעריקע באַאַמטע.

דאָס איז מן הסתם איינע פון די אַלעגאָרישע אָנצוהערענישן אויף די פאַרשידענע „פאַרבינדונגען" פונעם מין האנושי מיט די מיסטעריעזע, העכסטע קאָסמישע אָרגאַנען.

אין „פּראָצעס" שילדערט קאַפקאַ ווי אַ יונגערמאַן, יאָזעף ק., הויבט זיך אויף אין איינעם אַן אינדערפרי און דערוווסט זיך, אַז ער איז אונטער אַרעסט. עפּעס דאָרט טונקעלע ברואים, אַ מין אומלעגאַלע פּאָליציי, נעמען איבער אים די „אויפזיכט". ער ווערט „באַשולדיקט" — אָבער ער ווייסט נישט אין וואָס. ער קומט פאַר אַ גראָטעסקן געריכט, ערגיץ אויף עפּעס אַ בוידעם.

איז די גאַנצע אַקציע פון דעם בוך פול מיט סצענעס און שילדע־רונגען — איינע מאָדנער און אומגעווייינלעכער פון דער אַנדערער — הויכפּונקטן פון משונהדיקסטע סיטואַציעס און בורלעסק.

נאָך אַ צייט פון אומזיסטע באַמיאונגען ביי די געהיימנישפולע „מאַכט־אָרגאַנען" — צווישן אַנדערע ביי אַן אַלטן קראַנקן אַדוואָקאַט, וואָס נעמט אים אויף אַליין ליגנדיק אין בעט — קומט ענדלעך די פאַטאַלע שעה. די צוויי ברואים קומען צו „יאָזעף ק.", נעמען אים אַרויס פון

שטוב און פירן אים אויפן הויף פון אַ הינטערשטאַטישער געביידע און שטעכן אים אַריין אַ מעסער אין האַרץ: דער טויט־אורטייל פון די געהיימנישפולע „אָרגאַנען" איז אויסגעפירט.

איז דאָס ווידער די זעלבע הויפּט־טעמאַטיק קאַפקאַס: דער גורל פון מענטש, זיינע ליידן און פאַרמשפּט ווערן, נישט וויסנדיק אין וואָס ס'באַשטייט זיין „שולד".

אָבער אויך אין „פּראָצעס", וואָס שוידערט אויף מיט זיין גראָטעסקן טעראָר, זענען פאַראַן די וועזנטלעכע שטריכן און טענער פון קאַפקאַס סטיל: די אָריגינעלע איראָניע, די מייסטערהאַפטע סאַטירע — ביזאַר אין זייער גוואַלדיקער עקסצענטרישקייט.

דער אַדוואָקאַט, צו וועלכן „יאָזעף ק.", דער העלד פון „פּראָצעס", ווערט רעקאָמענדירט — איז אַן אַלטער מאַן מיט אַ לאַנגער באָרד, וואָס ליגט קראַנק אין בעט.

אויך דער בירגערמייסטער פון דאָרף, צו וועלכן „ק", דער העלד פון „שלאָס" ווערט רעקאָמענדירט — איז אויך אַ באַאַמטער, וואָס ליגט קראַנק אין בעט...

אַז מען וויל, קאָן מען זאָגן, אַז קאַפקאַ, נישט קוקנדיק אויף — און אפשר אַדאַנק — זיין חלומהאַפטן, פּאַראַדישן און בורלעסק־גראָטעסקן אופן פון שרייבן — איז אַ ביז גאָר רעאַליסטישער שרייבער.

שוין שעקספּיר האָט געשריבן די געניאַלע שורה:

„און אונדזער קליין לעבן איז אַרומגערינגלט מיט אַ חלום."

און דער מענטש — זיין אייביקער געראַנגל נאָך זין, גערעכטיקייט, לויט זיינע מענטשלעכע קאַטעגאָריעס — פּירט זיין אייביקן איוב־דיאַלאָג מיט די „מאַכט־אָרגאַנען" פון „שלאָס", די „ריכטערס" פון „פּראָצעס", וועמענס וועזן, וועגן און מאָטיוון זענען אונדז לחלוטין אומבאַקאַנט.

אָבער נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס קאַפקאַס נאָמען איז אַליין אויסגעוואַקסן צו אַ מין „שלאָס" — איבערוועגנדיק מיטן מאַיעסטאַט פון זיין גוואַלדיקן רום אין די שמאָלע קרייזן (דער מאַסשטאַב פון אמתן רום), זעען מיר זיך געצוווּנגען אַ ביסל מורד צו זיין אין דער באַדינגונג־לאָזער אַקצעפּטאַציע פון זיין ליטעראַרישן זשעני.

די אויבנדערמאָנטע צוויי גרעסערע ווערק — גרויס אין זייער אַלגע־מיינער אַלעגאָרישער פּראָבלעם־שטעלונג און דראַמאַטישער שילדערונג פון דעם מענטשלעכן גוראַל, זענען, לויט אונדזער איבערצייגונג, בלויז גרויס אין געוויסע פראַגמענטן. אין גאַנצן גענומען, זענען דאָרט גאָר גרויסע לאַנגווייליקע שטרעקעס. און אויב די צענדליקער עמודים זאָגן אַליין גאָרנישט — אויסער דיאַלעקטישער סובטעלקייט — וועלן נישט העלפן די לעגיאָנען אויסטייטשערס, מיט די מאָדערניסטיש־קאַבאַ־ליסטישע „נוטריקונים וגימטריות"...

*

קאַפקאַס פּאָזיציע פון אַ וועלט־קלאַסיקער איז, ווי דערמאָנט, באַ־פעסטיקט זינט די עטלעכע צענדליק יאָר.

איינער פון זיינע גרויסע פאַרערערס, טאָמאַס מאַן, האָט אַ גאָר פיינעם עסיי וועגן אים, מיט וועמענס אויספירן מיר זענען אין אַ באַדיי־טנדיקער מאָס מסכים. מאַן ווייזט אָן, אַז אין אַ געשפּרעך מיט רודאָלף שטיינער, דעם באַרימטן אָקולטיסט, האָט קאַפקאַ געזאָגט, אַז זיין אייגן ווערק האָט אים געגעבן פאַרשטענדעניש פאַר געוויסע העלזעערישע צושטאַנדן, באַשריבן פון שטיינערן. קאַפקאַ האָט דאַן זיין אייגן ווערק פאַרגליכן צו אַ נייער געהיימער דאָקטרין, אַ קבלה.

„אָבער" — זאָגט מאַן — „ס'פעלט (צו דער מיסטיק — י. ג.) די שווערע און הייסע אַטמאָספערע פון טראַנסצענדענטאַליזם; דאָס חושימ־דיקע שטייגט נישט איבער אין איבער־חושימדיקן.

„...זיינע שאַפונגען זענען אָפט חלומדיק אין קאָנצעפּציע און פאָרם; באַדריקנדיק, אומלאָגיש און אַבסורדאַל ווי טרוימען; אָבער פול מיט אַ מאָראַלישקייט, איראָניע, סאַטירע... שטרעבנדיק צו גערעכטיקייט, גוטסקייט און רצון הבורא."

טאָמאַס מאַן ווענדט אָן לגבי קאַפקאַן אַ כאַראַקטעריסטישע, אייגנ־אַרטיקע באַצייכענונג: „אַ רעליגיעזער הומאָריסט". ער דערקלערט די לכאורהדיקע מאָדנעקייט פון דער באַצייכענונג מיט קאַפקאַס צוויי הויפּט־שטריכן: זיין טיפן רעליגיעזן גוראַנגל און זיין אומגעהויערן הומאָריס־

טישן טראַנס. אַזוי, אַז דער מענטש־ און גאָט־געראַנגל ווערט געוויזן נישט אין אַ פּאַטעטישן, עקזאַלטירטן אַספּעקט, נאָר אין אַ משונהדיק־איראָנישן, סאַרקאַסטישן.

מען וועט אָבער מוזן „אָראָפּהאַנדלען" פון טאָמאַס מאַנס באַהויפּטונג, אַז „קיינמאָל איז דאָס געטלעכע, דאָס איבערמענטשלעכע נישט געוואָרן אָבסערווירט מיט מער מאָדנע, מער וואַגנדיקע, מער קאָמישע מיטלען, מיט מער אומדערשעפּלעכע רייכטימער, סיי לעסטערנדיקע און סיי פרומע..."

נו, וואָס שייך דעם באַהאַנדלען דאָס געטלעכע און איבערמענטש־לעכע מיט מער מאָדנע און מער קאָמישע מיטלען — איז אפשר מאָן גערעכט; אָבער זיכער איז אַ גוזמא צו זאָגן, אַז קאַפקאַ האָט אָבסערווירט און דערפאָרן די אויבנדערמאָנטע העכסטע פּראָבלעמען מיט מער „פּסי־כאָלאָגישע רייכטימער", ווי יעדער אַנדערער שרייבער.

*

אויך אין זיינע קלענערע דערציילונגען — פולקאָמענע אין זייער קאָנסטרוקציע — דאָמינירן אַ ריי ספּעציפישע עלעמענטן קאַפקאַס, הויפּטזאַכלעך די דינע אַנאַליטישע סובטעלקייט, די ביזאַרע, פּאַראָדישע איראָניע און די חלום־קאָנטורן.

אַלץ באַוועגט זיך דאָרט אויף חלום־שליאַכן, אין קאָשמאַרנע בלינדע געסלעך.

אין פּסיכאָלאָגישער סובטעלקייט און גרויל־געשטאַלטיקונג האָבן אַנדערע דערגרייכט העכער און טיפער; קאַפקאַס אייגנאַרטיקייט, די אומפאַרגלייכלעכע קראַפט זיינע באַשטייט אין דעם אַזוי גערופענעם „רעליגיעזן הומאָר", דאָס באַהאַנדלען די באַציונגען צווישן „דאָרף" — די מענטשהייט — און דעם „שלאָס" — די העכערע כוחות — אין זיין אייגנאַרטיקן געמיש פון פּאַטאַליזם און בורלעסקן חוזק, וואָס ווערט נישט מיד אונטערצושטרייכן, אַז דער „לאַנדמעסטער" איז שטענדיק אין אַ פולשטענדיקן טעות מיט זיינע באַגריפן, פאָרשטעלונגען און שפּעקו־לאַציעס וועגן דעם „שלאָס", זיין וועזן און זיינע דרכים.

דער צווייטער — אפשר דער אייגנאַרטיקסטער סימן מובהק קאַפקאַס — איז זיינע פאַרכישופטע חלום־לאַנדשאַפטן, דאָס חלומדיקע וואָס הילט איין זיין גאַנצע שאַפונג, פערסאָנאַזשן און זייערע מעשים.

קאַפקאַ, ווי אַן אָריגינעלע פערזענלעכקייט און אָריגינעלער קינסטלער־דענקער קומט באַזונדערס צום אויסדרוק אין זיינע ליטעראַרישע מיניאַטור־פאָרמען — טאָגביכער, אַפאָריזמען, משלים.

מען זעט פון דאָרט אַרויסשיינען אַ גאָר־שטאַרקן גייסט, אַן אַנאַליטישן פילאָזאָף און עמאָציאָנעל־באַפאַרבטן אינטעלעקט פון אַ הויכער מדרגה.

קאַפקאַ איז געשטאָרבן פון שווינדזוכט אין עלטער פון 41 יאָר.

זיין מיסטעריעזע פערזענלעכקייט און שאַפונג רייצן און רעגן אָן — אַ טיפע רעטעניש, וואָס בלייבט אומגעענטפערט. ווי ער זאָגט דאָס אין איינעם פון זיינע טיפזיניקע אַפאָריזמען:

„פריער האָב איך נישט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס איך האָב נישט געקריגן קיין ענטפער אויף מיינע פראַגן; היינט פאַרשטיי איך נישט ווי אַזוי איך האָב געקאָנט גלייבן, אַז איך האָב געקאָנט פרעגן. אָבער באמת האָב איך דאָס נישט געגלויבט, איך האָב פשוט געפרעגט.״

פון פארשידענע ליטעראטורן

אָמאַר כאַיאַם

(1050 — 1123)

די „רובאַיאַט" פון אָמאַר כאַיאַם — די לערך 100 פיר־שורהדיקע סטאַנזאַס זענען אַ מוסטערהאַפטער און מייסטערהאַפטער ביישפיל פון מעט הכמות ורב האיכות. עס איז דערפרישנדיק צו לייענען די לעבנס־פולסירנדיקע שורות פון דעם ווונדערלעכן פערסישן פּאָעט, וועלכע האָבן נישט פאַרלוירן זייער באַרוישנדיקן אַראָמאַט און אומפאַרגלייכלעכן חן אין פאַרלויף פון קרוב 9 הונדערט יאָר.

אָמאַר כאַיאַם איז אין זיין צייט באַרימט געווען בלויז ווי אַן אַלזייטיקער וויסנשאַפטלער — אַ גרויסער מאַטעמאַטיקער, אַסטראָנאָם און מעדיקער. ערשט מיט הונדערטער יאָרן נאָך זיין טויט זענען מאַנכע פון זיינע מאַנוסקריפּטן אָפּגעזוכט געוואָרן אין זייער אַ פאַרוואָרלאָזטן צושטאַנד. עטלעכע פון די שירים זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן צום ערשטן מאָל אין 17טן יאָרהונדערט אין דער לאַטיינישער שפּראַך. שפּעטער זענען דערשינען אַנדערע איבערזעצונגען. אָבער די גלענצנדיקסטע איבערזעצונג — אַן אמתער שעדעווער — איז די איבערזעצונג אין 1859, פון דעם ענגלישן דיכטער און לינגוויסט עדוואַרד פיצדזשעראַלד.

דער נאָמען „רובאַיאַט" זאָל שטאַמען פון אַראַבישן „אַרבע" — (סינגולאַר: „רובאַי", פלוראַל: „רובאַיאַט"), באַצייכענענדיק אַ פיר־שורהדיקע סטראָפע.

מאַנכע קריטיקערס און פאַרשערס זענען גענייגט אַ סך אָפּצודינגען פון דעם אָרגינעלן שעפערס גרויסקייט און שרייבן־צו פיצדזשעראַלדן דעם הויפּט־פאַרדינסט פאַר דעם דאָזיקן אומפאַרגלייכלעכן מייסטערווערק. דער אַרגומענט פון מאַנכע איז, אַז די פערסער אַליין האָבן אים געהאַלטן פאַר

אַ צוּװייטראַנגיקן פּאָעט. אָבער ס׳איז זיך לייכט משער צו זיין די סיבה דערפון: אָמאַר כאַיאַם, מיט זיינע טיילווייזע מיסטישע, אָבער לרוב אַגנאָס־טישע און העדאָניסטישע פּערזון, איז געװען אַ דאָרן אין אויג פון זיין פאַנאַטיש־אָבערגלויבערישער סביבה און צייט. אין דעם זין איז גערעכט פיצדזשעראַלד, וואָס שרייבט אין זיין הקדמה, אַז הגם דער סולטאַן האָט אים באַוואָרפן מיט חסדים, איז אָמאַר כאַיאַם, צוליב זיין עפּיקורעישער דרייסטקייט באַטראַכט געוואָרן מיט אומצוטרוי און ווידערווילן אין זיין אייגענער צייט און אייגענעם לאַנד.

אַז פיצדזשעראַלד האָט באַוויזן ווירטואָזע מייסטערשאַפט ביים איבער־זעצן — טיילמאָל אויף אַ זייער פרייען אופן — די „רובאַיאַט" דאָס אַנדער־קענען אַלע אָמאַר כאַיאַם פאָרשערס. אָבער איך בין גענייגט אָנצונעמען די מיינונג פון יענע געלערנטע, וואָס האַלטן, אַז פיצדזשעראַלד האָט די „רובאַיאַט" געגעבן אַ גלענצנדיקע ענגלישע פּראַזאָדישע פאָרעם; אָבער דער זין, תוך און דער אומשאַצבאַרער אוצר פון די פאַרבליפּנדיקע אימאַזשן — דאָס אַלץ איז דאָס „אייגנטום" פון דעם גרויסן פּערסישן דיכטער.

אין וואָס ליגט, אייגנטלעך, די געהיימניש פון אָמאַר כאַיאַמס וואָרט, פון זיין אַפאָריזם־אַרטיקער ווערסיפיקאַציע? לעולם איז דאָך דער הויפּט־מאָטיוו וואָס גייט אַדורך די אַלע סטראָפעס — רעזיגנאַציע פון יעדער אינטעלעקטועלער דערגרייכונג און גייסטיקער סובלימאַציע; אין פלוג גענומען, רעדוצירט זיך דאָך דאָרט אַלץ צו דער העדאָניסטשער תורה פון שמח בחור בילדותך, צום רויש פון זינלעכקייט, „ערדישקייט" — אָן שום ראָמאַנטישער און טרוימערישער דעקאָראַציע. ווי נאָענט איז דען די גרענעץ צו דער באַנאַליטעט פון דעם מגושמדיקן פיליסטער, ביי וועמען די הנאות־הגוף זענען די ענד־פּונקטן פון אוניווערס! טיילמאָל דאַכט זיך גאָר, אַז מיר האָבן דאָ דאָס פיליסטעריש זעלבסטצופרידענע געלעכטערל אויף אַלץ בענקנדיקע און זוכנדיקע:

„אָ, נעם דאָס באַר געלט, און לאָז אַוועק דעם קרעדיט!"

אָבער גראָד אין זייער שאַרפער נאָענטקייט צו דער גרענעץ פון ראַציאָנאַליסטישער סקעפּסיס, פאַרלייקענונג און זינלעכער פאַרזונקענ־

קייט, — גראַד דאָן זעט זיך ערשט אַרויס דאָס וווּנדער פון גרויסער, אייביקער פּאָעזיע, וואָס גיט אַ מאַגישן כּוח דעם דיכטערישן וואָרט, לייטערט עס און דערהייבט עס, אפילו עס דאַכט זיך אַז ס׳פאַלט צו הוילער גופישקייט.

נײַן, אָמאַר כאַיאַמס סענסואַליזם איז ווײַט נישט קיין וווּלגאַרער; עס איז אַ פאַרגייסטיקונג פון קערפּערלעכע תענוגים, אַן אומגעווײנלעכע פּאָעטיש־פילאָזאָפישע סובלימאַציע פון פשוטן לעבן מיט זײַנע יום־טוב־דיקע רוישן, און די אומשטערבלעכע קאָנדענסירטע לידער, ווו דאָס גאַנצע מענטשלעכע דאַזיין ווערט קאָנדענסירט צו ווײַן, פרילינגס־צוויט, בלומען און חושימדיקן געניס, איז פאַראַן אַזאַ טיפע גייסטיקייט, אַן עקסטאַטישע פאַרזונקענקייט אין די אויסגעשטערנטע אין־סופן, וואָס פילט אונדז אָן מיט א זעלטענער רעגונג. אַזאַ התרוממות הנפש עמפינדן מיר נאָר ביי די אויסגעווײלטסטע צווישן די גרעסטע זינגערס און זעערס. פאַר יעדן מגושמדיקן טריט איז דאָ פאַראַן אַ וואָרענונג: „של־נעלך מעל רגלך!“

זעלבסטפאַרשטענדלעך, עס פאַלט איצט קיינעם נישט איין — ווי איינעם אַ פראַנצויזישן איבערזעצער פון 19־טן י״ה — צו טייטשן דעם כאַיאַמישן שיר השירים מיט „משה־ואהרן“ סימבאָליק; נײַן, דער ווײַן, די געליבטע, די בלומען און דער פרילינג זענען נישט קיין סימבאָלישע באַגריפן, נאָר פשוטו כמשמעו. אָבער אָמאַר כאַיאַם, דער זעלטענער פּאָעט, פאַרשיכורט זיך מער מיטן ריח פון ווײַן, מיט זײַן פינקלען אין כוס, ווי מיטן ווײַן גופא. און דאָס איז אפשר דער סוד פון זײַן לידס אייביקן אַראָמאַט. ער זינגט פון ריין קערפּערלעכער ליבע — און ס׳באַקומט זיך אַזאַ צאַרטער פאַר־גייסטיקטער ניואַנס; עפּעס ווי אַ פייערלעכער מיסטישער „יהי רצון“, אַ ברכה און דערהייבונג דורכן ביסל באַשערטער ערדישער פרייד:

„קום, פיל אָן דעם כוס, און דעם פייער פון פרילינג...“

...„און דו נעבן מיר זינגענדיק אין דער ווילדערניש —

אָ, דער מדבר וואָלט אַ גן־עדן איצט געווען!“

פאַר „אויערן וואָס הערן נישט“, — און מען מוז האָבן אַ פיין געהער צו אָט דער דין־פייערלעכער מוזיק, — זענען די „רובאַיאַט“ די גרעסטע

פאַרלייקענונג פון אינטעלעקטועלער שטרעבונג, די אבדיקאַציע פון „קעניג־גייסט".

אָבער דורך וויפיל נעכט פון לויטערסטע רעיונות, פון תהומיש גייס־טיקער פיין, פון וועלט און מענטש־חשבון; דורך וויפיל נעבולאַס — קאָסמישע און פסיכישע — האָט דער איידעלער שטערנזוער געפיילנ־בויגנט זיינע פאַרבענקט־פאַרשערישע בליקן — ביז ער איז געקומען צו דער ביטערער רעזיגנאַציע. אמת, ער איז „צוריקגעקומען דורך דער זעלבער טיר וואָס ער איז אַריין"; אָבער דאָס זילבער פון די שטערן, דער אומענדלעכער ציטער פון דעם „מילכוועג", דער אָפגרונט פון „אויבן־אונטן" און דער תהום פון זיין גאָט־בענקשאַפט — דאָס אַלץ האָט ווי פרישער טוי באַהויכט זיינע אייביקע יונגע, אייביק לעבנס־גרינענדיקע לידער.

דער מענטשלעכער גורל, די פאַרהוילענע וועלט־רעטענישן: פונוואַ־נען, וווהין און נאָך וואָס? — די אייביקע פראַגן פונעם מענטש, זייט ער איז געבענטשט־פאַרשאָלטן געוואָרן מיט פאַרשטאַנד — דאָס אַלץ האָט וווּנדערלעך, מיט א זיסער מעלאָדישקייט און געניאַל־פשוטער בילדעריש־קייט, געפונען זיין אויסדרוק אין די כאַיאַמישע געזאַנגען.

די „רובאַיאַט" זענען אַ מין קהלת און שיר השירים צוזאמען; אָבער דער חכם אָמאַר האָט, להיפך צו שלמה המלך, צום ערשטן געדענקט קהלתדיק און נאָך דעם — געשעיר השירימט...

פון אָט די פערלדיקע לידער פינקלט אַרויס אַ שטילע מיסטישע שיין. זיי גיבן אין זייער אַ געפּרעסטער פאָרם דעם מאַקסימום עסטעטישן גענוס, וואָס אַן אייביק קונסט־ווערק איז ביכולת צו געבן; אונטער דער פאָרמעל בילדערישער שאָל פון זאַכן — די אידייע פון זאַכן; דער סאמעט פון בלאָ פאַרהילטע בערג־ליניעס, דעם אַראָמאַט פון פיינסטער קולטור און ספּיריטואַליזירטער מאַטעריע. און דאָס אַלץ מעכטיק באַפליגלט מיט אַ נאָבעלן געזאַנג פון א גרויסן שטערן־ און מענטשן־זעער, איינעם פון די גרעסטע זינגערס פון דער מענטשהייט, וועמענס ליד צויבערט מיט אין־סופיקייט. ער האָט באַליכטן מיט זיין זוניק האַרץ די שטויבנדיקע ווירק־לעכקייט, וואָס האָט זיך אונטער זיין שטראַליקייט צעלאָזן אין אַ פעיערישן פאַרבן־טאַנץ.

דאַנטע אַליגיערי

(1265—1321)

דאַנטעס „געטלעכע קאָמעדיע" הייבט זיך אָן מיט דער שילדערונג, ווי ער געפינט זיך פּלוצלינג אַ פאַרבלאָנדזשעטער אין אַ פינצטערן וואַלד.

דאָס זעלבע קאָן אויך געזאָגט ווערן וועגן דעם לייענער פונעם ווערק: ער בלאָנדזשעט אין אַ פינצטערן וואַלד — נישט אינמיטן דער רייזע, נאָר גלייך פון אָנהייב לייענען...

דער „פינצטערער וואַלד" — דאָס איז דאָס גאַנצע גראַנדיעזע ווערק, וואָס איז פול מיט אַלעגאָרישן און סימבאָלישן געווימל פון חיות, גייסטער, דעמאָנען און מלאכים. דער לייענער בלאָנדזשעט אין געפלאָנטער פון מיטאָסן ביים ציטערדיקן ליכט פון סימבאָלישע „יאָהאַנעס־פייערלעך".

אמת, דעם בלאָנדזשענדיקן לייענער קומען צו הילף וועגווייזערס־קאָמענטאַטאָרן, אָבער יעדער פון זיי ציט אים אין אַ באַזונדערער ריכטונג. און די קאָמענטאַטאָרן מוזן נישט בלויז אויסטייטשן, נאָר אויך פשוט אות־טייטשן, ווייל דאָס ווערק איז אויך פול מיט אַ סך טונקעלע „גימטריאות", סימבאָלישע ציפערן.

ס'קומט נאָך אויך אין באַטראַכט דאָס פּראָבלעם פון אויטענטישקייט. פּאָעזיע איז אַ ווייך, וועמענס אַראָמאַט וועפּט זיך אויס ביים איבערגיסן אין אַנדערע שפּראַך־כלים. דעם גרויסן דיכטערס פּערז האַלט אין זיך פאַרכישופט אַ וועלט אַ גאַנצע. און אין דעם זין איז די זינגענדיקע שורה — זיין אוניפּערז, דאָס מאַגישע פאַרבנשפּיל און פייערלעכע מוזיק פון די דאַנטעישע טערצינעס קומט, אין איבערזעצונג, נאָר אין אַ פאַרוואָלקנטער און געדעמפּטער פאָרם צום צושויער פון דער גיגאַנטישער „קאָמעדיע".

י. גאָלדקאָרן

*

דאַנטע האָט זיין ווערק אָנגערופן „קאָמעדיע״; ערשט אין אַ יאָרהונ־דערט שפּעטער איז צוגעקומען דער אַדיעקטיוו „די געטלעכע״. אָבער מען קאָן אייגנטלעך זאָגן, אַז — אַחוץ דעם „גן עדן״ — וואָלט טרעפלעכער געווען די באַצייכענונג: „די מענטשלעכע טראַגעדיע״.

דער ערשטער טייל, „דער גיהנום״, איז די מענטשלעכע טראַגעדיע אין אירע מערערע אַספּעקטן — ביאָלאָגישע, אינדיווידועלע, פּסיכאָלאָגישע. סאָציאַלע. —

ע ר איז אַ דערשיטערנדיקער פילם פון רעאַלן, ערדישן גיהנום.

דריי ווילדע חיות פאַרשפּאַרן דאַנטען דעם וועג צום „באַרג״: דער לעמפּערט, דער לייב און די וועלפין.

געטריי זיינע מיטלאַלטערלעכע טעאָלאָגישע קאָנצעפּציעס, שילדערט ער די זיבן הויפּט־זינד וואָס טרייבן די מענטשן־זינדערס צו אייביקער „פאַרשיקונג״.

אָבער וויפל אומצייליקע ווילדע חיותווילדעווען אין דעם וואַלד פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט?

אין דעם פילם, וואָס ציט־צו און שטויסט־אָפּ עלעקטריש דורך זיינע פּאַזן פון סוגעסטיע און גרויל, שוועבן פאַרביי פּויפּסטן, מלכים, מיליטער־פירערס, פאַררעטערס, פאַרשווענדערס; די „זיבן זינדערס״, אין אומ־צייליקע געשטאַלטן, פון דער אַנטיקער וועלט און אויך דאַנטעס מיט־צייטלערס.

אייגנטלעך איז, געזען פון אַ פּערספּעקטיוו, די גאַנצע מענטשלעכע געשיכטע אַן „אינפערנאָ״, אַן אומאויפהערלעכע מלחמה פון פעלקער, שבטים, קלאַסן, גרופּעס און יחידים.

די וועלט־געשיכטע איז אַ דויערנדיקע מלחמה; בלויז פון צייט צו צייט ברעכט אויס אַ שלום, אַ קורצער צייט־פּעריאָד פון אָטעם־פּויזעס.

אַלע גרויסע נאָבעלע גייסטער פון דער מענטשהייט האָבן געפּרוווט ווירקן מיט דער קראַפט פון איבערצייגונג. אָבער די וועלט ווערט געפירט מיט דער איבערצייגונג פון קראַפט...

*

דזשאָוואַני פאַפּיני באַמערקט טרעפלעך אין זיין בוך וועגן דאַנטע, אַז דער אַלטער טעסטאַמענט איז געווען מער אין איינקלאַנג מיט דאַנטעס גייסט, ווי דער נייער.

און דאָס איז אמת, הגם סיי טעאָלאָגיש און סיי לויט זיין וועלט־אַנשויאונג איז דאַנטע געווען אַ מיטלאַלטערלעכער קאַטוילישער דיכטער־דענקער, וואָס האָט זיך פעסט געהאַלטן אין די קריסטלעכע דאָגמעס.

אין תוך איז דאַנטע געווען נביאיש אין זיין טעמפּעראַמענט, אין זיין וויזיע און אין זיין „פּאַרטייאישקייט", אין זיין „והיה"...

פּראַקטישע, וואָכע און וואָכעדיקע גייסטער פּראָקלאַמירן אַ קאָסמישן אידעאַל־מאָראַטאָריום.

אָבער דער נביאישער גייסט קאָן נישט נעמען צו קענטעניש די ברוטאַלע ווירקלעכקייט; ער איז פול מיט עקל, גרויל און הייליקן צאָרן. ער באַלייכט דעם צוקונפט־האָריזאָנט מיט זיינע אייגענע מאַיעסטעטישע זריחות: „לא ירעו ולא ישחיתו בכל־הר קדשי".

אָבער דאַנטע איז אין סאָציאַל־פּאָליטישן זין געווען אַ מתנבא ואינו יודע מה מתנבא.

ער איז אין זיין יוגנט געווען, אין זיין געבוירן־שטאָט פלאָרענץ, אַן אָנגעהעריקער צו דער גוועלפן־פּאַרטיי פון דער „ווייסער" פראַקציע, וועלכע האָבן, אין קעגנזאַץ צו די שוואַרצע אָפּאָרטוניסטן זיך געהאַלטן עקשנותדיק קעגן דער אויטאָריטעט פון פּויפּסטלעכער און אימפּעראַטאָרישער דאָמינירונג פון זייער היימשטאָט.

די „שוואַרצע", וואָס האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט אין פלאָרענץ, האָבן לכתחילה דעם רעבעל פאַרמשפּט צו אַ קליינער שטראָף, אָבער אַזוי ווי דער לעצטער האָט זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן, איז די שטראָף פאַרגרעסערט געוואָרן אויף לעבנסלענגלעכן גלות. אים האָט געדראָט טויט־שטראָף ביים איבערטרעטן דעם באָדן פון דער שטאָט.

אָבער דער שטאָלצער און מוטיקער פּאַרטיי־קעמפער, וואָס האָט די לעצטע 20 יאָר פון זיין לעבן פאַרבראַכט אין גלות, אַבי זיך נישט צו

בויגן און פאַרראַטן זיינע פּרינציפּן, — האָט אַליין זיך אַנטוישט אין זיינע אייגענע פּאַרטיי־חברים צווישן די פּאָליטישע עמיגראַנטן. ער האָט זיי אין דער „געטלעכער קאָמעדיע" געשילדערט ווי „אַ נאַריש און גיפטיק געזינדל". זיך האָט ער באַצייכנט ווי „אַ פּאַרטיי פאַר זיך אַליין".

„איז דאָס דער ...רוף, מיט וועלכן דאַנטע אַליגיערי ווערט איינגע־לאַדן צוריק אין זיין פאָטערלאַנד, נאָך אַ כמעט 15יאָריקן ליידן גלות? ...ווייט איז פון מיר, דעם נאָענטן מיט פילאָזאָפיע, — די העסלעכע זעלבסט־דערנידעריקונג פון אַ ליימענער נשמה!... ווייט איז פון דעם פּרעדיקער פון גערעכטיקייט, וועו ער האָט געליטן אַן עוולה, צו באַצאָלן זיין מטבע צו די, וואָס זענען זי באַגאַנגען ... נישט דאָס איז דער וועג פון צוריק־קערן צו מיין לאַנד... אויב אַזאַ וועג פירט נישט קיין פלאָרענץ, וועל איך קיינמאָל זיך דאָרט נישט צוריקקערן... קאָן איך נישט בליקן צום שפּיגל פון דער זון און די שטערן, ווו איך זאָל נישט זיין? קאָן איך זיך נישט פאַרטיפן אין די זיסטע אמתן, ווו איך זאָל זיך נישט געפינען אונטערן הימל, נאָר איך מוז קודם זיך מאַכן... שעדלעך פאַר דעם פאָלק און דער מלוכה פון פלאָרענץ?"

(אויסצוג פון זיינע בריוו)

*

ער האָט נביאות געזאָגט און נישט געוווּסט...

ווי אַן אוניווערסאַליסט, וואָס האָט איינגעזען די אָרגאַנישע קללה פון שפּליטער־מלוכות, וועלכע ריוואַליזירן און אינטריגירן צווישן זיך! — האָט ער געזען זיין אידעאַל אין פּאָליטישן אוניווערסאַליזם פון אַלטן שטייגער — אין דער פּערזאָן פון דעם אימפּעראַטאָר און אין דער אינסטי־טוציע פון דער אימפּעריע.

האָט ער געלייגט זיינע האָפענונגען אויף זיין „משיח" — דעם לוקסעמבורגער פּרינץ הענרי דעם זיבעטן, וואָס איז בשעתו געקרוינט געוואָרן ווי דער הערשער פון דער „הייליקער רוימישער אימפּעריע" (וואָלטער האָט זי באַצייכנט: „נישט הייליק, נישט רוימיש און נישט אימפּעריע"...).

מיטן פּלוצעמדיקן טויט פון דעם אימפּעראַטאָר איז זיך צעפאַלן די אימפּעריע און ס׳זענען צערינען געוואָרן דאַנטעס פּאָליטישע האָפענונגען, אָבער נישט זיין אידעאַל פון אַ רוימישער וועלט־אימפּעריע. ער האָט אַפילו אָנגעשריבן אַ ווערק: „וועגן מאָנאַרכיע״.

אַוודאי איז אוניווערסאַליזם — קודם כל פּאָליטישער — די איינציקע גאַראַנטיע פאַר אַ ווירקלעכן אייביקן שלום, צווישן פעלקער.

אָבער לייגן די האָפענונג אויף דער פּערזאָן פון אַן אימפּעראַטאָר — וואָס פאַר אַ פּאָליטישער אינפאַנטיליזם! אַפילו דער אימפּעראַטאָר זאָל זיין אַ גרויסע עטישע פּערזענלעכקייט — אַן אַנטאָנינוס פּיוס, אַ מאַרק אוירעליוס, און ס׳זאָל אים שוין געלונגען איינצונעמען די גאַנצע וועלט — נאָך אים וועט באַשטייגן דעם טראָן — אַ קאַליגולאַ, אַ נעראָן.

דאַנטע איז, לויט זיין פּאָליטישן אידעאַל, געווען אַ נביא בשעתו.

אָבער ער איז דאָס געווען אין אַן איבערצייטלעכן מאָסשטאַב, לויט זיין משיחיש־דערלייזערישן טריב, דעם דראַנג צו אַבסאָלוטער מענטשלעכער דערלייזונג.

ער איז נישט געווען אין די מדורי גיהנום, אין דער לייטערונגס־אָפּטיילונג, אין גן עדן; אין אים איז געווען דאָס גיהנום פון צאָרן, אין וועלכן ער האָט געשליידערט די מעכטיקע פון דער וועלט.

אין אים איז געווען די רייניקונגס־פּיין.

און אין אים איז געווען דער גן עדן פון סובלימירונג און געטלעכער בענקשאַפט.

ער אַליין וואָלט געקאָנט טראָגן די אויפשריפט פון גיהנום:

„דורך מיר איז דער וועג צו דער שטאָט פון צער,
דורך מיר דער וועג צו דער אייביקער פּיין״.

די „געטלעכע קאָמעדיע״ איז דער גרויסער, אוניווערסאַלער עפּאָס, וואָס איז כולל אין זיך די געשיכטע און קולטור פון דער אַנטיקער און מיטלאַלטערלעכער וועלט, געזען דורכן בליק פון אַ טיף גלויבנדיקן פּאָעט. דאָס ווערק איז אַ מאָנומענטאַלע גאָטישע קאַטעדראַלע מיט אומ־

צייליקע פרעסקן, אין וועלכע ס׳זענען פיקסירט די גורלות פון פעלקער און יחידים, — און וואָס איז אינגאַנצן פייל־אָנגעשפּאַנט צום הימל.

פאַר אונדז, וואָס קענען דעם גאַנצן „רעקאָרד" פון דער קריסטלע־כער ציוויליזאַציע; די מאָנסטרועזע פאַרברעכנס פון „הייליקן" רוימישן אימפּעראַטאָר קאָנסטאַנטין; די פייערן פון דער אינקוויזיציע, וואָס האָבן „באַלויכטן" די בלאָנדזשענדיקע נשמות; די קרייצצוגן, אין וועלכע די מיטלאַלטערלעכע קריסטלעכע פעלקער האָבן טאַקע געקרייציקט גאַנצע ייִדישע ישובים; ביז אויף אונדזערע טעג, ווען אַ קריסטלעך פאָלק האָט געפירט מיליאָנען ייִדן צום טויט אונטערן אַקאָמפּאַניאַמענט פון קלויסטער־געזאַנגען, — האָט דאָס קריסטנטום דעם ריח פון די קריסטן.

אָבער מען דאַרף אונטערשיידן די אמתדיקע, פרומע און נאָבעלע גלויביקע — פון אַ פראַנץ פון אַסיזי ביז אַלבערט שווייצער: זיי דאַרף מען יאָ גלייבן, אַז זיי גלייבן...

*

אין דער „קאָמעדיע" האָט דאַנטע אַריינגענומען דעם גאַנצן היקף פון דער מענטשלעכער קולטור. דאָס גראַנדיעזע ווערק איז דידאַקטיש־וויסנשאַפטלעך, פילאָזאָפיש, טעאָלאָגיש, סאָציאַל־פּאָליטיש. דער פלאָרענ־טינער פּאָעט איז געווען אַ געלערנטער, וואָס האָט אין זיך כולל געווען די ידיעות און דעם געדאַנקען־אוצר פון דער אַנטיקער קולטור און ליטעראַ־טור: די ביבלישע, גריכישע, רוימיש־לאַטיינישע און מיטלאַלטערלעכע. זיין דידאַקטישע לײַדנשאַפט לאָזט זיך כסדר באַמערקן אין דעם ווערק, ווו ער האַלט כסדר אין איין זאָגן „ווי שפּעט ס׳איז" — נאַטירלעך, לויט דעם פּטאָלאָמעישן „זייגער". ס׳שוועבן פאַרביי נעמען פון פעלקער, לענדער, טייכן; שטערן־קאָנסטעלאַציעס, פּלאַנעטן, אַסטראָלאָגישע מזלות, ווי אויך די אומענדלעכע ביזאַרע קרעאַטורן פון דער גריכישער מיטאָלאָ־גיע, וואָס איז איין גרויסער געטלעך־דעמאָנישער דזשונגל.

גאָר אָפט מאַכט די „קאָמעדיע" דעם איינדרוק פון אַ פילאָזאָפישער סטודיע און די טערצינעס פאַרוואַנדלען זיך אין ווערסיפיצירטע מעדי־טאַציעס פון פילאָזאָפישע עיקר־פּראָבלעמען.

אוניווערסאַל איז דאַנטעס מעסיאַניזם, זיין נביאישער דראַנג צו אַלמענטשלעכער דערלייזונג, וואָס שטראָמט דורך מאַגנעטיש איבער דער גאַנצער, גראַנדיעזער דראַמע־פּאָעמע. דאָס קומט אויך צום אויסדרוק אין זיינע לאַטיינישע פּראָזע־ווערק, „דע מאָנאַרכיאַ" מיט זיין פּראָקלאַמירן דעם געבאָט פון אייביקן פרידן:

„ס'איז קלאָר, אַז אין דער רו און שטילקייט פון פרידן איז דער מין האנושי צום פרייסטן און צום גינציקסטן געניגט צו דער טעטיקייט, וואָס איז פּאַסיק פאַר אים. עס איז באַשיימפּערלעך, אַז אוניווערסאַלער שלום איז די בעסטע פון אַלע זאַכן, וואָס זענען באַשטימט פאַר אונדזער גליק".

*

ס'קלינגט ווונדערלעך דער קאָסמאָפּאָליטיזם פון אַ מיטלאַלטערלעכן שרייבער, וואָס קומט אויך צום אויסדרוק אין זיין „דע וווּלגאַרי עלאָקווענציאַ":

„ווייל ווער ס'איז אַזוי אָפּשטויסנדיק אומפאַרנונפטיק צו דענקען, אַז זיין געבורטאָרט איז דער פּרעכטיקסטער פּלאַץ אונטער דער זון, האַלט אויך, אַז זיין אייגענע מוטערשפּראַך איז איבער אַלע אַנדערע שפּראַכן..."

אָבער די אַלע אַספּעקטן פון דאַנטעס גרויסן ווערק האָבן געמיינזאַם דעם גרונטטאָן: דאַנטע, דעם אויסערגעוויינלעכן דיכטער. פון הינטער שפּראַך־דיסטאַנצן, דורך וואָלקנדיקע איבערזעצונגען־מחיצות, פאַרנעמען מיר ווידערקלאַנגען פון דער רייכער מוזיק און זעטיקן זיך מיט די שטראַלן וואָס רייסן זיך דורך...

די געשטאַלט פון בעאַטריטשע, מיט וועלכער דאַנטע סימבאַליזירט די חכמה העליונה, די למעלה מן השכלדיקע מעטאַפיזישע קאַטעגאָריעס, איז די גרעסטע סובלימאַציע און ספּיריטואַליזאַציע פון פרויען־וועזן אין דער וועלט־ליטעראַטור.

בעאַטריטשע פירט דאַנטען איבער די מדורים פון גן עדן צו די העכסטע רעגיאָנען פון פּאָעטישער אינספּיראַציע, אין וועלכער די שלמות

פון קינסטלערישן אויסדרוק און רעליגעזן עקסטאַז פאַראייניקן זיך אין קאָסמישן געזאַנג, אין סופּער־פּאָעזיע.

דאַנטע האָט געוווּסט זיין ווערט, און אויך ווי אַזוי אים אויסצודריקן; דאָס איז זיכער ביי אים געווען גאווה; אָבער איטלקייט און זעלבסט־זיניקייט ביי אַ גאון ווערט אַקצעפּטירט, ווי עס ווערט אַקצעפּטירט קאַפּריזנעקייט ביי אַ זעלטענער שיינקייט...

בעת זיינע הימלישע עקסקורסיעס זאָגט אים איינער פון זיינע אָבות:
„דיין געשריי וועט קומען מיט דעם ווינטס געוואַלטזאַמקייט,
וואָס שלאָגט אָן מיט פולער קראַפט אויף די דערהויבנסטע באַרג־שפּיצן אַליין...“

דאַנטעס פּאָעזיע, רעליגיעז אין איר טיפן תוך, איז בכוח צו באַגייס־טערן אויך אַ מאָדערנעם סקעפּטיקער און ראַציאָנאַליסט.

דאַנטע איז אַ פעלז פון גלויבן, און דער פעלז איז נאָך גאַנץ, הגם פיל וואַסערן האָבן אים זינט דאַן איבערגעשווענקט.

די לעצטע 4שורותדיקע סטראָפע פון 33סטן געזאַנג — דאָס שלוס־קאַפּיטל פון דער „געטלעכער קאָמעדיע“ — ווען דער געטלעכער הימן פאַרוואַנדלט זיך פּלוצלינג מיט אַ שאַרפן איבעררייס אין אַ דיטיראַמב פון שווייגן, — איז אַנאַלאָגיש צו דעם שווייגן־איבעררייס ביי בעטהאָווענס מוזיק: דממה דקה־געזאַנג, וואָס שטייגט איבער אַלץ וואָס איז חומרדיק:

„צו הויכער אימאַגינאַציע האָט איצט אויסגעפעלט כוח,
אָבער גלייך צו אַ ראָד, וואָס שיינט שטיל־שטייענדיק אין שנעלסטן לויף,
האָט שוין מיינע ווונטשן און ווילן באַהערשט אַ הימלישער הויך,
די ליבע וואָס באַוועגט די זון און אַנדערע שטערן“.

עראַזמוס פון ראָטערדאַם

(1466 — 1536)

די ערשטע שוואַלב פון פרייען געדאַנק אין פאַרקלויסטערטן צפון־אייראָפּע, דער וואָלטער אויף דער שוועל פון 14טן און 15טן י״ה.

אַ פרייזיניקער מאָנאַך — איז ער, ווי וואָלטער, געווען אומפאַנגרייך אין זיין ליטעראַרישער שאַפונג, באַדייטנדיק אין זיין השפעה און אויך קרוביש אין זיין ראַציאָנאַליסטישן וועלטבאַנעם.

עראַזם איז געווען גערעכנט פאַרן גרעסטן הומאַניסט־געלערנטן פון זיין דור, —אַן איבערפלאַנץ פון דער אַנטיקער גריכיש־רוימישער קול־טור און ליטעראַטור אין בין השמשות צווישן מיטלאַלטער און דער מאָדערנער עפּאָכע. די שטראַלן פון זוניקן און ערדיש־פריידיקן העלאַס האָבן פעיעריש זיך צעלויכטן אויפן פינצטערן, כמורנעם האָריזאָנט פון אייראָפּע: דער רענעסאַנס.

דער שטרייט צווישן עראַזמען און מאַרטין לוטערן איז געווען מער ווי דער קאַמף צווישן אידעאָלאָגיעס — עס איז געווען דער עלעמענטן־קעגנזאַץ פון מענטאַליטעט, כאַראַקטער.

לוטער איז געווען אַ מיסטישע נאַטור, אַ פאַנאַטישער גלויביקער, וואָס האָט רעוואָלטירט קעגן טעאַטראַלישן רעקוויזיטן־קולט פון רוים, און קעגן דער קאָרופּציע פון קאַטוילישן קלער; אָבער גלייכצייטיק מיטן אויסקערן דעם אַלטן שימל, האָט ער אַריינגעבראַכט אַ נייעם פאַנאַטיזם — ער איז געווען דער מאַכמעד פון דער פּראָטעסטאַנטישער קירך, וואָס האָט געוואָלט מיט פייער און שווערד באַווייזן, אין משך פון לאַנגע יאָרן, וועמענס איבערצייגונג ס׳איז גערעכט...

עראַזם איז געווען זיין פּסיכאָלאָגישער אַנטיפּאָד. ער איז געווען דורכאויס אינטעלעקט און ראַציאָ. הגם אַן אָנהעריקער צו דער קאַטוי־לישער גייסטלעכקייט, איז ער דער גלויביקער אין שכל. ער שטייט פאַר־מעל אויף די עיקרים פון קריסטנטום, פון דער עוואַנגעליע — אַ לעב־

לעכער, קאָנווענציאָנעלער, קאָנפאָרמיסטישער עראַזמישער גלויבן, ווי דער הייסער שטראָם פון רעליגיעזיטעט ווערט „טעמפּערירט" בײַם שטי־קער סקעפּטיש־ראַציאָנאַליסטישן אייז און ווערט אויך ביי אים געטריבן צו דרייען די רעדער פון הומאַנישער אוטיליטאַרישקייט...

עראַזמוס איז געווען אַ וויסנשאַפטלער, וואָס האָט געוואָרפן דעם עקזעגעטישן רעפלעקטאָר אויף דער עוואַנגעליע און דער עיקר אַן אוי־טאָריטעט אין די הומאַניסטישע וויסנשאַפטן — די קלאַסישע שפּראַכן, געשיכטע און ליטעראַטור. דאָס האָט ער באַוויזן מיט זיינע פילע ווערק אויפן געביט פון ביבל־קריטיק און קלאַסישער ליטעראַטור.

אָבער זיין באַדייטונג איז אייגנטלעך דער עיקר אַלס מאָראַליסט־הומאַניסט און סאַטיריקער־מוכיח. און אָט די אייגנשאַפט זיינע איז געקו־מען צום אויסדרוק אין אַ סך ריין ליטעראַרישע ווערק פון אונטערהאַלטנ־דיקן כאַראַקטער — קודם כל אין זיינע „קאָלאָקיעס" (געשפּרעכן), וואָס זענען געבויט אויפן מוסטער פון די קלאַסישע דידאַקטישע דיאַלאָגן, און אויך אין אַזעלכע סאַטירע־ווערק, ווי „די לויב פון שטות" און אַנדערע.

עראַזמוס איז געווען אַ פּרעדיקער פון דער הומאַנישער „רעליגיע" — פון די מצוות בין אדם לחברו, וואָס דריקט זיך אויס אין קלאַסישן זאָץ „דעלך סני — לחברך לא תעביד".

ער האָט אין זיינע ליטעראַריש־נאַראַטיווע ווערק באַלויכטן אַלע מעגלעכע צווישנמענטשלעכע באַציאונגען און אינסטיטוציעס, ווי פאַמי־ליע, דערציאונג און אַנדערע.

באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש פאַר עראַזמוס דעם הומאַניסט איז זיין אומאויפהערלעכע ליטעראַרישע „מאָביליזאַציע" קעגן קריג — אָט דער עלטסטער און באַרבאַרישסטער אינסטיטוציע פון דער מענטשהייט.

ער געהערט צו דער נאָבעלער און רומרייכער גרופּע פּאַציפיסטישע קעמפער אין דער געשיכטע, וואָס האָבן זייער קאַמף קעגן דעם רעגימענ־טירטן האַס און מלחמה־שגעון געפירט אַלס אינדיווידועלע פּאַרטיזאַנער...

עראַזמוס ווערק צייכענען זיך אויס מיט זייער טיפקייט און אָריגינאַ־ליטעט. זייער הויפּטווערט ליגט אין זייער באַלערנדיקן הומאַניזם, אין

זייער מיליטאַנטישער מאָראַלישקייט, וואָס קומט צום אויסדרוק אין אַ פּיינעם און פּאָלירטן סטיל.

עראַזמוס דער מענטש איז נישט געווען קיין העלדן־נאַטור און געהאַט זיינע „שטאַרקע" שוואַכקייטן... ווען מען לייענט זיינע גלענצנדיקע בריוו זעט מען, אַז דער „עראַזמוס אין שטעקשיך" איז ווייט געווען פון אַ נביא... אין די בריוו צו זיינע פריינט קומט כסדר צום אויסדרוק זיין זאָרג וועגן גאַסטראָנאָמישע פּראָבלעמען... און אָפט, צווישן אַ ריי טעאָלאָגישע און פילאָזאָפישע פּראָבלעמען, שיילט זיך אַרויס זיינער אַ צענטראַל־פּראָבלעם: די דאגה וועגן אַ גוטן סאָרט וויין...

ער האָט ליב געהאַט באַקוועמלעכקייט און רו, ווי אַ געלערנטער, וואָס פאַרגעסט נישט אין עולם הזה און זינלעכן גענוס.

דערפאַר אָבער האָט ער זיך נישט געלאָזט פאַרוואַנדלען אין אַ הויף־מענטש, — ווי דאָס האָט געטאָן וואָלטער, — און זיין אָפּזאָג צו די מאָנאַרכן מאָטיווירט ער, אַז „שרייבערס, ווי בעלגישע טעפּיך־האַפּטערייען, ווירקן פון דערווייטנס..."

אַ באַזונדערער פלעק אויף דעם אמתדיקן פרייגייסט איז — די אַנטיסעמיטישע מחלה. אין איינעם פון זיינע בריוו געפינט זיך די שטעל: „מיר אַלע האָבן פיינט אָט די ראָסע מענטשן; און אויב האָסן יידן איז קריסטלעך — זענען מיר אַלע גוטע קריסטן".

און אַזוי האָבן מיר, ווי ביי זיין נאָכפאָלגער וואָלטער, דעם פּאַראַדאָקס, אַז אַ פּרעדיקער פון טאָלעראַנץ, אוניווערסאַלער מענטשלעכקייט און מילדקייט, פאַרוואַנדלט זיך אין אַן אומטאָלעראַנטן האַס־פאַנאַטיקער ווען עס גייט וועגן יידן.

אין סך־הכל האָבן מיר אין עראַזמוס:

דעם אַפּאָסטאָל פון קאָמאָן־סענס.

אַן אינטעלעקטועלע אַמפיביע, וואָס איז געשווומען אין די טיפע וואַסערן פון דער קלאַסישער קולטור און אויך געקראָכן אויף די דאָגמאַ־טישע זאַמדן.

אַן אמתן איראָפּעיער און קאָסמאָפּאָליט, וואָס האָט זיך נאָך נישט אינגאַנצן אויפגעבונדן פון די סכאָלאַסטישע וויקעלעך...

י. גאָלדקאָרן

אַ רודף שלום און טאָלעראַנץ־פּרעדיקער, וואָס האָט פּיינט יידן...

אַן אויפגעקלערטן גלויביקן און גלויביקן אין אויפקלערונג, וואָס גלייבט — אָדער וויל אַז מען זאָל גלייבן, — אַז ער גלייבט אין די קריסט־לעכע רעליגיע־עיקרים.

אָבער צווישן זיינע לעבנס־עיקרים זענען פאַראַן זינלעכע הנאה און באַקוועמלעכקייט, ווי אויך — מאַנעווורירן צווישןביידע צדדים...

סערוואַנטעס

(1547 — 1616)

ער האָט דער ערשטער אַריינגעפירט דעם גרויסן הומאָר אין דער אייראָפּעישער ליטעראַטור.

ער האָט געעפנט פאַראַסטעטע שפּראַך־שלוזן — און ס׳האָט אַ פליייץ־געטאָן דער ברייטער, קלאָרער און מחיהדיקער שטראָם פון זיין סטיל, פון זיין פרייען, אומשטערבלעכן געלעכטער. אַ סטיל, וואָס איז פול מיט פאַרב, טענער און פּייזאַזשן פון דער נאַטור און פון מענטש — דעם מיקראָקאָסמאָס. בערגשפּיצן פון פּאָעטישער שיינקייט, וויסטעניישן פון וולגאַרקייט, שטורעמס פון סאַרקאַזם, פלאַכלענדער פון רעאַליזם.

ער ווייזט די געניאַלע קונסט פון דערגיין ביז פּיקאַנטער וולגאַ־ריטעט און נישט נאָר נישט אַריינפאַלן אין באַנאַליטעט — נאָר אפילו צו האַלטן זיך אויפן ראַנד פון ראָמאַנטישער שיינקייט.

„דאָן קיכאָט״ האָט נישט פּרעטענדירט צו זיין קיין עפּאָכעמאַכנדיק ווערק; עס האָט נאָר, לויט די כוונות פון מחבר, געזאָלט זיין אַ סאַטירע, און פּאַראָדיע אויף דער ריטער־ליטעראַטור פון זיין צייט.

דאָן קיכאָט, דער גראָטעסק־פאַרקערפּערטער חלום, און סאַנטשאָ־פּאַנטשאָ, די ערדישע חכמה, דער פּראַקטישער שכל הישר וואָס רייט אויפן נידעריקן אייזל...

צוויי פון די אוניווערסאַלסטע טיפּן אין דער וועלט־ליטעראַטור.
די פּערזאָניפיצירטע פאַנטאַזיע און די פאַנטאַזיעלאָזע פּערזאָן.
צוויי פּאָלארע עקסטרעמען פון דער מענטשלעכער נאַטור:
דאָן קיכאָט וואָס חלום איז זיין טעגלעך ברויט;
און סאַנטשאָ פּאַנטשאַ, וואָס ברויט איז זיין חלום...

דער ערשטער איז די מאַכט פון חלום; דער צווייטער — דער חלום פון מאַכט.

אין דאָן קיכאָט האָט אונדז זיין געניאַלער מחבר געשטאַלטיקט דעם העלד, וואָס ווערט פאַרפירט דורך די אידעאַלע מיראַזשן אין די זומפּן פון נאָנסענס, פון משוגעת.

ער איז אַ מוציא ענערגיע לבטלה.

דאָן קיכאָט איז „משוגע לדבר אחד": קאַמף לשם העלדישקייט, צום רום פון זיין אימאַזשינירטער שיינקייט. ער איז א מאַניאַק פון ריטערלעכער אומאייגננוציקייט און ער קריגט געשלאָגן פון גורל אין דער פאָרם פון זיינע ריזן־קעגנער, במשך פון זיינע אומצייליקע אַוואַנטורעס.

אָבער אויסער דעם משוגעת — איז דאָן קיכאָט, ווי סערוואַנטעס שילדערט אים, אַ נאָבעלע געשטאַלט, אַ טיף דענקנדיקער מענטש, וואָס באַלייכט מיט אַנאַליטישן שכל אַלע טונקעלע קאָמפּליצירטקייטן — אַ חוץ זיין אייגענע צעקרומטקייט...

סאַנטשאָ פּאַנטשאַ, דער ערדישער, וואָכעדיקער און וואָכעדיקער, איז דער באַלאַנס, וואָס האַלט אים צוריק אויף דער רעאַלער זייט, דער הומרדיקער באַלאַסט, וואָס ציט אים צוריק צום באָדן פון זיינע לופט־מיראַזשן.

אָבער ווי וואַלט געווען, ווען ס'זאָלן זיך נישט באַווייזן — דאָ און דאָרט, אַמאָל און איצט און שפּעטער — די דאָן קיכאָטס, וואָס רייטן אויף זייערע ראָסינאַנטעס צו אידעאַלע „דולצינעאָס".

אַלע פּיאָנערן, וועגווייזערס, אַנטדעקערס פון אידעאַלע און רעאַלע קאָנטינענטן; שטערנזעערס פון צוקונפט־וויזיעס, ריטערס פון פרייהייטס־

קאַמפּן, קולטיווירערס פון געטלעכן גאָרטן פון שיינקייט — יעדער פון זיי האָט א ניצוץ פון דאָן קיכאָט.

אומשטערבלעך איז דער „שטאָף פון חלום" דער געלייטערטער דאָן־קיכאָטיזם; ער איז אומבאַדינגט נישט נאָר צו פאַרווירקלעכן דאָס „ברויט פון חלום", נאָר אפילו דעם חלום פון ברויט...

דאָס שאַפן פון אַ פרידלעך צוזאַמענלעבן צווישן פאָלק און פאָלק, מענטש און מענטש קאָן נישט דערגרייכט ווערן דורך מאַלטוזיאַנער סטאַטיסטיק און סאַנטשאָ־פאַנטשאָדיקער עקאָנאָמיק.

נאָר דורך אַ גליקלעכן סינטעז פון „דאָן־קיכאָטיזם" און „סאַנטשאָ־פאַנטשאָיזם — דעם נביאישן אחרית הימים־אידעאַל און דעם ענדגילטיקן איינזען פון דער מענטשהייט, אַז אַן אוניווערסאַלער, פרידלעכער און גערעכט־פאַרטיילטער וועלט, מוז קומען צו אַן „אחרית הימים" פון דער וועלט.

*

„דאָן קיכאָט" איז אַן אייביק בוך, ס'איז אָנגעזאַפּט מיט אומענדלעכן הומאָר, וואָס נעמט אַן אַלע פאַזעס און אויסדרוקן פון פּאָעטיש־הייטערן געמיט — פון אַ קוים שוועבנדיקן שמייכל ביז א קאַסקאַדישן געלעכטער. עס איז אָנגעהויכט מיט טיף־פילאָזאָפישער און פסיכאָלאָגישער מענטשן־קענטעניש — פון זיינע כוחות און שוואַכקייטן, ווולגאַריטעט און איידלקייט, דערהויבנקייט און געפאַלנקייט. און דאָס אַלץ אין ברייטשטראָמיקן סטיל, וואָס בייט זיינע פאָרמען: אָט פליסט ער גלייכמעסיק, רואיק, מיט אַן עפּישן רעאַליזם, און אָט שלענגלט ער זיך אַרום אָריענטאַליש בונטער פאַנטאַסטיק פון טיפור בתוך סיפור — אָבער אַ פאַנטאַסטיק, וואָס ווערט רעאַל, אַדאַנק דער גרויסער דיכטערישער מייסטערשאַפט פון מחבר.

אומצייליקע רעטאָרישע פראַזעס ביי די העלדן פון בוך ווערן נישט — ווי ס'פאַסירט ביי קינסטלערס פון קלענערע מדרגות — פאַרוואַנדלט אין מליצהדיקער אָרנאַמענטיק; דורך דער פרישער איראָניש־פקחותדיקער און פּאָעטיש־דערפינדערישער שאַטירונג ווערן זיי מיטלען פון גלענצנ־דיקסטן, באַפליגלטסטן אויסדרוק.

דער הויכער רייטער און זיין קליינער נאָכשלעפּער זענען געוואָרן און בלייבן סימבאָל־געשטאַלטן פון דעם מין־האנושי.

דזשאַקאָמאָ לעאָפּאַרדי

(1798—1837)

דזשאַקאָמאָ לעאָפּאַרדי איז געווען אַ טראַגישע אילוסטראַציע, אַז דער לאַטייניש שער זאָץ: „אַ געזונטער גייסט אין אַ געזונטן קערפּער", איז גיכער אַ ווונטש ווי אַ גילטיקער כּלל. זיין קערפּער איז ממש איינגעבראָכן געוואָרן פון די פיל קראַנקהייטן, אַחוץ זיין דעפאָרמירטער פּלייצע.

צו 16 יאָר האָט ער איבערזעצט און פאַרעפנטלעכט ווערק פון לאַטייניש קלאַסיקערס און איז שוין געווען אַן אָנערקענטער פילאָלאָג. ער האָט פאַרבראַכט זיין יוגנט אין זיין פּאָטערס ריזיקער ביבליאָטעק, אין שאָטן פון יאָרטויזנט־אַלטער קולטור לעבנדיק מיטן בוך; דאָס בוך פון רעאַלן לעבן, פון אויסלעבן זיך, איז געווען פאַר אים פאַרמאַכט.

זיין פּאָעטיש שאַפן — אַחוץ די עסייען אין דיאַלאָג־פאָרם, איז נישט זייער גרויס אין קוואַנטום, אָבער עס געהערט צו די עכטסטע און טיפסטע אין דער איטאַליענישער ליטעראַטור.

לעאָפּאַרדי, וואָס איז פון דער נאַטור געווען אַזוי געבענטשט און אַזוי פאַרשאָלטן, איז געווען און פאַרבליבן דער טיפישסטער פּאָעט פון ליידן, „וועלטשמערץ", אַ מקונן פון קאָסמישן „איכה". טרויער איז געווען זיין לייטמאָטיוו און זיין ליידמאָטיוו:

> „אַלץ איז טונקל,
> אַחוץ אונדזער פּיין..."

דער פראַנצויזישער דיכטער לאַמאַרטין איז געווען אַ מעלאַנכאָלישער זינגער; אָבער ער האָט זיך דאָך, ווי אַנדערע ראָמאַנטיקער, געשפּייזט מיטן זכרונות־פּראַצענט פון דעם פאַרגאַנגענעם גליק־קאַפּיטאַל. ער האָט זיך און דעם לייענער פאַרוויגט מיט דער וווּנדערלעכער האַרמאָנישער מוזיק פון זיינע לידער. אַפילו באָדלער, דער אַרכיטעקט פון זיין גיהנום, האָט זיך אויסגעבויט אַ געהיימען רעטונגס־אויסגאַנג צו אַ ספּיריטועלן עפּעס.

בלויז לעאָפּאַרדי איז אין דער וועלט־פּאָעזיע די אייביקע סאָווע, דער נאַכטיקער מקונן...

„אַלץ איז שלעכט. דאָס הייסט, אַז אַלץ וואָס איז, איז שלעכט, איז בייז. די עקזיסטענץ איז אַ בייז... די אָרדענונג, די מלוכה, די געזעצן, זענען נישט געווענדט ערגעץ אַנדערש ווי צום בייזן. דער סוף פון אוני־ווערס איז דאָס בייז. נישט פאַראַן קיין אַנדער גוטס ווי נישט צו זיין, נישט פאַראַן קיין גוטס, ווי דאָס וואָס איז נישט פאַראַן, די זאַכן וואָס זענען גאָרנישט קיין זאַכן; יעדע זאַך איז שלעכט. אַלץ עקזיסטירנדיקע, דער אַנסאַמבל פון די אומענדלעכע וועלטן, דער אוניווערס, דאָס אַלץ איז נישט מער ווי אַ קערנדל זאַמד... דורך איר נאַטור, דורך איר אמתדיקן און אַלגעמיינעם וועזן איז די עקזיסטענץ אַן אומשלימותדיקייט, אַן אומנאָר־מאַלקייט, אַ מאָנסטרואַזיטעט"...

און וואָס איז וועגן דער מענטשהייט?

„די וועלט איז אַ ליגע פון אויסוואורפן קעגן די אָרנטלעכע מענטשן".

„דער מין האנושי איז געטיילט אין צוויי טיילן: די וואָס נוצן גוואַלט און די וואָס ליידן זי".

לעאָפּאַרדי איז אויך געווען אַ מקונן אין פּראָזע.

ער האָט זיינע טונקעלע השקפות אויסגעדריקט אין זיינע פּראָזע־ווערק, וואָס געהערן צו די שענסטע אין דער איטאַליענישער ליטעראַטור.

ווערט לעאָפּאַרדי, מיט רעכט, אָפּגעפּרעגט ווי אַ דענקער: ער איז צו פּאַסיאָנירט, ליריש־סוביעקטיוו, כדי צו זיין אַ מעטאַפיזישער דענקער אין די מאַחורי־הפרגוד־ראַיאָנען... אָבער דער ליידנשאַפטלעכער אָטעם, די מייסטערישקייט פון סטיל און דער סוגעסטיווער פּאַטאָס פאַרכאַפּן — צי מען איז יאָ אָדער נישט מסכים מיט זיין פילאָזאָפיע: „אַלץ איז שלעכט..."

*

לעאָפּאַרדי האָט געטראָגן אויף זיך אַן אומגעהויערע לאַסט: די קרומקייט אויף זיינע פּלייצעס און דעם „גאָרנישט" אויף זיין געמיט.

זעלטן האָט די נאַטור — אָט די געהיימנישפולע פאַבריק — אַריינגעגעבן אַזא טייערע סובסטאַנץ אין אַזאַ מיאוסער און צעברעכלעכער כלי...

דאָס נאָבעלע, פּאַטעטישע און גאוניש־סענסיטיווע וועזן פון לעאָ־פּאַרדי — אין זיין פאַרשעמטן, קאַריקאַטוריסטיש פאַרמירטן גוף... דאַרף מען נאָך אַ מער באַשיימפערלעכן באַווייז פון „בלינדן צופאַל״?

ווען מען האָט אים, אַלס קליין יינגל, צום ערשטן מאָל געבראַכט אין טעאַטער, האָט ער פאַר אויפרעגונג געחלשט; מוזיק האָט אים געבראַכט צו אויסערגעוויינלעכער גערירטקייט; אָט דער גייסטיקער נאָבלמאַן, דער גראַף של מעלה, האָט געמוזט וווינען אין זיין קערפּערלעכער נאַרע...

מען האָט געפּרוווט אָוועקמאַכן לעאָפּאַרדיס וועלטשמערץ מיט זיין פּערזענלעכן טרויעריקן גורל; אַז זיין זעאונג איז פּאַרטונקלט דורך זיין אייגענער טראַגעדיע. אָבער פּונקט אַזוי גוט קאָן דער פּעסימיסט, וואָס זעט, ווי עס הייסט, די וועלט דורך זיינע טונקעלעברילן, זאָגן צום אָפּטימיסט: „דו זעסט די וועלט גוט, די עקזיסטענץ — פריידיק, זיגפול און גליקלעך — אויך דורך דיינע חושים, דורך אַ גוט־אויסגעפּאַלענעם געווינס אויף דער לעבנס־לאָטעריע... אויב איך קוק דורך מיינע טונקעלע ברילן — קוקסטו דורך דיינע ראָזע...

עס איז אמת, אַז אין תוך זענען אַלע אונדזערע השקפות — מעדיטאַ־ציעס, טעאָריעס — די סוביעקטיווע און אָביעקטיווע — פּראָדוקטן פון אונדזער אייגענעם זע־פּונקט. פּונקט ווי אין דער פיזישער וועלט זענען די פאַרבן פון די אָביעקטן נישט קיין וועזנטלעכע אַטריבוטן פון זיי, נאָר געוויסע אַספּעקט־קאָמבינאַציעס פון ליכט, וואָס פאַלט אויף זיי, — אַזוי זענען אויך די גייסטיקע קאָלירן פון דער אַרומיקער וועלט — „גוט״, „שלעכט״, „מיאוס״, „שיין״ — די אַספּעקטן פון אונדזער ליכט...

צו טראַכטן, אַז די וועלט איז געמאַכט געוואָרן פאַר אונדזערטוועגן, איז אפשר אַזוי אַרכאַיש ווי צו מיינען, אַז די שטערן זענען אויפגעהאָנגען געוואָרן אויף דער הימל־סטעליע, צו לייכטן אונדז ביינאַכט...

מיר זענען דאָ געקומען אויף אַ קורצער צייט אויף אַ פּאַרוואָרפענעם

וואָקזאַל, מיט דער באַן „איקס״ און וואַרטן אויף אונדזער אָפּפאָר מיטן צוג „איקס״...

אָבער דער פּעסימיסט זעט פאַרט ווייטער און טיפער פון דעם אָפּטי־מיסט. דער לעצטער זעט גאָרנישט קיין שלעכטס; דער ערשטער זעט דעם „גאָרנישט״... לעאָפּאַרדי האָט ווי בודאַ, קוהלת, אָמאַר כאַיאַם, פּאַסקאַל, שאָפּענהויער און פיל אַנדערע, געזען דעם אומענדלעכן גאָרנישט. ער האָט אים נישט פאַרדעקט מיט קיין אילוזיע־וואַטע.

לעאָפּאַרדיס מענטאַליטעט איז געווען אַ װוּנדערלעכער געמיש פון פיינסטער סענסיטיווקייט, איידעלן פּאַטאָס און קריטישן חוש, וואָס איז טיילמאָל דערגאַנגען ביז ציניזם. אָבער דאָס איז אַ ציניזם אַ גוטער, אַ ציניזם וואָס לאַכט אויס דאָס בייזע, להיפך צום נידעריקן ציניקער, וואָס לאַכט אויס דאָס גוטע.

אינטערעסאַנט איז לעאָפּאַרדיס פּעסימיסטישער סאָציאַלער צוגאַנג.

מיר טרעפן דאָ אַן ענלעכע דערשיינונג ווי ביי רוסאָ.

רוסאָ איז אין זיין שפּעטערדיקן פּעריאָד פאַרשריגן געוואָרן ווי אַ מיזאַנטראָפּ. דער אמת איז, אַז ער איז געווען סיי דער גרעסטער מיזאַנ־טראָפּ, סיי דער גרעסטער אַלטרואיסט, מענטשנפריינט. פון אים שטאַמט טאַקע דאָס באַרימטע וואָרט: „דער מענטש איז גוט — די מענטשן זענען שלעכט״. ער האָט פיינט געהאַט די מענטשן און ליב געהאַט די מענטשהייט...

און ס׳קאָן זיין, אַז ער האָט זיך אַזוי דערווייטערט פון מענטשן — כדי נישט צו פאַרצווייפלען אין דער מענטשהייט...

לעאָפּאַרדי, וואָס האָט אַ העלפט פון זיין טראַגישן און קורצן לעבן פאַרבראַכט אין דער אָפּגעזונדערטער ביבליאָטעק אין דעם פאַרוואָרפענעם שטעטל אין דער אַנקאָנאַ־פּראָווינץ, — איז געווען אַ שאַרפער און געניטער מענטשנקענער.

„דער וואָס וויל זיך דערהייבן דורך זיין פאַרדינסט, זאָל לאָזן אין אַ זייט יעדע באַשיידנקייט — אויך אין דעם פאַל פירט זיך די וועלט ווי אַ פרוי, און מען דערגרייכט גאָרנישט פון איר דורך רעזערוו און דיסקרעציע״...

„דאָס וואָס ס'איז... נייטיק, איז זיך אַליין צו לויבן אָדער צו געפינען עמעצן וואָס זאָל אומאויפהערלעך לויבן... אין די אויגן פון פּובליקום, כדי אים צו צווינגען, סיי דורך ביישפּיל, סיי דורך אויסדויער... נאָכצוזאָגן אַ טייל פון די שבחים."...

ס'וואָלט אָבער געווען אַ טעות צו האַלטן דעם נאָבעלן אַריסטאָקראַט פאַר אַ דעמאָנישע געשטאַלט, אַ שונא פון דעם מין מענטש.

אין איינעם אַן עסיי זאָגט ער ערגעץ, אַז די מענטשן דאַרפן, אין אַנבליק פון דער פיינטלעכער נאַטור, זיך פאַראייניקן, כדי מיט געמיינזאַמע כוחות צו באַקעמפן דעם געמיינזאַמען שונא. ער פאַרגלייכט דעם אומאויפהערלעכן זאָאָלאָגישן קאַמף, וואָס די מענטשן פירן צווישן זיך — מיט דעם קאַמף וואָס באַלאַגערטע פירן צווישן זיך אין דער אַרומרינגלונג — אַנשטאָט זיך צו פאַראייניקן אַנטקעגן דעם אַלגעמיינעם שונא.

*

עס איז דער גרויסער כוח פון פּאָעזיע, פון וויזיאָנערישן געמיט — צו באַפאַרבן, צו באַלעבן אַפילו אַזאַ טונקעלן אומגעהייער ווי דעם וועלט־גאָרנישט. אין איינעם פון זיינע ווונדערלעכע ליריש־פילאָזאָפישע לידער זינגט לעאָפּאַרדי אויס זיינע עמאָציעס, מעדיטאַציעס און זעאונגען, זיצנדיק צופוסנס פון דעם וועזוף־ווולקאַן נעבן נעאַפּאָל. דאַכט זיך: וואָס קאָן עפּעס אַרויסקומען פון דער קאָנפראָנטאַציע: לעאָפּאַרדי — וועזוף? — דער גייענדיקער שאָטן און דער נאַטור־פאַרניכטער אין רו־צושטאַנד פון יאָר־הונדערטער־ וואַקאַציע? איין ווולקאַן קוקט אויפן צווייטן... אָבער דער באַאָבאַכטער איז נישט קיין אויסגעלאָשענער; אין זיין פיבערנדיק געמיט, אין זיין פייערדיקער פאַנטאַזיע קרייזן בילדער, שטימונגען, געדאַנקען: דער „תהו ובהו" טראַנספאָרמירט זיך אין אַ לייכטנדיק וועזן פון פאַרב און קלאַנג.

דער גרויסער דיכטער לעאָפּאַרדי געהערט צו די וואָרט־אַלכעמיקער וואָס האָבן פאַרוואַנדלט דאָס פינצטערע בליי אין ליכטיקן פאַטישן גאָלד...

שאַרל דע קאָסטער

(1827—1879)

שאַרל דע קאָסטער געהערט צו די דיכטערס, וואָס האָבן זייער גרויסע שעפּערישע קראַפט פאַרקערפּערט אין איין מייסטערווערק. ווי דאַנטע מיט דער „געטלעכער קאָמעדיע", סערוואַנטעס מיט „דאָן קיכאָט" — איז זיין נאָמען פאַרבונדן מיט זיין גרויסן מייסטערווערק „טיל אולענשפּיגעל".

קאַמיל לעמאַניע האָט די גראַנדיעזע שאַפונג טרעפלעך באַצייכנט אַלס די „פלעמישע ביבל", דאָס פאַטערלענדישע בוך, „...אונדזער גאַנצע געשיכטע".

מיט נישט ווייניקער רעכט האָט ראָמען ראָלאַן עס אָנגערופן: „אַ פאָלקס־עפּאָפּייע וואָס איז איינציקאַרטיק אין אונדזער צייט".

דער מחבר האָט זיין הויפּטהעלד „טיל אולענשפּיגעל" אויסגעבאָרגט ביי דעם פאָלק. אָבער ער האָט דעם „חוב אָפּגעגעבן מיט פּראָצענט"...

טיל אולענשפּיגעל, די לעגענדאַרישע פאָלקסטימלעכע געשטאַלט פון מיטלאַלטערלעכן צפון־מערב־אייראָפּע, איז אין די הענט פון אַ גרויסן קינסטלער אויסגעוואַקסן צו אַ פיגור פון אונדזער צייט און שטח.

אין די נידערלענדער פון 16טן י"ה (דאָס היינטיקע האָלאַנד און בעלגיע) וואָס האָבן געשמאַכט אונטערן יאָך פון די שפּאַנישע טיראַנען — האָט דע קאָסטער אַריבערגעפלאַנצט די לעגענדאַרישע אולענשפּיגעל־געשטאַלט.

גלייכצייטיק אַ לעגענדע און אַ העלד פון דער ווירקלעכקייט.

חלום און ווירקלעכקייט ווערן מערקווירדיק פאַראייניקט אין דעם וווּנדערלעכן ווערק.

דער טיטל פון בוך „די לעגענדע און די העראָישע, פריילעכע און רומרייכע אַוואַנטורעס פון טיל אולענשפּיגעל און לאַם געדזאַק אין לאַנד פון פלאַנדערן און ערגעץ אַנדערש".

אַ פאָלקסטימלעך־הומאָריסטישער, ראַבלע־מעסיקער נאָמען.

און אַזוי איז דאָס ווערק: לעגענדע, העראָיק, פרייִלעכקייט, רום און אַוואַנטורע.

אויף אַ שלל פון העכער 500 זייטן וויקלט זיך פאַנאַנדער און אַנטוויקלט זיך אַ גוואַלדיקע פּאַנאָראַמע פון יחידים, לענדער און לאַנדשאַפטן. אַ שימערירנדיקע מאָזאַיִק פון פאַרבן און טענער. אַ ווערק וואָס פאַרבליפט מיטן פּאַראַדאָקס פון פאַרשידנקייט און איינהייטלעכקייט, וואָס ווערט צוזאַ־מענגעגאָסן קינסטלעריש אין דעם צעגליטן טעמפּעראַמענט פון אַ מייסטער.

אולענשפּיגעל באַשטייט פון אַזויפיל פאַרשידענע עלעמענטן, קאָמפּאָ־זיציאָנעל לויזע און צעוואָרפענע בילדער, — וואָס נאָר אַ קינסטלער פון דע־קאָסטערס פאַרנעם האָט געקאָנט אויסשמידן אין איין האַרמאָנישע גאַנצקייט.

אולענשפּיגעל — דער לעגענדאַרישער — איז דער פלעמישער הערשעלע אָסטראָפּאָליער און אַ פאָלקסהעלד אַלאַ רובין הוד; ער וואַקסט אויס פון פאָלקלאָריסטיש־פּרימיטיווע וויקעלעך צו אַן אוניווערסאַלער געשטאַלט, ער דערהויבט זיך צו אַ סימבאָל.

אין דאָזיקן ווערק איז פאַרטרעטן: פּאַמפלעט, פאָלקסטימלעכער פאַרס, היסטאָרישער ראָמאַן, קרעפטיקער רעאַליזם — ביז וויזיאָנערישן סימ־באָליזם. עס איז אַ ווערק, וואָס שימערירט, אָטעמט מיט אַלע פאַרשיכורנ־דיקע ריחות און פאַרבן פון דער אַלמעכטיקער נאַטור, עס איז אַ מעכטיקער בוים, טיף פאַרוואָרצלט אין לאַנדשאַפט, טראַדיציע, חושימדיקייט — ווּעמענס שפּיץ דערהייבט זיך אין די הימלען.

רובענסישע אַפּאָטעאָז פון קערפּערלעכער זינלעכקייט, פון תאוהדיקער פולקייט... און וואַן־גאָגישע אינערלעכע לאַנדשאַפט — די נשמהדיקייט.

דער מחבר הייבט אָן מיט אולענשפּיגעלס געבורט:

„אין דאַם, אין פלאַנדערן, ווען מאַי האָט געעפנט די בלומען... איז געבוירן געוואָרן אולענשפּיגעל, דער זון פון קלאָיעס".

„...קלאָיעס האָט אויפגעמאַכט דאָס פענצטער און געזאָגט צו אולענ־שפּיגעל: „אָט איז די זון... זי איז קלאָר און וואַרעם; זיי אויפריכטיק אַזוי ווי זי איז קלאָר, און גוט ווי זי איז וואַרעם".

און די זוניקייט שטראַלט דורכן גאַנצן בוך.

אולענשפּיגעל איז אַ מין וואַנדערנדיקער וואַגאַבונד־ריטער, וואָס קעמפט ווי דאָן קיכאָט פאַר גערעכטיקייט, אָבער ער קעמפט מיטווירקלעכע שונאים. אויך באַזיצט ער געווער, וואָס ער באַנוצט אַלטערנאַטיוו — די שפּיז פון קאַמף און דעם שטילעט פון שפּאָט, זיין שאַרפע צונג.

און אַזוי כאַראַקטעריזירט זיך דער העלד:

„אַ פלעמער בין איך פון דעם שיינעם לאַנד פלאַנדערן, פויער און אַדעליקער צו גלייכער צייט, און אַזוי צי איך איבער דער וועלט, לויבנדיק גוטע, שיינע זאַכן און שפּאָטנדיק פון טיפשות מיטן פולן מויל".

דאָס ביבלישע אין דעם ווערק קומט צום אויסדרוק, קודם כל, אין דעם באַפליגלטן פּאַטאָס, אין דעם דיטיראַמבישן טאָן, אין דעם לייטמאָטיוו, וואָס איז איין גרויסע אָדע צו פרייהייט, פּאַסטאָראַלער אידיליע און באָהע־מישער לעבנס־פרייד.

דער אַלגעמיינער אונטערטאָן, דער אינערלעכער לייטמאָטיוו קומט צום אויסדרוק דורך ווונדערלעך־ריטמישער פּראָזע, אין וועלכער דער דיכטער באַנוצט אויף אַ ווירטואָזן אופן פאַרשידענע מיטלען פון קינסטלערישער שטייגערונג: סוגעסטיווע רעפריינס. כסדר זיך איבערחזרנדיקע שלוס־אַקאָרדן, וואָס לאָזן איבער טיפע רעזאָנאַנסן. אין גאַנצן ווערק דאָמינירט אַ רעליפע בילדערישקייט, אַ פיינע מאָזאַיק פון יחידישע עפּיזאָדן און מאַסן־סצענעס, פון ליריש־עפּישן טאָן, וואָס דערהייבט זיך ערטערווייז צו אַ נבֿי־אישער הויך (אַזעלכע זענען צווישן אַנדערע, די קאַמף־סצענעס, שילדע־רונגען פון דער העלדישער מאַרטירער־שטאָט האַרלעם; די בילדער פון דעם אויפשטענדלער־פּלאַט א"אַ).

ביבליש איז דער הייליקער צאָרן קעגן די „בני חושך" פון 16טן יאָרהונדערט: קאַרל דער 5טער און פיליפּ דער 2טער, מיט זייערע אַכזריותדיקע האָרדעס — אינקוויזיטאָרן, גלחים, הענקערס און שפּיאָנען. „אַן אויג פאַר אַן אויג, אַ צאָן פאַר אַ צאָן" — איז די לאָזונג פון די נידער־לענדישע פרייהייטס־קעמפער. אַ גוואַלדיקע צאָרן־אַקומולאַציע לאָדט זיך אויס קעגן די שפּאַנישע דעספּאָטן און אינקוויזיטאָרן, וועלכע האָבן פאַרפלאַנצט וועלדער מיט תליות און „באַלויכטן" דעם וועג פאַר די „זינדיקע" נשמות מיט זייער הייליקן פייער... (אין אַ סאַדיסטישער סצענע,

ווי דער קרוינפּרינץ פּיליפּ פּאַרפּייניקט צום טויט אַ קליינעם אַף, זאָגט דער הויף־גלח צום קעניג קאַרל: „זיין הויכקייט וועט אַמאָל זיין אַ גרויסער ברענער פון אַפּיקורסים״...).

דע־קאָסטער האָט אין דעם ווערק באַנוצט רייכע מיטלען פון אינספּי־ראַציע, עלאָקווענץ און איראָניע. ער האָט אויפגעשטעלט אַן אייביקן „עשאַפאָט״ פאַר דעם טייוולאָנישן „פּרומאַק״ פּיליפּ דעם 2טן, מיט זיין אינקוויזיטאָרן־געזינדל.

ער האָט זיי געשטעלט צום אייביקן שאַנדסלופּ, אָט די טייוולאָנים, וואָס האָבן זיך גרימירט ווי הייליקע...

...„דאָס איז געווען דער שייטערהויפן, אויף וועלכן ס׳האָט זיך געפונען קלעאָס צוגעבונדן צו אַ קלאָץ, וואָס דער תליון האָט אָנגעצונדן אויף דריי ערטער אין נאָמען פון גאָט דעם פאָטער, פון גאָט דעם זון און גאָט — דעם הייליקן גייסט״...

אין דעם זין איז שאַרל דע־קאָסטערס מייסטערווערק די שטאַרקסטע קינסטלערישע אָנקלאַגע קעגן אַ פאַרברעכערישן רעזשים, אין נאָמען פון איין גלויבן — די פאַרגייערס פון די שפּעטערדיקע גרויזאַמע קאַניבאַלן אין נאָמען פון איין ראַסע, מאַסנמערדערס אין נאָמען פון איין „פירער״.

אויב דע־קאָסטער האָט מייסטערהאַפט געמאָלן די „בני־חושך״ אויפן רויטן פאָן פון בלוט און פייער, — האָט ער מיט נישט קיין קלענערער קראַפט געשילדערט די „בני אור״, די ליכטיקע טיפּן־רעפּרעזענטאַנטן פון גוטס־קייט, נאָבלקייט, חכמה, ליבשאַפט און העלדישקייט. אולענשפּיגעל ווערט דערהויבן פון זיינע „שפּיצלעך״ צו דער הייך פון העלדישקייט, גייסטיקייט און הומאַניטעט.

נעלע, אולענשפּיגעלס געליבטע, דאָס צאַרטע פרויען־געשטאַלט, איז דאָס „האַרץ פון פלאַנדערן״. אַזוי פיל צאַרטקייט, פּדויאישע איידלקייט שטראַלט ארויס פון דעם ליבן וועזן!

און אַזוי — לאַם, דער תמימותדיקער בעל גוף, וואָס האַלט, אַז „די נשמה איז אין מאָגן״. קלעאָס, און סאָעטקין, וואָס פאַרמאָגט אַחוץ זיין לאַם־גוטסקייט אויך לייבן־מוט, ווען נייטיק.

דאָס גאַנצע ווונדערלעכע ווערק איז אין אַ כסדרדיקן פּראָצעס פון

טראַנספאָרמאַציע: פון רעאַלן, סענסואַליסטיש־תאוהדיקן, צום ספּיריטועלן, סורעאַליסטישן; פון דער זאַפטיקער נידערלענדישער ערד צום הימל פון וויזיעס, פּראָבלעמאַטיק און סימבאָלן.

דאָס ווערק איז אַ שפּרודלדיקער קוואַל פון גייסטרייכער פּראַזנגעשטאַל־טיקונג, אַ וואַסערפאַל פון אומאויפהערלעכן הומאָר — דאָס לעבנסוואַסער פון אמתן קינסטלער.

דאָס ווערק איז אַ גראַנדיעזער פּייזאַזש פון מענטש, עפּאָכע און באָדן; אָבער דער פּייזאַזש טובלט זיך אין די טיפע וואַסערן פון טראַנסצענדענץ, פון זעאונג.

אַז מען וויל זעט מען איין זייט פון אולענשפּיגעל — דעם לאָקאַלן קאָלאָ־ריט, די בשמימדיקע נאַטור, דעם פרילינג פון דאם און די זון אין דעם קאַנאַל פון בריזש; אָבער כסדר גייט אָן די טראַנספאָרמאַציע, סובלימירונג. ווערט אַ מעכטיקער שיר־השירים צו דער מענטשהייט, צו דער מענטש־לעכקייט... אָן אָדע צו פרייהייט, איידלקייט און שיינקייט. וואָס עפנט מאַגיש די הימלישע פּאַנאָראַמעס: דעם אייביקן גלי, די בענקשאַפט נאָך לויטער־קייט און דערלייזונג — די זון אינעם פרילינג און אינעם מענטשן...

אולענשפּיגעל מיט נעלען געפינען בעת איינעם אַזאַ רויש־טראַנס די גרויסע מעטאַמאָרפאָזע פון די „זיבן זינד”: פון תאווה — ליבע; פון שטאָלץ — דערהויבנקייט; פון זולל וסובאדיקייט — אַפּעטיט; פון קאַרג־שאַפט — עקאָנאָמיע; פון קנאה — די שטרעבונג צו פאַרגלייכן זיך מיט די דערגרייכונגען פון אַנדערע; פון פוילקייט — טרוימעריי פון פּאָעטן און חכמים; פון כעס — לעבהאַפטיקייט.

דע־קאָסטער ענדיקט דאָס בוך מיט אַ שילדערונג פון אולענשפּיגלען אַלס אויפֿזעער פון אַ וואַכטורעם אין פלאַנדערן. אויפקומענדיק בעת דעם לעצטן באַרוישונגס־טראַנס, זעט נעלע, אַז אולענשפּיגעל האָט נישט אויפ־געוואַכט. אַ מעת לעת פאַרביי און ער איז נאָך אַלץ אין הינערפלעט. גראָד קומט אָן אַ רעליגיעזע פּראָצעסיע: אַ קאַטוילישער גלח מיט זיין סוויטע. געוואָר ווערנדיק, אַז דאָס איז דער כופר און מורד במלכות אולענשפּיגעל, הייסט ער אים שנעל אַריינלייגן אין דער ערד. אָבער צום גלחס שרעק,

דערוואַכט אולענשפּיגעל און ער כאַפּט אָן דעם שוואַרצן ביים האַלדז:
„אינקוויזיטאָר!"...

און צו דער כאַפּטע יוצר משרתים:

„וואָס, מען באַגראָבט אולענשפּיגלען, דעם גייסט, דאָס האַרץ פון דער מאַמע פלאַנדערן? שלאָפן, אָבער נישט שטאַרבן, ניין! קום, נעלע".

„און ער האָט געזונגען מיט איר דאָס זעקסטע ליד, אָבער קיינער ווייסט נישט ווו ער האָט געזונגען דאָס לעצטע".

אויגוסט סטרינדבערג

(1849 — 1912)

אויגוסט סטרינדבערג איז דער מאָדערניסט אין דער סקאַנדינאַווישער ליטעראַטור. ער איז דער קינסטלער פון דער טראַגישער נשמה־צעריסנקייט, פון גייסטיקע בלאָנדזשעענישן און פאַרלוירנקייט...

זיין שעפעריש ווערק איז פון גרויסן פאַרנעם — רב הכמות און רב האיכות.

ער איז אין דער אייראָפּעישער ליטעראַטור דער פּסיכאָלאָגישער אויטאָביאָגראַף. פון זיינע 65 ווערק זענען 10 — ריין־פּערזענלעכע ווידויים, פאַרשרייזעס צו דער אייגענער אינערלעכקייט.

אָבער אויב ער האָט זיך געשילדערט אַזוי אומברחמנותדיק שאַרף, האָט ער אוודאי דאָס געטאָן כלפּי דעם אַרום, דער געזעלשאַפט, דער צייט. און זיינע סאַטירע־אַרטיקע געזעלשאַפט־ראָמאַנען געהערן צו די גרויסע ווערק אין דעם זשאַנער.

סטרינדבערגס גייסטיקע און קינסטלערישע אַנטוויקלונג ציט זיך אין אַ זיגזאַג־ליניע פון בודיזם, שאָפּענהויער, רוסאָ, טאָלסטאָי, פּאָ און סווועדענבאָרג, אויפלייזנדיק זיך צום סוף אין קאַטאָליציזם.

ער האָט געטרונקען פון אַ סך קוואַלן, מקבל געווען תורות, אידעאָלאָגישע לוחות, און זיי צעבראָכן לויט דער ריי...

אָבער די עכאָס פון די דונערן און דער אָפּשיין פון די בליצן סוגעס־טירן אין זיינע ווערק.

רוסאָס נשמהדיקע „איקס״־שטראַלן און ניטשעס קאַסקאַדישער שוווּנג דאָמינירן אין אַ גרויסער מאָס אין זיין שאַפונג.

אין סטרינדבערגס פילזייטיקער שאַפונג פאַרנעמט דאָס וויכטיקסטע אָרט די ליבע, די „ער און זי״־קאָנפראָנטאַציע, דער פאַרפלאָנטערטער עראָס־קאָמפּלעקס, געשלעכטס־לעבן. דאָ איז דער דיכטער פון ניואַנסן, פון קאָנפליקטן, אין זיין נאַטירלעכן עלעמענט.

אין סטרינדבערגס שילדערונגען פון דער ליבע זענען גוואַלדיקע רעוואָלאַציעס פון דעם אייביקן מיסטעריעזן דועל פון מאַן און פרוי; אַ דועל, אין וועלכן דער זיגער איז אָפט דער באַזיגטער... אַ פאַרכאַפּנ־דיקע פּאַנאָראַמע פון הויכקייטן און תהומות, אַ סימפאָניע פון שטורמישע דיסאָנאַנסן.

סטרינדבערג, מיט זיין אויסערגעוויינלעכער סענסיוויטעט און פסיכאָלאָגישע מאָדולאַציעס, איז דער אַנטפּלעקער פון אייגנאַרטיקע ליבע; אַלע ניואַנסן פון אַלמעכטיקן סעקסועלן טריב, עראָטישן קאָמפּלעקס: ראָמאַנטישע פאַרגעטערונג, צערטלעכקייט, ליידנשאַפט, תאווה־זעטיקונג, אייפערזוכט, האַס. און סטרינדבערגס ליבע איז אַ פיל פּאַזעדיקער עלעקטרישער „וועקסלשטראָם״, וואָס צירקולירט פון ליבע־„פּאָזיטיוו״ צום האַס־„נעגאַטיוו״, און פאַרקערט...

ער איז דער אייגנאַרטיקער געשטאַלטיקער פון דער פענאָמענאַלער דערשיינונג: ליבע־האַס... סטרינדבערג האָט זיין טראַגיש־רייכע דער־פאַרונג מולטיפּליצירט אויף זיין נאָך רייכערער פאַנטאַזיע און קינסט־לערישן כוח, און דאָס געגעבן אַן אויסדרוק אין מערערע גרויסע ווערק, קודם כל אין זיין „ווידוי פון אַ נאַר״.

אין דעם ווערק האָט סטרינדבערג עפנטלעך געוואַשן זיינע ברודיקע פאַמיליע־וועש... אַ העראָישע טאַט, וואָס דערמאָנט אין רוסאָס „קאָנ־פעסיעס״.

אין דעם ווערק זענען פאַראַן ווונדערלעכע געזאַנגען צום מאַיעסטעט פון ליבע, סצענעס פון ראָמאַנטיש־פּאָעטישער דערהייבונג און עקסטאַז.

אָבער דאָס מיסטישע פייער פלאַקערט שנעל אויף און פאַרלעשט זיך, איבערלאָזנדיק אַש און טשאַד...

„...איך האָב געקניט פאַר איר און מתפלל געווען צו איר: ווי פּרעכ־טיק שיין ביסטו!״

„איר שיינקייט האָט מיך אָנגעפילט מיט ערפורכט. איך האָב געקוקט צו איר ממש מיט פאַרערונג, ווי מען קוקט צו דער סטאַטוע פון אַ היי־ליקן... זי איז געווען פול מיט ווילדער פרייד, ווען זי האָט געזען, אַז מיין ליבע צו איר איז גלייכצייטיק צאַרט, רעספּעקטירנדיק און פול מיט ליידנשאַפט. ...ווי וווּנדערלעך איז די פאַריונגערטע קראַפט פון ליבע!... איז דען מעגלעך צו זאָגן ווו עס ענדיקט זיך דאָס גייסטיקע און ס׳הייבט זיך אָן דאָס חיהשע?״...

ווען די ביטערע אַנטוישונג קומט, ווערט דאָס געפיל פון האַס ניי־טראַליזירט דורך ליידנשאַפט, ליבע, אידיליע.

„אָבער דער גורל איז געווען קעגן מיר... זי האָט געטראָגן שוואַרצע זיידענע זאָקן, וואָס האָבן מיר געבערענגט צעטומלטקייט. איר פוס איז געווען אַ ביסל דיקער ווי פריער; די שוואַרצע פיס אין אַ וואָלקן פון אונטערקליידלעך זענען געווען די פיס פון אַ זי־טייוול״.

אַפילו ווען דער דיכטער איז שוין פאַרסמט פון פאַראַט, חשד און אייפערזוכט; ווען דער אומברחמנותדיקער נאַטוראַליסט ווייזט אונדז דעם אָפּפאַל־פלאַץ, אין וועלכן ס׳איז פאַרוואַנדלט געוואָרן זיין ראָמאַנטישער רויזן־גאָרטן, — אַפילו דאַן קומט אין גאַנג דער מאַגישער „וועקסל־שטראָם״ און דער קינסטלער מאָלט אַן אומפאַרגלייכלעכע אידיליע פון דער נאַטור, פון דער מוטער מיט אירע קינדערלעך, וואָס פאַרכאַפּט אונדז מיט איר ראַפאַעליש־פּאַסטאָראַלער שיינקייט.

אָבער דאָס פרעכטיקע בילד ווערט באַלד אויפגעלייזט, ווען דער דיכטער פירט דאָס איבער מיט אַ שיכט גיפטיקער פאַרב: „אַ קול אין מיר האָט מיך געוואָרנט: ,היט דיך פאַר דער פאַנטערע, ווען זי שפּילט מיט אירע קליינע!״...

י. גאָלדקאָרן

*

סטרינדבערגס פּסיכאָלאָגישע אויטאָ־אינקוויזיציע דערגייט ווייט אין איר אויסגעפינערישקייט: ער פייניקט זיך מיטן חשד פון זיין פּאָטער־אויטענטישקייט...

און די חשד־טאָרטור ווערט ביי אים אַנטוויקלט צו אַ דראַמאַטישן קלימאַקס אין זיין טראַגעדיע „דער פּאָטער" — זיין שטאַרקסטע דראַמע. געאָרג בראַנדעס האָט זי באַצייכנט ווי די גרעסטע פון 19טן יאָרהונדערט. און אויב נישט די גרעסטע, איז זי בכל־אופן איינע פון די גרעסטע.

מיר זעען אין דער דראַמע, ווי דער „פּאָטער" קומט אום פאַרסמט פון צווייפל אין זיין פּאָטערשאַפט.

סטרינדבערג באַווייזט אונדז אויף דער בינע אַ העלד, וואָס ווערט אומגעבראַכט פון דעם גיפט, וועלכן מע טריפט אין אים אַריין — אַ טיפּיש־שעקספּירישע אינטריגע. אָבער סטרינדבערגס פאַרברעכערס באַנוצן אַ מאָדערנעם גיפט — דעם פּסיכאָלאָגישן. אויף דער באַמערקונג פון דאָקטאָר, אַז „ס'זענען פאַראַן פאַרשיידענע מינים פּרויען"... — ענטפערט „דער פּאָטער": „מאָדערנע אויספאָרשונגען האָבן באַוויזן, אַז ס'איז פאַראַן נאָר איין מין..."

און אַזוי ווייזט אונדז סטרינדבערג אין זיינע ווערק דעם מאַיעסטעט פון דער ליבע — אַ מעכטיק געהיימען קאָסמישן כוח, אַ פייערפלאַם; אָבער — אַ גיהנומדיק פייער. און זיינע טרויעריקע „חתונה־געשיכטעס" זענען וואַריאַציעס פון ליבע־גיהנום... אַ קינסטלערישע — דערפאַר מער איבערצייגנדיקע — אילוסטראַציע פון דעם „ליגן פון דער חתונה"...

אין זיין דראַמע „דער טויטנטאַנץ", רעדט זיך וועגן אַ העלד, וואָס האָט זיך אויפגעבויט אַ גן־עדן, פאַרשטייט זיך, אָן חוהן, ווייל אַזוי שנעל ווי זי וואָלט געקומען, וואָלט געוואָרן אויס גן־עדן...

*

סטרינדבערגס קינסטלערישע פּאַנאָראַמע איז איין גרויסער אוניווערסאַלער שיפבראָך...

אויף דעם שטורעמדיקן אָקעאַן שווימען אַרום שטיקער ברוך — גלויבנס, האָפענונגען, און אויף די אוטיליטאַרע שטיקער קלאַמערן זיך זיינע מענטשן.

אין זיין דראַמע „חברים" רופט אויס אַ העלד: „צי איז טאַקע אַזוי זיס אין קוילן־פאַררויכערטן פישער־האַפן? ...ליגן! חתן־כלה, לעבנס־פרייד, זונטיק, מאָדערן, ליבעראַל, אידעאַליסטיש, רעאַליסטיש, נאַטוראַ־ליסטיש... אַלץ איז ליגן!"

„דאָס רויטע צימער" איז אַ ווערק, אין וועלכן דער „שיפבראָך" ווערט געגעבן אין נאַטוראַליסטיש־שאַרפע שילדערונגען.

דאָס איז איינער פון די גרויסע סאַטירישע געזעלשאַפטס־ראָמאַנען אין דער מאָדערנער ליטעראַטור.

סטרינדבערג האָט אונדז דאָ, אין זיין קינסטלערישן קרומען שפּיגל, געגעבן די גראָטעסקע געשטאַלטן פון אַלע געזעלשאַפטלעכע שיכטן: דאָס פיליסטערישע קליינבירגערטום, פלוטאָקראַטיע, פאַרקויפטע פּרעסע, קלער און אַזוי ווייטער. און סטרינדבערג איז אַ מייסטער פון בייסיק־שאַרפזיניקער סאַטירע. ער לאָזט פאַרביי דעפילירן זיינע קרעאַטורן, די מחנה מאָראַלישע הויקערס, אינטעלעקטועלע בלינדע...

„דאָס רויטע צימער", און ענלעכע סביבה־שילדערונגען, זענען עפּישע בילדער, ווו די קאַריקאַטור פאַרנעמט דאָס וויכטיקסטע אָרט — און סטרינדבערג איז אַן אומפאַרגלייכלעכער קאַריקאַטוריסט.

און אפשר איז קאַריקאַטור — די אָביעקטיווע רעאַליסטישע שיל־דערונג פון גראָטעסקע פיגורן; אַ שפּיגל פון „פאַרקערטע שריפט", וואָס באַווייזט ריכטיק... דעם קינסטלערס שאַרף־סענסיטיווער „אָביעקטיוו" גיט זי אונדז איבער אין איר קאָנדענסירט־וועזנטלעכער געשטאַלט אָדער געשטאַלטלאָזיקייט. זיין פּערזענלעכע דערפאַרונג אין פאַרשיידענע סאָ־ציאַלע שטעלונגען האָט אים געגעבן גענוג מעגלעכקייט פאַר אָבסער־וואַציע, און ער האָט אונדז געוויזן די פאַרשיידענע סאָציאַלע סעקטאָרן: פּרעסע, פּאָליטיק, טעאַטער, באַאַמטנטום, קליינבירגערטום אאַז"וו. דאָס כאַראַקטעריסטישע און שאַרף־געצייכנטע אין זיינע מיליע־שילדערונגען איז דער סאָציאַלער טיפּ, נישט דער יחיד; ווייל אויף אינדיווידועלער

כּאַראַקטער־צייכענונג האָט סטרינדבערג — ווי אַ ליריש־סוביעקטיווער קינסטלער — געהאַט געגנוג זיין אייגענע פיזיאָנאָמיע אין מערערע מאָדו־לאַציעס.

*

סטרינדבערג דער אייביק אַנטוישטער, אייביק זוכנדיקער גייסט, האָט זיך אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן פאַרהילט אין נעפּל פון אָקולטיזם און ספּיריטואַליסטיש־כעמישע עקספּערימענטן — אַ מין „קבלה מעשית״. גאָר צום סוף איז ער אַריבער צום קאַטוילי ציזם.

און ביי דעם לעצטן אידעען־עטאַפּ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, ווייל דאָס איז געווען בכלל זיין לעצטער לעבנס־עטאַפּ.

ער איז געווען דער קינסטלער פון צעריסנקייט, פון מאַנגל אין עמאָציאָנעלן און אינטעלעקטועלן באַלאַנס. ער האָט געשאַפן אַ סך ווערק, אין וועלכע ער האָט קינסטלעריש געגעבן די האַרמאָניע פון דיסאָנאַנסן, דעם געראַנגל אין טראַגישן ביאָלאָגישן „גאַרדישן קנופּ״ פון „מאַן און פרוי״.

ער איז געווען דער קינסטלער, וואָס האָט דעם ראָמאַן פון זיין לעבן אינסצעניזירט אין דער טראַגישער דראַמע פון ליבע־האַס.

קנוט האַמסון

(1859 — 1952)

זיינע ווערק זענען די שפּראַך פון דער שטילקייט, שטומקייט, קאָנטעמפּלאַציע.

זיין מענטש באַוועגט זיך כסדר אַרום דער אייגענער „איך״ און גלייכצייטיק אַרום אַ פאַרבאָרגענער זון.

אַלץ געשעעט ביי אים אינערלעך; אויף דער רעאַלער אויבערפלאַך הערט זיך נאָר דאָס געדעמפּטע רוישן פון אַ תהום־טיפן שטראָם.

זיין סטיל איז אַן עקסקורסיע צום טראַנסצענדענטאַלן: דאָס רעאַלע ווערט דערהויבן, און דאָס טראַנסצענדענטאַלע — רעאַליטעט.

ער האָט באַוויזן די קונסט פון טראַנספאָרמירן דאָס חלומדיקע אין ווירקלעכקייט. זיין שפּראַך האָט מאַגישע אות־שטראַלונג.

„פאַן" איז אַ געוואַלדיק בוך פון אידענטיפיקאַציע מיטן אין־סוף. (הער, דאָס איז דער אייביקער גאָט!).

„וויקטאָריע" איז דער מאָדערנער שיר־השירים. דאָ רעדט די ליבע מיט איר אָריגינעל קאַפּריזנער שפּראַך. דאָס ווערק איז אַ הימן צו דער אַלמעכטיקייט פון אָט דעם פונדאַמענטאַלן גראַוויטאַציע־כוח אין אוניווערס...

אלצדינג אין זיין ווערק שפּיגלט אָפּ דעם בונט קעגן וואָכעדיקער באַנאַליטעט; עס איז אַ רעוואָלט קעגן גראַשנדיק פּאָפּולערן שכל הישר, אַן אייגענע באַלייכטונג פון די וועלט־פענאָמענס. עס איז דער אויסוואַל פון אמתדיקן קינסטלער אין דער וועלט־אַלטערנאַטיוו פון שיינקייט און נוצלעכקייט — צו דער שיינקייט. די פּאָעזיע — אָט דער פאַרביקער זינגפויגל פאַרלירט דאָס קול אין דער שטייג פון אוטיליטאַרן... יאָ, דאָס שיינע קאָן און זאָל אויך זיין נוצלעך; אָבער נאָר וואַנדאַלן וואָרעמען זיך ביי דער שיין פון ברענענדיקע קונסט־ווערק. — (מיר האָבן אָבער אויך דעם ערגערן מין וואַנדאַליזם — פון „באַשיינען" זיך דורך פאַרברעכן און מענטשלעכעליידן.)

ווי די זון, וואָס באַשטראַלט און לאָזט אויסדאַמפּן יעדעס שמוציקע ריטשקעלע, אַזוי ווערן אין זיינע ווערק באַשטראַלט די טאָג־טעגלעכע טריוויאַליטעטן מיט אינערלעכן ליכט.

ביי אים „קומט־פאַר" אויף דער קאַנווע פון גאָרנישט. און דער פילם פון אָט דעם גאָרנישט איז פאַרכאַפּנדיק מיט דער פּראַכט פון זיינע ניואַנסן.

אין דעם זין איז האַמסון דער „פּלאַטאָנישער" קינסטלער. ער האָט אונדז געגעבן — נישט די זאַכן, נאָר די אידייע פון זאַכן, זייער רעפלעקס אין ווונדערלעכן שפּיגל פון אינטראָספּעקציע.

האַמסונס העלדן זענען פאַרקערפּערטע סטיכיעס, פּסיכאָלאָגישע וואַריאַציעס פון דעם טיפּן מין מענטש, דעם אָנגעלאָדענעם מיט אינהאַלט

און אָריגינאַליטעט. זייער גאַנצער באַוועגונגס־שטח, זייערע מעשים, רייד, טראַכטענישן און עמאָציעס זענען אַ „מאַגנעטיש פעלד", אַ פאַרכישופטער אָונטיקער וואַלד, וואָס ווינקט מיט ציטער־ליכטלעך. פאַראַן אין זיי עפּעס פון דאָסטאָיעווסקיס „אידיאָטן" וואָס גלימערן־אויף מיט ספּאָנטאַנע פונקען. יעדער פון זיי איז אַ סיגנאַל־אויפכאַפּער פון געהיימע סטאַציעס, אַן אויפנעם־אַפּאַראַט פון קאָסמישע „קולות"־ — אָנונגען, זעאונגען און עמפּינ־דונגען. אין זיי האָט דער דיכטער געגעבן די פאַרהערלעכונג פון דעם נאַטירלעכן מענטש אין זיין צוזאַמקייט מיט דער נאַטור. — יצחק, דער העלד פון „די ברכה פון דער ערד" איז ביבליש נישט בלויז לויטן נאָמען, נאָר אויך אין דער מאַיעסטעטישער עלעמענטישקייט זיינער, וואָס פאַר־אייניקט זיך אין אַ שטיל רעליגיעזער עקסטאַטישקייט מיט דעם אַרום. אַזוי איז דאָס אויך דער „מיסטעריען"־מענטש, וואָס אָטעמט מיט סוד און אומענדלעכקייט פון ים. — האַמסון זינגט אויס אַ ליריש־עפּישן הימן צו אור־סטיכישער בראשיתדיקייט אין דער נאַטור. סיי זיינע פּערסאָנאַזשן, סיי זיינע פּייזאַזשן זענען אַ שעלישער „פּערעדייז אָוו ווילדערנעסעס", וווּ יעדער נאַטור־טייל און אויך דער מענטש — איז ווי אַ דינאַמיש קיילעכל קוועקזילבער: עס האָט אייגענע שלימות, אָבער ס'איז גרייט יעדע רגע זיך אופצולייזן אין דינאַמישן אַלץ.

*

אָבער האַמסונען איז נישט באַשערט געווען צו ענדיקן זיין וועג אונטער די שטראַלן פון זיין אומשטערבלעכן רום. און מיר האָבן נישט קיין „פאַל האַמסון", — ווי מיר האָבן כמעט מיטן רוב גרויסע שעפערס, — נאָר האַמסונס פאַל: דאָס פאַלן פון אַזאַ הייך אין אַזאַ טיף!

איינער פון זיינע ראָמאַנען האָט דעם נאָמען: „דאָס לעצטע קאַפּיטל". אָבער דאָס לעצטע קאַפּיטל האַמסונס איז — זיין שענדלעכער מאָראַלישער טויט אונטערן שאָטן פון גרויליקן האַקנקרייץ.

אין דער ליטעראַטור־געשיכטע זענען פאַראַן פילביישפּילן פון איינברעכן זיך, פון איבערגיין צום „שטאַרקן". אָבער פאַר האַמסונס מאָראַלישן הויך־פאַראַט בלייבן מיר שטיין אין הילפלאָזער פאַרצווייפלונג. ער, דער זינגער און זעער פון גייסטיקן אַדל, פון נשמהדיקער סובטעלקייט;

דער פּלאַסטיקער פון אַזויפיל פּיינע, עטערישע רעגונגען און עקסטאַזן, — זאָל צושטיין צו די האַרדעס פון טעוטאָנישן וואַלד! ער, וואָס איז כולו יום־טובדיקע דערהייבונג איבער יעדער וואָכעדיקער וווּלגאַריטעט — זאָל צושטיין צו די העסלעכסטע מאָנסטערס בצורת מענטש?! אמת, האַמסונס אָפּנייגונג קעגן ראַציאָנעלן, קעגן דער מעכאַנישער ציוויליזאַציע, מיט איר טעמפּאָ און טעמפּן סטאַנדאַרט, — האָט געלאָזט אָפּן אַן אַנטריי־נונגס־טיר אין עווענטועלע אומגעריכטקייטן. אָבער דער שפּרונג פון איראַציאָנאַליזם צום ראַסיסטישן דזשונגל — איז אומגעהייער. —

אַ טראַגישע מיסטיפיקאַציע: אין דראַנג צו מיסטיק האָט האַמסון זיך אָנגעכאַפּט אין — מיסטיקן נאַציזם.

און מיר האָבן געזען דעם טראַגישן בורלעסק ווען דער פּאַטריאַרך פון דער אייראָפּעישער ליטעראַטור האָט זיך געטובלט אין „ריין־ראַסיקן" שמוץ פון דער נאָרדישער אונטערוועלט — דעם שדים־זומפּ, באַצויגן מיט אַ שימל־גרין הייטל פון געבעלס קולטור־געמויזעכץ, פון וועלכן עס האָבן אויפגעטויכט די מאָנסטערס פון „דריטן רייך": פּערווערזע גראַפּאָ־מאַנען, דעגענערירטע אַלפאָנסן, סם־פּובליציסטן, גאָרגל־שניידערס און קרימינעלע משוגעים.

האַמסון צווישן די אידעאָלאָגן פון דער מיסטיקער „לערע", צוזאַמענ־געקלעפּט פון פּאַרדרייטע — אָפּט „צעדרייטע" — פּסוקים פון קאַרלייל, ניטשע, צי טשעמבערלען־גאָבינאָס ראַסיסטישער מעגאַלאָמאַניע — אַ שוידערלעכער מעזאַליאַנס!

פּאַראַן ביי האַמסונען אַ ליד: „ס'פּאַרגעסט זיך דאָך אַלץ אין אַ יאָרהונדערט אַרום". אָבער האַמסון איז געווען צו גרויס אין זיין רום — און זיין מאָראַלישער קראַך צו צעשמעטערנדיק — כדי צו ווערן פּאַרגעסן.

אַ פּאַראַדאָקסאַלע דערשיינונג: האַמסון וועט לעבן — סיי אין זיין רום, סיי אין זיין אינפאַמיע.

זיין שענדלעך לעצט קאַפּיטל קאָן נישט (און דאַרף נישט) פּאַרשטעלן פאַר אונדז דעם מאַגישן רייץ פון זיינע „מיסטעריען".

אָבער די מיסטעריע פון זיין שענדלעכן לעצטן קאַפּיטל האָט ער מיטגענומען אין דער אייביקייט...

וואַן גאָג

(1853 — 1890)

ווינסענט וואַן גאָג האָט געמאָלן און געצייכנט מערערע כאַראַקטעריס־טישע אויטאָפּאָרטרעטן.

אָבער דעם בעסטן אויטאָפּאָרטרעט האָט ער געמאָלן מיט דער פּען. זיינע בריוו — און קודם־כל זיינע בריוו צו זיין ברודער־מעצענאַט טעאָ — זענען אַן אויסערגעוויינלעך זעלבסט־בילד פון אַן אויסערגעוויינלעכן מענטש און קינסטלער. (זיי וויזן גלייכצייטיק אויך דאָס שיינע געשטאַלט פון זיין ברודער טעאָ, וואָס האָט אים געהאָלפן מיט זיינע מאָגערע מיטלען).

געטע האָט אין איינעם פון זיינע טיש־געשפּרעכן, זיך אויסגעדריקט וועגן שילערן, אַז זיינע בריוו געהערן צום בעסטן וואָס ער האָט געשריבן. און דאָס זעלבע קאָן געזאָגט ווערן וועגן אַנדערע רייכע פּערזענלעכקייטן.

וואַן גאָגס צאָלרייכע בריוו צו זיין ברודער טעאָ זענען אַ פאַרבנרייכע ליטעראַרישע פּאַנאָראַמע. זיי זענען געשריבן אין אַ פּערפעקטן סטיל און שטעלן מיט זיך פאָר, צו גלייכער צייט, אַן אויטאָביאָגראַפיע, ווידוי, קונסט־טראַקטאַט, פילאָזאָפישע אָפּהאַנדלונגען און אַ הויך־פּאָעטישע טראַ־געדיע, אין וועלכער ער איז אַליין געווען דער הויפּט־העלד.

וואַן גאָג האָט דורכגעמאַכט אַ סך גלגולים, ביז ער האָט זיך אַליין אַנטדעקט. ער, דער זון פון אַ האָלענדישן גלח, האָט געבלאָנדזשעט אויף פאַרשיידענע אומוועגן. ער איז געווען אַן אָנגעשטעלטער אין קונסט־מאַגאַזינען, לערער, סטודענט אין אַ גלחישן סעמינאַר, וועלטלעכער עוואַנגעליסט און וואַגאַבונד.

ביז ער האָט דערזען —

„די נאַטור האָט מיר עפּעס דערציילט... און איך האָב דאָס איבער־געשריבן סטענאָגראַפיש... איך בין זיכער, אַז איך האָב אַן אינסטינקט פאַר קאָליר... אַז מאָלעריי איז דער סאַמע ביין און מאַרך פון מיר. איך פיל אַזאַ שעפערישע קראַפט“...

נאָך זיין דורכפאַל אין גלחישן־סעמינאַר האָט דער יונגערווינסענט — דאַן אונטערן שטאַרקן איינפלוס פון קריסטנטום — נישט רעזיגנירט און זיך מאָביליזירט ווי אַ „וועלטלעכער" עוואַנגעליקער אין איינעם פון די אָרעמסטע געגנטן פון בעלגיע — דעם קוילנגרובן־צענטער אין דער באָרינאַזש געגנט. די שרעקלעכע באַדינגונגען פון די אומגליקלעכע קוילנגרעבער — שמוץ, נויט, קראַנקייט און אָפטע קאַטאַסטראָפעס ווי אַ צולאָג — האָבן טיף באַאיינדרוקט ווינסענטס פילבאַר האַרץ. ער האָט זיך פשוט מקריב געווען פאַר די עלנטע מענטשן. אַוועקגעגעבן דעם ביסן פון מויל, זיין קליידונג. ער האָט אַפילו נישט געוואָלט שלאָפן אין קיין לייטישער וווינונג, נאָר אין ערגעץ אַ שמוציקער קאַמער אויף דער ערד.

וואָן גאָג האָט מיט זיין ווערטלעכן אויסטייטשן דאָס צענטראַלע קריסטלעכע געבאָט, געטאָן אַ קנאַפּע טובה דעם קריסטנטום; ער איז מיט זיינע טאָטן פון זעלבסט־קרבן, געווען אַן עדות פון דער אַבסורדאַליקייט פון דער קריסטלעכער לערע...

דאָס קריסטנטום איז אַ פּאַראַדאָקס צום לעבן...

אָבער הגם וואַן גאָג האָט זיך גיך אויסגעניכטערט פון זיין רעליגיעזן גלויבן, יעדנפאַלס פונעם אָפיציעלן קירכלעכן קריסטנטום, איז דאָך געבליבן אין אים אַ וועזנטלעכער שטריך פון אידעאַליזם, פון מסירת נפש — ער האָט זיך מקריב געווען פאַר דער קונסט:

„אָט דער גאָט פון די קלעריקאַלן איז פאַר מיר טויט ווי אַ טיר־טשוואָק... אָבער איך ליב... אויב מיר לעבן, איז אין דעם פאַראַן עפּעס מיסטעריעזעס. רופט דאָס גאָט, אָדער מענטשלעכע נאַטור"...

זיין קורץ לעבן איז געווען אומגעהייער רייך נישט בלויז אין קינסט־לערישע דערגרייכונגען נאָר אויך אין כסדרדיקע דורכפאַלן. ער איז געווען איינער פון די לעבעדיקסטע קינסטלער, אָבער גאָר אַ קנאַפּער קינסטלער פון לעבן... זיין לעבן, געענדיקט דורך זעלבסטמאָרד אין עלטער פון 37 יאָר, איז געווען אַ טראַגעדיע אין מערערע אַקטן.

דאָס נישט פאַרשטיין ווערן פון זיין סביבה.

זיינע גרויסע דורכפאַלן אין זיין געפילס־לעבן.

ער איז געווען אויסערלעך מיאוס.

און ס'איז איראָניש פונעם אומבאַקאַנטן לעבנס־געשטאַלטיקער, וואָס שאַפט שטאַרקע אינטעלעקטן אין קראַנקע מוחות; אַזאַ הערלעכקייט אין אַזאַ מיאוסער פאָרם; אַזאַ שטאַרקן גייסט־שטראָם אין אַזעלכע שוואַכע נערוון־דראָטן...

ער האָט געליבט אין זיינע אומגליקלעכע ליבעס מיט אַ בוכשטעבלעך ברענענדיקער ליידנשאַפט. צווישן די מיידלעך וואָס האָבן אָפּגעוואָרפן זיינע חתונה־פאָרשלאָגן, איז געווען זיינע אַ קוזינע. איז ער איינמאָל געקומען זי זען אין אירע עלטערנס הויז. זי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו זען אים. וואָן גאָג האָט דאַן געהאַלטן זיין האַנט אויפן פייער פון אַ לאָמפּ, דערקלערנדיק, אַז ער וויל זי זען כאָטש בלויז אַזוי לאַנג ווי ער וועט קאָנען האַלטן זיין האַנט אויפן פייער. זי איז נישט געקומען. וואָן גאָג איז אַוועקגעפאַלן אַ פאַרחלשטער.

ער האָט זיך שפּעטער מקריב געווען פאַר אַן אַנדער געליבטער — דער מוזע פון זיין שיינער קונסט. געגאַנגען קרוע בלוי. כראָניש גע־הונגערט, דערנערט זיך — אין די זאַטע הפסקות — מיט אַ טרוקן שטיקל ברויט און קאַווע. דעם גרעסטן טייל פונעם געלט, וואָס זיין ברודער האָט אים געשיקט, האָט ער אויסגעגעבן אויף מאָלעריי־מכשירים, מאַטעריאַלן און אויף באַצאָלן מאָדעלן. דער אומגעהייערער פאַרנעם פון זיין טיטאַ־נישער אַרבעט ביי די ערגסטע באַדינגונגען, האָט עפּעס פון סטעפּאַן צווייגס זאָגן וועגן אַ קינסטלערס מיסיע אַריינצוּוואַרפן זיך אין דער קונסט, ווי פאַבריציוס אין תהום.

און ער שרייבט צו זיין ברודער:

„ס'איז אמת, ווען איך באַקום געלט, איז מיין גרעסטער אַפּעטיט נישט שפּייז, הגם איך האָב געפאַסט... דער אַפּעטיט צו מאָלן איז אַלץ שטאַרקער און איך הייב גלייך אָן אַ יאָגד אויף מאָדעלן... ביז דאָס געלט גייט אויס און מיינע מלבושים זענען אין שלעכטן צושטאַנד, ווייל כ'האָב זיי געטראָגן פאַר צוויי יאָר".

אָבער וואָן גאָג איז זיכער, אַז דער קרבן איז כדאי.

„די וועלט... רעספּעקטירט נישט די הומאַניטעט אין מענטש, נאָר

דעם גרעסטן ווערט פון זיין באַזיץ, וואָס ער פירט מיט זיך אַזוי לאַנג ווי ער איז אויף דער זייט פונעם קבר... דעריבער גייט די וועלט נאָר אַזוי וויט ווי אירע פיס טראָגן זי".

ער זעט אַז „...לעבן איז נאָר אַ מין פאַרזיי־צייט, און דער שניט איז נישט דאָ".

*

אַט דעם טראַגישן קינסטלערס בריוו — קונסט־ווערק פון אַ הויכער מדרגה — זענען פענצטער אין די נשמהדיקע חדרי חדרים פון אַ לעגענדאַריש געוואָרענער געשטאַלט. מען זעט דאָ: זיין העראָישן גערנגל גובר צו זיין די אומצייליקע אבני נגף; זיין שווערן וועג איבערן באַרג פון כלערליי טריוויאַלע, אַלטעגלעכע פּראָבלעמען; זיין סענסיטיווע זיבלעכקייט — און זיין מוזן באַנוגענען זיך מיט „דריי־פראַנק־פּרויען"; זיין לויטערן אידעאַליזם און געניאַלע נאַיוויטעט, וואָס האָט, ווי אַ שאַרפע סובסטאַנץ, אויפגעלייזט פאַרפלאָנטערטע לעבנס־דערשיינונגען צו זייערע אור־עלעמענטן; זיין לאַבאָראַטאָריע פון פיין, קינסטלערישע חבלי לידה, טיפע זעונגען און נשמה־קאָנוולסיעס; אינטערעסאַנטע, גייסטרייכע אָפּהאַנדלונגען וועגן קונסט בכלל און וועגן נייעם מעטאָד בפרט: און לסוף, דאָס וווּנדער פון זיין קינסטלערישער קאַפּאַציטעט, דער אומגעהייערער קרעאַטיווער אימפּעט פון שאַפן הונדערטער מייסטערהאַפטע בילדער און צייכענונגען דורכן קורצן פעריאָד פון וואָסערע צען יאָר!

אַט די ווונדערלעכע בריוו זענען אַ לעקטור פון זעלטענער גייסטיקער דערהויבונג און גלייכצייטיק ברענענדיקער פיין. עס הויכט פון זיי און פון זייער שרייבער מיט דער אַלט־גריכישער טראַגיק, ווו די הייך פונעם העלד איז אַנטשפּרעכנדיק צו דער תהום־טיפקייט פון זיין פיין. עס הויכט פון זיי די געניאַלע פשטות און אויפריכטיקייט פון מאַרק אורעליוס טאָגביכער און רוסאָס „ווידוי". אַט איז אַ מענטש — אַ לעגענדע; אַ קינסטלער — אַ סימבאָל; אַ העלזעערישע פּערזענלעכקייט, וואָס האָט טיף געבליקט אין דער אינערלעכקייט פון זאַכן, פונעם באַשאַף, פונעם מענטשן. אַ שעפער, וואָס האָט נאָך ווי אַ צוואַנציק־יאָריקער יונגערמאַן

פראָקלאַמירט אַז „הומאַניטעט איז דאָס זאַלץ פון לעבן; אָן דעם האָב איך נישט קיין חשק צו לעבן״... אָט איז דער סימבאָל פונעם אומשטערב־לעכן קינסטלער וואָס ווערט געבוירן דורך זיין טויט; דער זון־אויפגאַנג פון זיין רום נאָכן זון־אונטערגאַנג פון זיין לעבן: ביי זיין לעבן איז נאָר איין בילד זיינס פאַרקויפט געוואָרן... אָט איז דער מענטש — וואָס זיין זוניק האַרץ האָט נישט געהאַט וועמען צו וואַרעמען... און ער האָט געשריבן די האַרץ־קלעמענדיקע ווערטער:

„ס׳קאָן זיין אַ גרויס פייער אין אַ נשמה, און קיינער קומט קיינמאָל נישט זיך צו וואַרעמען ביי אים״...

אָט איז אַ גרויסער קינסטלער — אַ גרויסער מענטש וואָס האָט כסדר געקרייזט אַרום דעם מיסטישן פייער פון דער שיינקייט — און אָפּגעברענט זיינע פליגלען...

און ער, דער אומאָנערקענטער, אין עלנט זיך ראַנגלענדיקער קינסט־לער, האָט געשריבן אין אַ בריוו: „מיך, גרוילט פאַר דערפאָלג״. אַ קינסט־לער וואָס האָט געשריבן אין אַ בריוו (צו אַ פריינט): „אָן איבערלעבונג פון שיינקייט איז, ווי מין־באַהעפטונג, אַ בליק פון דער אייביקייט״.

און אַזעלכע שטיל שיינענדיקע פּערלען און פינקלענדיקע דימענטן זענען צעזייט און צעשפּרייט אויפן צויבער־טעפּיך פון זיינע בריוו.

ווינסענט וואַן גאָג האָט, ווי אַ סך טראַגישע גאונים, געפּילט די געשפּענסטיקע האַנט פון פאַטום. צו אַלע זיינע גרויסע ליידן — נאָך גרעסערע צוליב זיין קינסטלערישער שפּירעוודיקייט — האָט נאָך דער גורל־גרויל געגרייט פאַר אים דעם שרעקלעכן פינאַל: זיין געשלאָגן ווערן מיט משוגעת־אויסברוכן אין די לעצטע צוויי יאָר פון זיין לעבן, וואָס האָט אים ענדלעך דערפירט צו זעלבסטמאָרד אין עלטער פון 37 יאָר.

דער העלד פון דער טראַגעדיע האָט „אויפגעפירט״ דעם לעצטן אַקט און ס׳גייט דורך אַ סאָפאָקלעס־סקרוך דורכן לייב.

שטיל וויינען ווערלענישע אָסיענדיקע פידלען —
אַ נאָמען ניגונט דורך די צייטן: ווינסענט וואַן גאָג...

פאַנאַיט איסטראַטי

(1884 — 1935)

פאַנאַיט איסטראַטי איז אַ קינסטלער, וועמענס ווערק איז אַ האַר־מאָנישע גאַנצקייט פון הומאַניסטיש עטישער מיסיע און קינסטלערישן געשטאַלטונגס־כוח.

עס איז אַ געוויינלעכע דערשיינונג ביי שרייבער־פּרעדיקערס, אַז נישט־נאָר איבערצייגן נישט זייערע לעבלאָזע געשטאַלטן־מעדיומס, נאָר אַפילו אויך נישט די דורך זיי פאַרקערפּערטע אידעאַלן.

איסטראַטי איז — ווי אַ קינסטלער — אַ ווונדערלעכער מאָלער וואָס גיט מיט רעליעפע שטריכן דאָס עיקרדיקע פון טיפּן, סביבה און לאַנד־שאַפטן, רעאַל־וואָר געשילדערט אין זיינע עקזאָטישע אייל־בילדער — דער 20־בענדיקער עפּאָפּייע פון אָרעמען, ליידנדיקן און געפּלאָגטן מענטש.

ווי אַן עטישע פּערזענלעכקייט, אַ הומאַניסטישער פאָנענטרעגער, איז ער אפשר אומפאַרגלייכלעך אין דער נייער אייראָפּעישער ליטעראַטור (אַ חוץ מאַקסים גאָרקי) אַלס די געלייטערטע „שטים פון פאָלק". פון די טיפענישן פון סאָציאַלן „דנאָ" זיך דערהויבן צו לויטערע מענטשלעכע און קינסטלערישע ספערן.

עס זענען אין דער אייראָפּעישער ליטעראַטור פון די לעצטע דורות געווען אַ סך הומאַניסטן־קינסטלערס (הגם אַלס קינסטלערס זענען מאַנכע פיל באַדייטנדיקער פון אים) אָבער ביי קיינעם, דאַכט זיך, האָט נישט געברענט מיט אַזאַ העל־פאַרצערנדיקן פלאַם די פּאַסיע פון גערעכטיקייט, די נאָסטאַלגיע צום אמת און די תשוקה צו אַלמענטשלעכער דערלייזונג, ווי ביי דעם וואַגאַבונד פון קליינעם באַלקאַנישן בבל: בראַילע.

טאָלסטאָי איז גרויס און לעבעדיק־ווירקנדיק מיט זיין מעכטיקער דעמאַסקירונג פונעם טראַגי־קאָמישן מאַסקאַראַד: „אייראָפּעישע ציוויליזאַציע". און, אין ברייטערן זין: „מענטשלעכע געזעלשאַפט", אינסטיטוציעס, סטאַנדאַרטן. אָבער ביי דער גאַנצער פאַרערונג צו דעם גרויסן

גייסט מוז מען געדענקען, אַז ער האָט זיך אַ לעבן־לאַנג געראַנגלט מיט זיין דעמאָן־מלאך און נישט געוואָרן קיין „ישראל"... ער האָט גובר געווען זיין דעמאָן ערשט דאַן, ווען אים איז געקומען צו הילף דער שטאַרקערער מלאך — דער מלאך המות: צו 84 יאָר איז אונדזער ערן־פויער אַנטלאָפן פון פּריצישן גוט — שטאַרבן. מען מוז אויך געדענקען, אַז טאָלסטאָיס הומאַניזם איז מער אַן אויסגעדענקטער, אַ רעזולטאַט פון אַ לאַנגיאָריקן שקול הדעת, וואָס אַן ערנסטער, רעכטפערטיקער און זוכנדיקער אינטע־לעקט האָט געפירט וועגן מענטש און זיין גורל אויף דער ערד.

ביי איסטראַטין רעדט די שפּראַך פון האַרץ.

אין „קירא קיראַלינאַ" זאָגט די מוטער צו אירע קינדער „...זיי נישט קיין געצוווּנגענע צנועה, זיי שוין בעסער אַן אויסגעלאַסענע, אָבער אַן אויס־געלאַסענע מיט האַרץ, מיט מוט און כאַראַקטער... זיי אפילו אַ גנב, אָבער וואָס האָט אַ האַרץ, ווייל אַ מענטש אָן אַ האַרץ איז אַ מת"...

אין דער „דאָמניצאַ פון סנאַגאָוו" ווערט מיטן מויל פון דער ווונדער־לעכער קעמפּערין־פרוי געגעבן די דעפיניציע פון היידוק: „דאָס איז אַ מענטש, וואָס איז געבוירן גוט, און בלויז די גוטסקייט טיילט אונדז אָפּ פון חיהשקייט: זי איז די איינציקע אויסגעצייכנטקייט פון מענטשלעכן לעבן".

איסטראַטי איז נישט קיין אַפּאָסטאָל פון סתם „ליבע". (פאַראַן אין זיינע ווערק אַ שמץ פון אכזריות לגבי טיראַנען און „בלוטזויגערס", אַ נקמה־קאָמפּלעקס, וואָס שאַקירט אָפט מיט דער „קעגן־אכזריות": אַ ברוכטייל פון סאַדיזם). ער איז גיכער דער קינסטלער, וואָס איז באַשאַנ־קען מיט אַ ליידער זעלטענעם חוש: עמפּינדלעכקייט פאַר דעם מיטמענטש. עס דאַכט זיך, אַז ער הערט דעם שטילן זיפץ פון יעדן אומגליקלעכן, און זעט די הילפלאָזע טרער פון יעדן געפייניקטן.

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין תהום פון דער מענטשלעכער געזעל־שאַפט: צווישן וואַגאַבונדן, שיכורים, שמוגלערס, געפאַלענע פרויען, און אומעטום געפונען מענטשלעך־נאָבעלע געפילן, פונקען פון אַן אינערלעכן פייער וואָס האָט געטליעט אונטערן אש פון ירושה, סביבה און סאָציאַלע קאָרופּציע.

איסטראַטיס פּערסאָנאַזשן ווירקן מיט זייער פּרימיטיוועֶר גבורה און אָריגינאַליטעט. זיי זענען ווי רויע פּירות — האַרב, אָבער מיט פרישן זאַפט און אַראָמאַט, און נישט קיין זיסלעכע, קולטיווירטע „קאָנסערוון" — אָן דער בראשיתדיקער פרישקייט.

זשאַיצע איסטראַטי, פּאַנאַיטס מוטער, איז געווען איינע פון די שענסטע געשטאַלטן. אָט די אָרעמע רומענישע וועשערין, די פאַרשעמטע עגונה, איז געווען אַן אַריסטאָקראַטין פון גייסט און כאַראַקטער, וואָס איז זעלטן צו געפינען.

די וועשערין זשאַיצע האָט מיט העלדישקייט געטראָגן שווערע קוישן וועש און די נאָך שווערערע משא פון איר עלנטקייט. אָבער מיט איר גרויס האַרץ האָט זי באַשטראַלט זיין בלוט און זיין לעבן, — און איר אָרעם ייִנגל איז געוואָרן דער גרעסטער העראָלד פון מענטשלעכקייט, דאָס געוויסן פון אייראָפּע און פון דער וועלט.

פּאַנאַיטס דעזערטירטער פאָטער, איז געווען אַ גריכישער שמוגלער. און ס'שיינט אַז פון אים האָט ער גערירשנט זיין וואַגאַבונדישע אומגע־צוימטקייט און הפקרות. אָט די אייגנשאַפטן האָבן זיך גליקלעך פאַרייניקט מיט זיין נאָבלקייט, זיין עלעמענטישן אמת, צדק און יושר — און ס'האָט זיך באַקומען דער אידעַלער ריטער פון הומאַניזם — פּאַנאַיט איסטראַטי.

דער וואַגאַבונד בינדט זיך נישט־צו צו דער ערד, צום באַגרענעצטן שטיקל פּלאַץ; זיינע אויגן זענען אָנגעווייעט מיט אַ חלום, מיט אַ נאָסטאַל־גישן דורשט נאָך נייעם, שענערן. אויך צו גייסטיקע לאַנדשאַפטן, צו אידעאַלאָגישע ווינקלען און פּאָליטישע אל המנוחה ואל הנחלה — בינדט ער זיך נישט צו — —

איסטראַטי האָט זיך אַליין כאַראַקטעריזירט ווי אַ שטרענגן קעגנער פון קונסט לשם קונסט, ווי אַ מיליטאַנטישן און טענדענציעזן ליטעראַרישן פּראָפּאַגאַנדיסט. אָבער ער איז געווען און געבליבן אַ גרויסער קינסטלער — אַפילו אין זיין פאַרלייקענען די „ריינע קונסט"... ער זאָגט אין זיין „אויטאָביאָגראַפיע":

„מיין קונסט וועט נישט זיין די קונסט פון יענע, וואָס גייען אויף

ליטעראַרישע יאַרידן אויסצובייטן מענטשלעכע לײַדן אויף פעסטע מטבעות״.

„כל זמן קונסט קאָן דעם מענטש נישט מאַכן בעסער, האָבן מיר נישט קיין רעכט צו רעדן פון קונסט״.

עס קאָן זײַן, אַז ביי איסטראַטין ווירקט עסטעטיש נישט בלויז דאָס עסטעטיש־קינסטלערישע, — וואָס ער פאַרמאָגט אין אַ גרויסער מאָס, — נאָר אויך דאָס אמתדיקע און יושרדיקע ווירקט זיך אויס צוליב דער געוואַלדיקער אינטענסיוויקייט — עסטעטיש.

דאָס וואָרט פון די נביאים, קינסטלערס און הומאַניסטן ווערט, אין פלאַם פון זייער אינספּירירטן הומאַנישן פּאַטאָס, געבויגן אין די שענסטע פאָרמען. ערגעץ מוז דאָך זײַן אַן אײינציקער אור־קוואַל, פון וועלכן ס׳שפּרודלען די צעצווייגטע שטראָמען פון שיין און גוט — —

דערשינען פון זעלבן מחבר:

נאָקטורן, לידער, פאַרלאַג „אות״, וואַרשע 1938.

ליטעראַרישע סילועטן, עסייען, אַרויסגעגעבן פון קולטור־אַמט, ביים צענטראַל־קאָמיטעט פון די באַפרייטע יידן אין מינכען, 1949.

לידער, אַרויסגעגעבן פון מחבר, מינכען, 1950.

עפּיגראַמאַטיש, אַרויסגעגעבן פון אַ גרופּע פריינט, מאָנטרעאַל, 1954.

ביז־היינט דערשינענע ביכער אין פאַרלאַג „המנורה":

אַנאַ פראַנק — **טאָגבוך פון אַ מיידל.**

ש. פראַנק — **טאָגבוך פון לאָדזשער געטאָ.**

באָריס פּאַסטערנאַק — **דאָקטאָר זשיוואַגאָ, 2 בענד.**

מ. מאַן — **דאָס הויז צווישן דערנער** (18 ישראל־נאָוועלן)

ראָבערט סענט דזשאָן — **דוד בן־גוריון** (לעבנסגעשיכטע פון אַן אומגעוויינ־לעכן מענטש).

מיכאל ווייכערט — **זכרונות, 1־טע טייל.**

מיכאל ווייכערט — **וואַרשע, זכרונות 2־טע טייל.**

מיכאל ווייכערט — **יידישע אַליינהילף.**

אַנדרעי שוואַרץ־באַרט — **דער לעצטער פון די צדיקים.**

שלמה שנהוד — **מיט חלום איבער תהום,** לידער.

לענאַ קיכלער־זילבערמאַן — **מיינע הונדערט קינדער,** מיט אַ פאָרוואָרט פון רחל ינאית בן־צבי — ישראל־פּרעזידענטס פרוי.

אבא גאָרדין — **שלמה המלך,** היסטאָרישער ראָמאַן.

אבא גאָרדין — **משה,** זיין לעבן און לערע.

משה וויטיעס — **מסות על ספרות** (עסייען וועגן ליטעראַטור). — העברעיש.

יוסף פּאַפּיערניקאָוו — **פּרי גני** (**פּירות פון מיין גאָרטן**), (לידער אין העברעיש).

ד"ר יעקב צינעמאַן — **עמיל זאָלאַ,** אַ לעבן פון אַ שרייבער און קעמפער, (פּרעמירט דורך אַדאָלף־ניומאַן פאָנד).

מ. צאַנין — **תל־עולם.** מסע על פני 100 קהילות נחרבות. (העברעיש).

אברהם קריב — **ליטא מכורתי — מיין היימלאַנד ליטע.** עברית־יידיש.

יחזקאל בראָנשטיין — **פון אייגן הויז.** עסייען און שרייבער, וואָס איך האָב געקענט.

מאיר זימל טקאַטש — **מיין האָב און גאָב.** געזאַמלטע פערזן. **2־טער באַנד.**

פּיאָטער ראַוויטש — **דם השמים.** פון פראַנצויזיש (העברעיש).

ד"ר ר. בן־שם — **אני והוא.** פסיכולוגיה פרוידיאנית (העברעיש).

דב שילאַנסקי — **מוזלמאַן** (ענגליש).

הרב אברהם העפּטערמאַן — **אַזוי לעבן יידן.** רבנים, ראַבאַיס און סתם־יידן אין אַמעריקאַנער כתרילעווקע.

י. גאָלדקאָרן — **פון וועלט־קוואַל.** קליינע עסייען וועגן גרויסע מענטשן.

ביכער אין דרוק:

יעקב בנאי — **אומבאַקאַנטע זעלנער.** די לח"י־אַקציעס קעגן דער מאַנדאַט־מאַכט אין ארץ־ישראל, **2 בענד.**

פּיאָטר ראַוויטש — **דם השמים.** פון פראַנצויזיש. (העברעיש).

ש. י. עגנון — **פון דאַנען און פון דאָרטן.** 7 סיפּורים און נאָך איינער.

י. גאָלדקאָרן — **לאָדזשער פּאָרטרעטן.** אומגעקומענע שרייבער.

יעקב זינגער — **דער יונגער דזשייקאָב.** ראָמאַן.

אריה בוסתן — **דאָס לעבן פון חיים ווייצמאַן.**

צענטראַלע פאַרשפּרייטונג פאַר דער גאַנצער וועלט פון:

מ. צאַנין — **פולער העברעיש־יידישער ווערטערבוך, 2 בענדער.**

מ. צאַנין — **שבתדיקע שמועס.**

יצחק גרינבוים — **פון מיין דור.**

יהושע שלייען — **איינער האָט זיך געראַטעוועט.**

לעאָן יוריס — **עקזאָדוס, 3 בענד.**

יצחק פערלאָוו — **מיינע 7 גוטע יאָר.**

לאָרד ראַסעל — **די בייטש פון האַקנקרייץ.**

ז. שניאור — **די משומדסטע.**

ז. שניאור — **אַ טאָג עולם־הזה.**

אַלמאַנאַך פון די יידישע שרייבער אין ישראל, 1963.

ש. אַש — **דער נביא.**

תיקון טעות

זייט	שורה		דארף זיין
7	3	פון אונטן	מיין צוגאנג צו די גרויסע שרייבערישע פערזענלעכ־קייטן איז געווען א טאפלטער — ליבע און אפשאצונג: פון איין זייט איז דא מיין באמיונג צו רעפראדוצירן די שיינקייט, טיפקייט און דערהויבנקייט פון קינ־סטלערישע ווויעס און אינטעלעקטועל־עטישן שווונג:
39	8	פון אויבן	דעם באגריף
40	10	,, ,,	ליגן זאגן
43	6	פון אונטן	טיפן־פסיכאלאגיע
43	14	,, ,,	1,600 יאר
44	5	פון אויבן	פיל לויבן דיך
44	12	,, ,,	וואסער, וואס די
60	1	,, ,,	פון עפיקטעט
63	1	פון אונטן	ער איז געווען
64	14	פון אויבן	איך ביז איצט
64	7	פון אונטן	דעם ענגלישן ״ספלין״ — מרה שחורה.
103	9	פון אויבן	״אלמלא קול המונה של רומי היה נשמע קול גלגל חמה״.
104	4–5	פון אונטן	פארשטייט זיך, אז אונדזערע נעגאטיווע אפשאצונגען זענען נוגע בלויז די אזוי־גערופענע ״געלע״ פרעסע, בילִיק — קאמערציעלען זשורנאליזם.
134	3	פון אויבן	זכיות און פרייהייטן
157	3	פון אונטן	און זיין נאטיצן־זאמלונג
178	12	,, ,,	ווי נישט קעגנשטעלן
179	11	,, ,,	וואס וואלט איך
180	13	פון אויבן	לייב־פראפעסיאנאלן
186	2	,, ,,	און אייניקל פון א ״לייב־אייגענעם״!
206	5	פון אונטן	„איך בין אן אלטער, קראנקער און צעבראכענער ייד."
225	10	פון אויבן	די מאָדנעסטע
225	14	,, ,,	דעם באוווסטן שריפטשטעלער
237	5	פון אונטן	און אין פייער
255	4	פון אויבן	הגם די נאטור האט דאס ״געטאן״ אומדירעקט: דורכן באשענקען אים מיט עלטערן־מאָנסטערס, וואס האבן אים געהאלטן פארשפארט אין זייער פאלאץ. ער איז דארט געווארן האלב־בלינד און זיין רוקן אויסגעקרומט פון כסדרדיקן שטודירן אין בי־בליאטעק־תפיסה.
278	10	,, ,,	צו איר טאכטער: